# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Kheshbn No. 1 - January 1946 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/9zc7p5qg

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 1(1)

### Publication Date
1946

### Copyright Information
Copyright 1946 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

רעדאַקטירט:

ה. רויזענבלאַט

י. פרידלאַנד

אליהו טענענהאָלץ

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע ● יאַנואַר, ניינצן הונדערט און זעקס און פערציק



אונזער נייע היים

# אינהאַלט


| | | זייט |
|---|---|---|
| אַ חשבון, ניט קיין סך־הכל | רעדאַקציע | 5 |
| צום ווינדן מערב זינג איך | ה. רויזענבלאַט | 7 |
| אַ יישר כוח | אסתר שומיאַטשער | 10 |
| לאָס אַנגעלעסער אידישער קולטור־קלוב | י. פרידלאַנד | 13 |
| אידיש לעבן אין אַמאַליקן לאָס אַנגעלעס | ישראל אַסמאַן | 21 |
| אידישער קאַמיוניטי קאונסיל | איטשע נחומזאָן | 25 |
| וואָס מיר אינטערעסירט אין אונדזער קלוב | יוסף שפּיגלמאַן | 31 |
| קולטורעלע טעטיקייטן אין לאָס אַנגעלעס | דר. וו. אסטראָווסקי | 33 |
| פרויען צווייג ביים קולטור קלוב | | 36 |
| לאָס אַנגעלעס און דאָס אידישע בוך | א. סופר | 37 |
| אידישע פּרעסע אין לאָס אַנגעלעס | י. ש. נאַומאָוו | 44 |
| וועגן קונסט און צייט | מאַקס באַנד | 52 |
| שוין צוואַנציק יאָר? | אליהו טענענהאָלץ | 54 |
| קאַליפאָרניע | פּינטשע בערמאַן | 57 |
| „דזשוס" אין לאָס אַנדזשעלעס | פּרץ הירשביין | 58 |
| אַן אינטערוויו מיט שלום־עליכם | בראָנזווילער סטאָליער | 63 |
| האליוואוד און סעקאַנד עווניו — אָדער די טראַגעדיע פונ'ם אידישן טעאַטער | י. אַלקאַן | 69 |
| פּירות אויף מיין טיש | ברכה קודלי | 75 |
| זינגעוודיק האָלץ | ה. רויזענבלאַט | 77 |
| נאָטיצן פון אַ געוועזענעם לערער אין דער אידישער פאָלק־שול | ש. שולמאַן | 84 |
| פינף־און־צוואַנציק יאָר אַרבעטער רינג שולן | ל. מעלצער | 89 |
| פרויען לייען קרייזן אין לאָס אַנגעלעס | סימע גאָלדבערג | 94 |
| דער אַרבעטער רינג אין לאָס אַנגעלעס | י. לעוויט | 99 |
| אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד | אַ. באַביטש | 108 |
| דער „איקוף" אין לאָס אַנגעלעס | וו. קעסנער | 111 |
| די בויער פון אונדזער נייער היים | | 114 |
| ביים פרישן קבר פון יוסף שטיינבערג | | 118 |

# אַ חשבון — נישט קיין סך-הכל

אַ פולער חשבון וואָלט מיינען — אַ סך הכל, און דערביי האַלטן מיר נאָך ניט. לעגן מיר אייך פאָר אָט דעם חשבון ניט קיין גאַנצן. די רעדאַקציע ווייסט דאָס און איר, די לייענער וועלן דאָס מסתמא אויך באַמערקן.

און גוט איז וואָס מיר גיבן נאָר אַ חשבון און ניט קיין סך הכל. מיר האָבן נאָך צייט. דער לאָס אַנגעלעסער אידישער ישוב איז נאָך אַ גאַנץ יונגער. ער האַלט זיך ערשט אין געשטאַלטיקן. ער איז פון די סאַמע אינגסטע אידישע ישובים אין לאַנד. אָנגעהויבן ראַשיק וואַקסן האָט ער ערשט אין אָנהויב פון דעם יאָר הונדערט. לכתחילה איז דאָך דער אידישער ישוב ביים פּאַסיפיק געווען אַ מין מעקאַ פאַר לונגען קראַנקע, אַסטמאַטיקער און סתם קראַנקע. נאָך אין דעם אָנהייב פון דעם יאָר הונדערט,, בעת איר זענט אָנגעקומען קיין לאָס אַנגעלעס, האָט מען אייך ארייגעשושקעט אין אויער: עמעץ ביי אייך חלילה . . . מען האָט אייך חושד געווען אַז איר קומט אַהער צוליב דער וואַרעמער, גרינגער און מילדער לופט, און ניט צוליב די שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען וואָס האָבן דאָ, צו יענער צייט, געהערשט אין לאָס אַנגעלעס. ערשט נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט זיך די אידישע אימיגראַציע אַ לאָז געטאָן צום פּאַסיפישן ברעג מיט דער כוונה זיך דאָ צו באַזעצן און טאַקע אויך זוכן אַ תכלית. דער ניי-געקומענער האָט ביי זיך געפּועלט מפקיר צו זיין דרייסיק אָדער אפילו פערציק פּראָצענט פון זיין הכנסה לגבי דער הכנסה וואָס ער האָט גענאָסן אין דער „איסט", אַבי צו זיין אין קאַליפאָרניע. ערשט אין יענע יאָרן האָט זיך דאָ גענומען באַפעסטיקן די אידישע נאָדל-אינדוסטריע; אינסטיטוציעס האָבן זיך גענומען בויען, און אידישע קולטור אינסטיטוציעס האָבן אָנגעהויבן אויפבליען. אין די לעצטע צען, פופצן יאָר האָט דאָס אידישע לעבן אין לאָס אַנגעלעס זיך אַ הייב געטאָן און זיך געשטעלט אויף די פיס. די אינסטיטוציעס זענען אויפגעוואַקסן ווי די שוואומען נאָך אַ רעגן. אַלץ איז ניי, פריש און נאָך ניט גרינטליך איינגעוואָרצלט. אָבער, — אַלע סימנים ווייזן אָן אויף אַ געזונט. נאָרמאַל און וואַקסנדיקן אידישן לעבן.

דאָס אַלץ פאַרענטפערט אָבער פאָרט ניט פאַרוואָס אונדז, די אַרויסגעבער פון דער שריפט, איז ניט געלונגען צו געבן אַ מער פאָלקאָם בילד פון דעם היגן אידישן ישוב. די אורזאַכן זיינען גאַנץ פּשוטע: מיר האָבן

ניט געקענט געפינען גענוג וויליקע שרייבערס דאָ אין שטאָט, וואָס זאָלן אונדז קענען צושטעלן דעם פולן מאַטעריאַל, וואָס וואָלט זיין נויטיק כדי צו מאַכן פאָלקאָמענער דעם חשבון. אַזוי פעלט אונדז אַן אַרטיקל וועגן דער אידישער אַרבעטערשאַפט, אַן אַרטיקל וועגן די היגע רעליגיעזע אינסטיטוציעס און צדקה־אַנשטאַלטן. ניט געווען ווער עס זאָל נעמען אויף זיך דעם געשיכטליכן מאַטעריאַל אויפצוזוכן און אים באַאַרבעטן. דער אידישער ישוב איז נאָך פאַרט יונג. . . .

היינט שטעלן מיר צו נאָך אַ ציפער צום חשבון פון אונדזער אידישן ישוב אין לאָס אַנגעלעס: די נייע ערשט אויפגעבויעטע היים פון דעם „לאָס אַנגעלעסער אידישן קולטור קלוב", אַן אויסגעצאַלטע. אָן חובות און אָן די באַרימטע „מאָרטגיטשעס", — און אין דעם טאָג בעת אונדזער קולטור אָרגאַניזאַציע פייערט איר צוואַנציגסטן יאָר פון עקזיסטענץ. און מיר זענען ניט די איינציקע אָרגאַניזאַציע וואָס קען זיך באַרימען מיט אַזאַ דערגרייכונג. אויף סאָטאָ גאַס עקזיסטירט שוין פאַר מער ווי אַ פּאָר צענדליגג יאָר דאָס פאָלק־הויז, וואו עס געפינט זיך די פאַרבאַנד שול. אויף איסט סנט. לואיס, — דער וואָלאַדעק צענטער, מיט דער אַרבעטער רינג שול; אין סיטי טערעס, — דאָס אַפּרייט פאָלק־הויז מיט איר פיינער פאַרבאַנד שול, און לעצטנס האָט די ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג געקויפט אַ פּרעכטיקן בנין, וואָס באַטרעפט אַריבער $100,000, אַ געביידע וואָס האָט אפשר ניט איר גלייכן אין גאַנצן לאַנד.

דער חשבון וואַקסט, און צום סך הכל — איז נאָך ווייט. לאָמיר האָפן אַז איבער־איאָר וועלן מיר אייך קענען צושטעלן אַ מער פאָלקאָמען חשבון.

**רעדאַקציע.**

ה. רויזענבלאַט

## צום ווילדן מערב זינג איך

עס האָבן זיך אונזערע אַש-גרויע בויד-קאַראַוואַנען
אַריבער די ווייסע סיעראַס צו דיר ניט געצויגן.
מיר האָבן אין אונזערע תפילות,
צו גאָט פון אברהם און יצחק און יעקב,
אַריבער געלאָדענע ביקסן די קעפּ נישט געבויגן.

נישט אונזערע צעלטן, פון דיינע רויט-הויטיקע קריגער געצונדן,
געברענט האָבן אונטער דיין שטאָל-בלויען, נאַכט-קאַלטן הימל
אויף דיינע שוואַרץ-לייביקע פּריירים,
ווי פרישע רויט-בלוטענדע וואונדן.

נישט אונזערע אָרעמס, פאַרברוינט פון דער זון,
האָבן איבער פאַרכמאַרעטע שטראָמען
דיין גאָלד-זאַמד דאָס נאַסע געשאָקלט אין קופּערנע זיפּן.
דאָס בלוט אונזערס האָט נישט געטריפט
פון פאַרבלוטיקטן סקאַלפּ-מעסער דיינעם
אויף אונזערע קרייד-ווייסע גוסס'ע ליפּן.

נישט מיר האָבן שטום, מיט געבויגענע קעפּ פון אבלים,
בא דיר אין דער מדבר דעם קבר דעם ערשטן געגראָבן,
נישט אונזערע סטאַדעס, פאַרשרפהט פון דורשט
און געשוואָלן פון הונגער,
געשפּייזט האָבן דיינע בלוט-דורשטיקע ראָבן.

עס האָבן זיך אונזערע רוקענס אַריבער די גריוועס
פון דיינע היים-בלוטיקע בראָנקאָס אין ווילדן גאַלאָפּ נישט געבויגן.
מיר האָבן מיט ברוינע לאַסאָ-שטריק אין אונזערע הענט
נישט געטאַנצט קעגנאיבער דיין באָפאַלאָ'ס כעס-אָנגעצונדענע אויגן.

נישט אונזערע פיס האָבן איבער דיין באַרג-לאַנד
די וועגן די ערשטע פאַנאַנדערגעטראָטן,
נישט אונזערע הענט האָבן איבער דיין פלאַך-לאַנד דאָס ברוינע
די שטעט און די דערפער די ערשטע פאַנאַנדערגעשאָטן.

ווי קענען צובראָכענע רוקנס,
אויף וועלכע די שטויב-גרויע פעדלער-זעק ליגן,
עלאסטיש צום טאַקט פון דיין גאָלד אין די קופערנע בעקענס זיך וויגן?
ווי קענען די הענט, וועלכע האָבן דעם וואנדערשטאָק דורות און דורות
אויף אַלע פארשאָלטענע וועגן פון גלות געטראָגן,
אנטקעגן די קופערנע אָרעמס און שטאָלענע פויסטן
און סקאלפ-מעסערס דיינע זיך שלאָגן ?

מיר האָבן געווארט און געווארט און געווארט,
ביז אונזערע אויערן האָבן פארנומען
די בלויע געזאנגען פון דיינע שטאָל-בליציקע רעלסן —
דעם טאַנץ פון רויט-אויגיקן שד מיט פאנאנדערגעשויבערטע קודלעס.
אונז האָבן פאַר'שכור'ט די שטאָל-בלויע ווינט-ווייסע ווילדע געזאנגען,
דער שדים-טאַנץ אונטער צעוויכערטע רויך-ברוינע פונקן-וואוואלען—
פאר'סם'ט זענען אונזערע בלוטן,
פאר'סם'ט מיט דעם סם פון די געלע מעטאַלן !

מיר האָבן געהערט, אַז דיין גאָלד-זאמד איז איבערגעוואַשן;
גערייניקט פון מיסט און פון פסולת געלייטערט;
מיר האָבן געהערט :
דיינע פריירים, זיי ליגן ווי קי נאָך אַ פעטער און זאפטיקער פאַשע —
פול-בייכיק, שווער-לייביק, מיט ראָז-פארביק וואַרעמע אייטערס.
מיר האָבן געהערט :
דיינע וועלדער און גאָרטנס און סעדער
זיי ציען אין אייביקע זומערס געהילטע.
די בערג דיינע סטאַרטשען, ווי יונג-אויפגעשפּיציקטע בריסט
מיט ברוין-בלויער מילך איבערפילטע . . . .

מיר האָבן געהערט,
אַז דיין פלינקער רויט-הויטיקער „היהאָ"
אַזוי ווי אַ בער אויף אַ קייט אין דער האַנט פון ציגיינער,
טאַנצט שיכור אין דיינע בונט-פארביקע צירק-באַלאַגאַנען.
און דיינע היים-בלוטיקע בראָנקאָס אין מיסט-וואָגנס שפּל'דיק שפּאַנען.
דער טאָמאָהאַק, בויגן און סקאלפ-מעסער לאַנג שוין
די גזימסן פון דיינע מוזעאומס באַצירן.
די קופּער-געגאָסענע, טונקל-אויגיקע באָפאַלאָס דיינע
באַ דיר אין די „זוס" צווישן פּארביקע פּאַוועס שפּאַצירן.

און דיינע פיל־פארביקע פעלדער —
זיי ליגן צעאַדערט פון ברוין־בלויע שלאַנג־קרומע וועגן.

די דערפער און שטעט דיינע שפּאַרן
פון אונטער דיין ערד־הויט אַפיר זיך,
ווי שוואוימען אין פעלד נאָך אַ וואַרעמען רעגן,
און איבער די טונקעלע בערג־סילועטן,
וואָס שניידן זיך קעגן דיין שטאָל־בלויען מערב־ראַנד הימל,
פאַרווישטע זיך שלעפּן די שאָטנס
פון דיינע ווייס־בלוילעכע בויד־קאַראַוואַנען.

די שרפות, געצונדען אויף דיינע ברוין־בראָנזיקע פּריירים
פון דיינע רויט־הויטיקע שונאים —
קוים־קוים וואָס זיי פלעמלען נאָך טונקל פאַרדרייט אין די פאַלדן
בא דיר אין דעם בונטן פילפאַרביקן פעלקער־געווימל.

אויך אונז וועט דער וויכער פון דיינע גרויס־שטאַטישע גאַסן
פאַרדרייען,
אויך אונז וועט דער הייסער געווירבל
פון דיינע פלינק־קומענדע דורות פאַרוויִיען.
נאָר אויפגיין וועט אונזערס אַ דור נאָך
אַריבער די אַש־בערג פון דיינע שוין לאַנג־אויסגעלאָשענע דורות,
ווי פעניקס גייט אויף פון זיין אייגענעם אומקום אין פייער
מיט פאַרביגע פליגלען פאַנאַנדערגעלאָזן —
אַ יונגער, אַ פלינקער, אַ נייער!

**אסתר שומיאטשער**

# אַ יישר כוח!

מיר האָבן אַזויפיל היימען געבויט, און אַזויפיל היימען האָט מען אונדז חרוב געמאַכט. אונדזער צעשפּרייטקייט איז אפשר דאָך אונדזער שטאַרקייט, ניט נאַציאָנאַלע, נאָר פיזישע שטאַרקייט, וואָס האָט אויסגעהיט, אַז דער אידישער גוף זאָל ניט אָפּגעווישט ווערן פון כדור הארץ.

אונדזער טראַדיציע וויל האָבן, אַז מיט אונדז הויבט זיך אָן דאָס באַשאַף. דער ניגון פון באַשאַף בלאָנדזשעט נאָך אין אונדזער באַוואוסטזיין און וויל ווערן אַ טייל פון אונדזער לייב און לעבן. אַזוי ווי ליבע קען אָן פרייהייט ניט לעבן, אַזוי קען פרייהייט אָן ליבע ניט לעבן. אַזוי איז עס אויך מיט אַ פאָלק וואָס איז שוין טויזנטער יאָרן אָפּגעריסן פון זיינע וואָרצלען, און דורך טויזנטער יאָרן פון גלות דרייען מיר זיך אַרום ווי נאַכטוואַנדלער. מיר האָבן ערגעץ אונדזער נשמה אָנגעוואָרן. עד היום זוכן מיר אַ היים פאַר אונדזערע צעווייטיקטע רמ״ח אברים, מיר זאָלן אונדזער צעשויבערט געמיט געבן געזונטע לופט. אַ ערד פאַר די אומענדלעכעליידן פון פאָלק. מיר זאָלן קאָנען פלאַנצן אַ בוים מיט יענעם געטלעכן ציטער, וואָס בינדט הימל מיט ערד צוזאַמען.

אַזויפיל רעוואָלוציעס האָט שוין די אידישע נשמה דורכגעמאַכט. לעשט זיך דער אידישער גייסט אויס אין איין וועלט־טייל, ווערט אָן אַנדער פייער ערגעץ אַנדערש געבאָרן. שטאַרבט סעדיה גאון אין בבל — קומט אַ פרישער גייסט אויף אין געשטאַלט פון די דיכטער אין שפּאַניע. די דיכטער גיבן דאָס פאָלק אַ השתפחות הנפש, אַ נייעם שטרעבן און נייעם אידישן שטייגן. אידישער גלות־גוילן מיט זיין טויזנט יאָריקן איינגעשטעלטן שטייגער־לעבן איז אויף אַזאַ פיינלעכן און טראַגישן אופן אָפּגעווישט געוואָרן. זיינען מיר ראוי איבערצונעמען די ירושה און שאַפן אַ נייעם פלאַם, וואָס זאָל דאָס אידישע פאָלק געבן גייסט, מוט, כוח, פרייד און געלעכטער? די אידישע ליטע, דאָס לאַנד פון תורה און דלות — אין הונגער און אָרימשאַפט זיינען דאָרט געשאַפן געוואָרן רעליגיעז־עטישע און רעוואָלוציאָנערע שיטות. אַזוי ווי דער חסידיזם, דער רעליגיעזער רענעסאַנס אין דעם אידענטום, אַזוי האָט אויך דער ליטווישער מוסר געבראַכט אַ מאָראַלישע רעוואָלוציע אין לעבן און שטרעבן פון יענע מענטשן.

מיר קערעווען אונדזער שיף אַמאָל מיט אַ קאָמפּאַס, אָבער מערערע מאָל אָן אַ קאָמפּאַס. אָפּט ברענגט עס אונדז צו זאַמדיקע ברעגן און שטורמדיקע וואַסערן. אָפּט ווערט אונדזער שיף צעשמעטערט אָן פעלזיקע ברעגן. מיר, דאָס אַלט און דערפאַרן פאָלק מיט אַזאַ מוראדיקער גלות פאַרגאַנגענהייט, דורך די אַלע דורות פון זיין צעטראָטן און דערנידעריקט — ביי אונדז האָט זיך געדאַרפט שאַפן די פעיאיקייט אַרויסצוקריגן אַ טראָפּן האָניק פון דער ביטערניש פון לעבן.

אין תלמוד איז געזאָגט געוואָרן: „זאָלסט אין כבוד האַלטן די זין פון דער אָרימשאַפט, ווייל זיי זיינען די וואָס האַלטן וואך די תורה" — אין תלמוד איז דאָ אויך אַזאַ זאָג: „אפילו די פייגל אין לופט האָבן פיינט דעם קמצן".

אַנטקעגן וואָס ברענג איך דאָס אויבנדערמאָנטע פון תלמוד? אַנטקעגן דעם, וואָס אונדזערע בעלי טובות אין אַמעריקע שפּירן ניט גענוג די גורלדיקע התחיבותן צום פאָלק. אודאי, מיר דאַרפן שאַפן אַ רוף צוריק צו גאָט, צו דער תורה, צו געזעלשאַפטליכער און קולטורעלער טאָלעראַנץ. אין אַלע דורות האָבן מיר אין זיך געטראָגן דעם אייביקן פלאַם צום לעבן, ממש ווי אַ געטלעכע מיסיע. מיר האָבן אין זיך געפונען כוח אַריבערצוטראָגן חרבונות און גיין ווייטער. אַ הונגעריקער פלאַם צום לעבן האָט אונדז געטריבן. קען אַזאַ הונגעריקער פלאַם געבאָרן ווערן אין אַזאַ זאַט לעבן דאָ אין אַמעריקע?

ר' יוחנן בן זכאי האָט ניט געהאַלטן פון שווערד. ווען רוים באַפאַלט ירושלים און דער סוף איז שוין נאָענט — ראַטעוועט יוחנן בן זכאי די תורה אין אַ קליין שטעטעלע יבנה. ווען ירושלים איז אונטער אַ באַרג אַש, ווערט יבנה די גייסטיקע נשמה פון גלות. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ווען ער וועט אָפּהיטן אידישקייט, וועט דאָס אידישע פאָלק זיין אייביק.

מיר אידן אין לאָס אַנגעלעס — סטיכיש ווערט געשטויסן דאָס לעבן. לויט אַלע סמנים איז קענטיק, אַז דאָס לעבן ווערט דאָ אַזוי געשטויסן, אַז לאָס אַנגעלעס זאָל ווערן דער צווייטער, גרעסטער, אידיש־שאַפנדיקער ישוב נאָך ניו יאָרק. ביים ברעג פון אַטלאַנטיק איז דאָ אַ גרויסע אידישע פעסטונג פון מיליאָנען אידן, וואָס באַגרייפן נאָך ניט זייער כוח און דעם גייסט וואָס וואַרט מען זאָל אָט דעם דורותדיקן פלאַם אַרויסרופן צום לעבן. דאָרטן איז נאָך דערווייל אַ מין גייסטיקע תהו ובהו. דער טויער צו דער גרויסער צוקונפטיקער וועלט — אַזיע — וואו הונדערטער מיליאָנען מענטשן ראַנגלען זיך פאַרשקלאַפטע אין פינסטערניש און געפאַלנקייט, הונדערטער מיליאָנען אויסגעהונגערטע מאָגנס ווילן מאָגען ברויט מיט וואַסער און די פריווילעגיע פון וויסן. דער פּאַסיפישער ברעג וועט האָבן

די זכיה אַריבערצעוואַרפן יענע בריק, וואָס וועט בינדן דעם מזרח מיט דעם מערב. מיר אידן, מיר קאָנען זיין נוציק סײ פאַר זיך און סײ פאַר דער וועלט. אָבער אויפן ערשטן אָרט קומען די התחיבותן צו זיך אַליין, צו אונדזער פאָלק. אַ יבנה דאַרף דאָ געשאַפן ווערן. אַ יבנה, וואָס זאָל אויפן ערשטן אָרט אָפּהיטן אידישקייט און אַרויסרופן צום לעבן שאַפנדיקע כוחות מיר זאָלן קענען גיין ווייטער. ווי זאָגט דער ראש ישיבה אין חיים גראַדעס „מוסרניקעס" „אַז מען קען ניט אַריבער — **מוז מען אַריבער!**"

דער תלמוד פאַרגלייכט דעם אויפטו פון עזראַן צו משה'ס אויפטו. משה האָט געשאַפן דאָס פאָלק, עזרא האָט געשאַפן זיין תורה.

אפילו אונדזער טרויער איז קיין טרויער ניט. אַמאָל האָט טרויער געלייטערט. טרויער האָט גובר געווען צו אַ השתפחות הנפש. שעפעריש כוחות זיינען צום לעבן געקומען. דאָס האָבן מיר אויך אָנגעוואָרן. ערגעץ־וואו בלאָנדזשען מיר דאָך. דער דורותדיקער הונגער נאָך וויסן, לערנען לשם לערנען; תורה לשם תורה, גלויבן לשם גלויבן — די דריי הייליקע באַגריפן זיינען מער ניטאָ אין אונדזער לעבן. קומט מען צו אַ פאַרזאַמלונג וויל מען אָפּדוכענען וואָס שנעלער, און פּטור! אַזוי ווי עס זיינען ניטאָ קיין האַלבע אמת'ן, אַזוי קענען ניט זיין קיין האַלבע און פערטל טאַטן. אַזוי איז עס אויך מיט גלויבן. גלויבן מיר — דאַרפן מיר גלויבן בלב ונפש.. טאָרן מיר ניט גיין אויפן וועג פון קאָמפּראָמיסן. דערפאַר האָבן אונדזערע גלויביקע געהאַט אין זיך דעם כוח צו גיין על קידוש השם.

פירט אונדז אליהו טענענהאָלץ ווייזן דאָס ווינקל וואָס דער קולטור קלוב פון לאָס אַנגעלעס האַלט ביים פאַרענדיקן. דער בנין, אַ יונגער, אַ ליכטיקער, אינעווייניק אידישע בעל מלאכות עסק'ן זיך ביי דער אַרבעט. ווער מאָלט און פּאַסט צו פענסטער, ווער הובלעוועט אַ ברעט. דאָ איז פאַרנומען אַ בעל מלאכה מיט די איינגעבויטע ביכער־שרענק אין די ווענט. דאָ וועט האָבן אַ היים דאָס אידישע בוך. די אויגן פון די אידישע בעל מלאכות לויכטן אויף. מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט עסק'ט מען זיך אַרום בנין, און כאָטש מען באַצאָלט די מענטשן וואָס טוען אַרום דעם, דאָך איז דאָס געפיל, אַז מען טוט אַ אידישע זאַך פאַרן אידישן קיום.

לאָמיר אין כבוד און חשיבות האַלטן דאָס ביסל פאַרמעגן אונדזערס, דאָ זאָל זיין אַ אָפענע טיר פאַר דער באַוועגלעכער קולטור אונדזערער. אַ היים, וואָס זאָל געבן וויסן, מוט, כוח, פרייד און געלעכטער, האָפענונג און ליבע.

אַ יישר כוח, אידישער קולטור קלוב פון לאָס אַנגעלעס!

י. פרידלאַנד

# לאָס אַנגעלעסער אידישער קולטור קלוב

(צו זיין 20־יאָריקן יובל און צו די דערעפנונג
פון דעם נייעם קולטור בנין)

מיט א 20 יאָר צוריק, ווען אויף דער אידישער גאַס האָט זיך אָנגעהויבן א שטאַרק פאַרשאַרפטער קאַמף, צווישן די אידישע פּאַרטיי ריכטונגען פון „לינקס" און „רעכטס", האָט א קליינע גרופּע פון אומפּאַרטייאישע קולטור מענטשן, ניט וועלנדיק צוריבן ווערן צווישן די מילשטיינער פון דעם אַזוי־גערופענעם פּאַרטיי קאַמף, פאַרטראַכט זיך וועגן גרינדן א אידישן איבער־פּאַרטייאישן קולטור קלוב, וואו דער אידישער קולטור מענטש זאָל ביכולת זיין צו פאַרווילן אין א אידישער סביבה און גייסטיק קולטורעל זיך דאָרטן אויסלעבן.

דער ל. א. אידישער קולטור קלוב האָט צו יענער צייט פאַראינטערעסירט א צאָל אינטעליגענטע כוחות, וועלכע זיינען פריי געווען פון וועלכע עס איז פּאַרטיי אנגעזשריקייט, אָבער מיט אַן ערנסטע איבערגעבנקייט פאַרן אידישן וואָרט, פאַר דער אידישער קולטור און אירע שעפער. די קולטור פּראָגראַם פון קלוב האָט זיך נאָכדעם בהדרגה'דיק אויסקריסטאַליזירט, האָט אָנגענומען א באַשטימטן פּנים אָדער א גייסטיקן פּרצוף: ניט זייענדיק צוגעבונדן צו קיין באַשטימטער פּאַרטיי אָדער אָרדן; אויך ניט זייענדיק אונטער דער אויפ־זיכט פון קיין צענטראַלער קולטור קערפּערשאַפט, האָט דער קולטור קלוב די אַלע יאָרן פון זיין עקזיסטירן אָנגעפירט אַן אייגנאַרטיקע זעלבסטשטענ־דיקע קולטור אַקטיוויטעט.

פאַר די 20 יאָר האָט דער קולטור קלוב, יאָר איין, יאָר אויס, און וואָך איין, וואָך אויס, פּלאַנמעסיק דורכגעפירט ליטעראַרישע אָוונטן, כל־ערליי לעקציעס, אידישע קאָנצערטן, שרייבער אָוונטן, אידישע קונסט און ביכער אויסשטעלונגען און פייערונגען פון אונדזערע אידישע יום־טובים. בא די אַלע אָוונטן האָט דער אידישער פאָלקס מענטש געהאַט די געלעגנהייט צו באַקאָנען זיך מיט אונדזער פאַרצווייגטער אידישער ליטעראַטור און אירע שעפער און גייסטיק הנאה געהאַט פון דעם געזונגענעם אידישן פאָלקס־ליד; פּרעכטיק פאַרגעטראָגן פון אונדזערע היגע אידישע קינסטלער: פייגעלע פּאַניץ, מאַרטא ציטלין, בען באַנוס, חזן גלאַדסטאָן, חיים קאָטיליאַנסקי, פּראָפעסאָר לעמקאָוו, חזן יוסעלע ראָזענבלאַט ע"ה, און פאַרשיידענע אַנדערע געסט קינסטלער.

פאַר איינקע יאָר צייט האָט אַרום קולטור קלוב פונקציאָנירט א אידישער

יוגנט קלוב און אויך אַ יוגנטלאַכע דראַמאַטישע סטודיאַ, אונטער דער לייטונג פון דעם אַרטיסט אליהו טענענהאָלץ, גרינדער און מיטגליד פון קולטור קלוב. אַ צאָל פון די יוגנטלאַכע האָבן דורך און אַדאַנק דער „סטודיאַ" געלערנט און שטודירט די שאַפונגען פון אונדזערע אידישע קלאַסיקער, קינסטלער און שריפטשטעלער. אַ צאָל פון די יוגנטלאַכע גאַנץ טאַלאַנטירטע, ווי אסתר אַטלסבערג, שפרה דיטלאָוו, לאה טאַרגום, גורעוויטש, נפתלי לאַנדסבערג, לאה הערמאַן און אַנדערע, פלעגן פון צייט צו צייט אויפטרעטן מיט פאָרלייענונגען און רעציטאַציעס פון אונדזערע אידישע שריפטשטעלער, פון וועלכע אונדזער עולם האָט באמת גייסטיק הנאה געהאַט.

במשך פון די 20 יאָר האָבן באַזוכט און אויפגעטראָטן אין קולטור קלוב כמעט יעדער אידישער שרייבער, קינסטלער און געלערטער פון באַטייט, וועלכער איז צוגעקומען צו אונדזער פאַסיפישן ברעג—אַלע, פון פאַרשיידענע ריכטונגען אין אידישן לעבן, אַזעלכע פּערזענליכקייטן ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי, ה. לייוויק, רודאָלף ראָקער, י. י. שוואַרץ, דוד פינסקי, מ. אָלגין, ש. יאַנאָווסקי, מלך עפשטיין, וויליאַם נאַטאַנזאָן, ברוך גלאַזמאַן, אָסקאַר קאַרטאַזשינסקי, אבא גאָרדאָן, יואל ענטין, מענדל עלקין, זלמן שניאור, ר. מאַהלער, מאַנדלמאַן, סאַלאַמאָן קאָהן, און צענדליקע אַנדערע; חוץ נאַטירלאַך אונדזערע אייגענע חשוב׳ע תושבים שריפטשטעלער: ה. רויזענבלאַט, פּרץ הירשביין, אסתר שומיאַטשער, ש. מילער, י. אַסמאַן, ה. גאָלד, פּנחס בערמאַן, י. נאַומאָוו, ב. גרינפעלד, און אַנדערע.

דער ל. א. אידישער קולטור קלוב, האָט אין דעם רייסטער פון זיין פּראָגראַם אויך אריינגענומען אַן אַרבעט פאַר אַ בעסער אידיש טעאַטער אין לאָס אַנדזשעלעס, און האָט כסדר ווען אַזעלכע פאַרזוכן זיינען געמאַכט געוואָרן, גענומען אַ ניט וויניקן טיכטיקן אַנטייל. חוץ דעם איז דער קולטור קלוב געוואָרן די היים פון יעדן אידישן בינע קינסטלער, סיי ווען זיי האָבן דאָ גאַסטראָלירט, און סיי ווען זיי זיינען דאָ געבליבן אַלס תושבים. אַזוי זיינען דאָ אין קולטור קלוב אויפגעטראָטן, די שוין איצט פאַרשטאָרבענע גרויסע קינסטלער: מאָררים מאָשקאָוויטש, רודאָלף שילדקראַוט, גוסטאַוו שאַכט, לאַזאַר פריד, אַלעקסאַנדער גראַנאַך, און די לעבעדיקע צו לאַנגע יאָר: פּאָול מוני, בעלאַ פינקל, מאָררים שוואַרץ, בן־עמי, ווינאָגראַדאָוו, באַראַטאָוו, גאָלדפאַדן, נאַכבוש, ווענדראָף, בלייפער, מאָלי פּיקאָן, יעקב קאַליך, קורט קאַטש, ראַמאַלערער־קאַטש, און אונדזער אייגענער שבאַייגענער אליהו טענענהאָלץ, און אַנדערע.

דער ל. א. אידישער קולטור קלוב האָט זיך קונה שם געמאַכט, אַדאַנק זיין אומפּאַרטייאישע קולטור אַקטיוויטעט, ניט נאָר אין לאָס אַנדזשעלעס, נאָר איבערן גאַנצן לאַנד פון דער אידישער אַמעריקאַ; צוליב זיין ערנסטע באַציאונג צו אַלע אונדזערע אידישע קולטור פּראָבלעמען און בערך, צוליב זיין מאָראַלישע און פינאַנציעלע הילף צו די מערסטע פון אונדזערע קולטור

נויטן און אַנשטאַלטן, איז דער ל. א. אידישער קולטור קלוב געוואָרן דער אַדרעס פון דער אידישער קולטור באַוועגונג אין לאָס אַנדזשעלעס.

פאַר די לעצטע עטלאַכע יאָר האָט דער קולטור קלוב, חוץ די יאָרלאַכע פינאַנציעלע אונטערנעמונגען וואָס ער אָרדנט איין, לטובת דעם אידישן וויסנ־שאַפטלעכן אינסטיטוט און זיינע יאָרלאַכע ביישטייערונגען צום היגן אידישן שול־וועזן פון אַלע ריכטונגען, אידישע ענציקלאָפּעדיע, אידישער לערער סעמי־נאַר וכדומה, האָט דער קולטור קלוב אויך דורכגעפירט, אַדאַנק די גרויסע נויט, יאָרלאַכע אונטערנעמונגען לטובת דעם אידישן אַרבעטער קאָמיטעט און די הסתדרות . . .

20 יאָר לעבן פון אַן אָרגאַניזאַציע פון דעם מין ווי דער קלוב, איז אַ גאַנץ היבשע צאָל יאָרן, און אפילו אַ מדרגה, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז דער קולטור קלוב איז ניט אַ גרופּע אָדער אַן אָפּטייל פון אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע אָדער אַ צווייג פון אַ פראַטערנאַלן אָרדן; דער קולטור קלוב איז די אַלע יאָרן פון זיין עקזיסטירן, געווען און איז פאַרבליבן אַ זעלבסט־שטענדיקע גרופּע, וואָס האָט געלעבט און געווירקט, ניט אין דעם זכות פון דעם אָדער יענעם סאָציאַל־פּאָליטישן אידעאָלאָג אָדער טעאָרעטיקער; אונ־זער גייסטיקע יניקה און עקזיסטענץ באַרעכטיקונג, ציען מיר פון אונזער אַלגעמיינער אידישער גייסטיקער קולטור: — אַ קולטור, וואָס ווייסט ניט פון ליניעס, ריכטונגען אָדער פּאַרטייען: אונדזער אַלגעמיינע אמת׳ע אידישע קולטור ווערטן און אוצרות, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פון דורות און די וואָס ווערן איצט געשאַפן פון אונזערע בעסטע אידישע שריפטשטעלער, פאַר־שער און דענקער; אויף דער קולטור האָט, לעת־עתה, קיין פּאַרטיי קיין קאָנ־טראָל אָדער חזקה: — העכטע אידישע קולטור קאָן ניט און טאָר ניט זיין פּאַרטייאיש אָדער סעקטאַנטיש. אָט אין דעם זכות פון אונזער וואונדערבאַ־רער העכטער אידישער קולטור האַלטן מיר זיך אויף און עקזיסטירן, און זי איז אויך אונדזער לייטנדיקער גייסט און פּראָגראַם . . .

ס׳איז דעריבער גאָרניט אַזוי גרינג אַן איבערפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע ווי דער קולטור קלוב, צו לעבן, ווירקן און אַקטיוו זיין אויף אונדזער אידישער גאַס, וועלכע איז אַזוי שטאַרק באַווירקט און באַהערשט פון די פאַרשיידענע אידישע פּאָליטישע ריכטונגען און פּאַרטייען . . . אַ דאַנק די פּאַרטייען, וועלכע יעדע אויף איר אופן זוכט צו האָבן די העגעמאָניע איבער די אידישע פאָלקס־מאַסן, איז נאָך לעת־עתה, ניט געלונגען צו אַנטוויקלען און אַנהאַלטן, דאָ אין אַמעריקא, אַ געזונטע פּראָדוקטיוו שעפערישע אידישע קולטור באַוועגונג אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. ס׳איז גענוג בלויז צו דערמאָנען וועגן דעם מצב פון אונדזער אידישן שול־וועזן, וואָלט די אידיש וועלטלאַכע שול געווען אונטער איין פאַראייניקטן און געמיינזאַמן שול אַפּאַראַט, וואָלט בלי ספק מעגלאַך געווען צו האָבן דאָ אין אַמעריקע אַ בעסערן, שטאַרקערן אידיש־וועלטלאַכן שול וועזן, הן אין איכות הן אין כמות. ווי עס איז איצט, מאַכט

יעדע גרופּע „שבת פאַר זיך", יעדע מיט באַזונדערע, „גאַנצע" און „האַלבע" שולכלאַך מיט אַ פּאָר צענדליק קינדער אין יעדע. און כאָטש די מערסטע פון די שול טוער באַקלאָגן זיך זייער שטאַרק אויף דעם איצטיקן מצב פון דעם אידיש וועלטלאַכן שול־וועזן, ווערט אָבער קיין זאַך געטאָן, צו מאַכן אַ שינוי אין דעם גאַנצן פּראָצעס פון די ביז איצט אָנגענומענע פאָרמען און מע־טאָדן. ווי געזאָגט, איז דער שול וועזן אין די הענט און אונטער דער פירער־שאַפט פון באַשטימטע פּאָליטישע ריכטונגען און כידוע, איז בא זיי זייער פּאַרטיי אמת, דער עיקר שבעיקר; און די פּאַרטיי פּראָגראַמען זענען אויך באַ זיי אָסך בילכער, פון קולטור און דערציאונג; האָבן מיר טאַקע דעריבער אַזאַ בלוט־אָרעמן שול־וועזן, אַזאַ פאַרוואַרלאָזטן אידישן קולטור מצב און בכלל אַזעלכע מאָגערע רעזולטאַטן. וואָלט אונדזער גאַנצער אידישער קולטור אַפּאַראַט לכתחילה אוועקגעשטעלט געוואָרן אויף איבערפּאַרטייאישע קולטור יסודות, וואָלט דער פּנים פון אונדזער אידישער קולטור באַוועגונג אין אַמע־ריקע געווען אַ גאַנץ אַנדערער: מיר וואָלטן דאָ אויך געקאָנט האָבן אַ דער־פאָלגרייך פונקציאָנירנדיקן אידישן ביכער פאַרלאַג, אַ בעסער אידיש טעאַטער און בכלל אָסך, אָסך גרעסערע און ממשות׳דיקערע דערגרייכונגען אויף די מערסטע אידישע קולטור געביטן.

אָבער מאַלע וואָס מען וואָלט געקאָנט! . . .

אמת, עס זענען געמאַכט געוואָרן, דאָ אין אַמעריקע, כּלערליי פּאַרזוכן, פון פאַרשיידענע אומפּאַרטייאישע קולטור טוער, צו אָרגאַניזירן זיך, פאַר געמיינזאַמער אידישער קולטור אַקטיוויטעט, סיי אויף אַ נאַציאָנאַלן פּאַר־נעם און סיי לאָקאַל; אָבער, צום באַדויערן זענען די פּאַרזוכן, מערסטנסטייל, ניט געווען געלונגענע. אַזוי איז עס געווען מיט דער „אידישער קולטור גע־זעלשאַפט", מיט דער „קולטור ליגע" און אַ צאָל ליטעראַרישע און דראַמאַ־טישע פאַראיינען, דאָ און דאָרט. אויך דער פּאַרזוך פון דעם אַלוועלטלאַכן אידישן קולטור פאַרבאַנד „איקוף" און נאָכדעם די צענטראַלע אידישע קול־טור אָרגאַניזאַציע „ציקא" איז אויך ווייט ניט געלונגען, כאָטשביידע עק־זיסטירן נאָך, ווירקן זיי אָבער אויף אַ באַשטימטער באַשרייַנקטער פּערעפּע־ריע, מחמת זיי זענען אונטערן איינפלוס פון באַשטימטע ריכטונגען. דער „איקוף" און די „ציקא", כאָטש ביידע טוען כמעט די זעלביקע אַרבעטן, פירן אָן מיט ענלאַכע קולטור פּראָגראַמען, זענען אין דער אמתן כמעט, צוויי קאָנ־קורירענדיקע, צווישן זיך, אָרגאַניזאַציעס.

דער ל. א. אידישער קולטור קלוב, האָט צום גליק אויסגעמיטן דעם גורל, פון יענע איבערפּאַרטייאישע קולטור גרופּן, וועלכע האָבן, ניט לאַנג געלעבט און געווירקט און זענען צום באַדויערן, אונטערגעגאַנגען . . .

דער ל. א. אידישער קולטור קלוב, איז פאַר די 20 יאָר פון זיין עקזיסטירן, כסדר געווען זעלבסטשטענדיק אין זיין דענקן, איבערפּאַרטייאיש אין זיין פירונג און זיך באין אופן, ניט געלאָזט באַאיינפלוסן פון דער אָדער יענער

פּאָליטישער ריכטונג אין אידישן לעבן. אמת, די דרויסנדיקע, פּאַרטיי מענטשן, מחוץ דעם קולטור קלוב, האָבן ניט זעלטן, לויט אַ געוויסער צייט, פון אונדזער האַנדלונג און באַציאונג צו זאַכן און פּאַסירונגן, געזוכט אונדז אויסצוטייטשן און אריינטייטשן: אַזוי למשל, האָבן די עקסטרעמע „רעכטע" פון אַלע שאַטירונגען, צו אַ געוויסער צייט אונדז באַטיטלט אַלס „ל י נ ק" מחמת, קודם כל, האָבן מיר אויך איינגעלאַדן און אויפגענומען לינק דענ־קענדיקע שריפטשטעלער און רעדנער, און שנית, אין דער צייט ווען ס'איז געמאַכט געוואָרן דער גרויסער פּאַרזוך, צו פאַראייניקן אַלע אידישע קולטור שעפערישע כוחות אין איין גרויסן אידישן קולטור פאַרבאַנד; און בשעתו, ווי איר געדענקט, האָבן אין יענעם אַלוועלטליכן אידישן קולטור קאָנגרעס, אַנטייל גענומען, די מערסטע פון אונדזערע בעסטע אידישע שרייבער און דיכטער, ווי לייוויק, אָפּאַטאָשו, הירשביין, מוקדויני און צענדליקע אַנדערע, האָט דער קולטור קלוב, דאָן, אַזאַ פאַראייניקטע ארבעט און הערליכן פאַרזוך, פאַרהערליכט און דערמוטיקט און זיך אויך אָנגעשלאָסן אין יענער באַוועגונג, פון וועלכע ס'איז אַרויסגעוואַקסן דער „איקוף". מיר האָבן זיך שפּעטער פון דער באַוועגונג צוריקגעצויגן, ניט וועלנדיק אריינגעצויגן ווערן אין אַ פּאָלי־טישן פּלאָנטער; אָבער באַצייכנט אַלס „לינקע" האָט מען אונדז סיי ווי. די „לינקע" ווידער פון זייער זייט, האָבן אונדז ניט זעלטן, געהאַלטן פאַר „רעכ־טע", אָדער גאָר צויניסטיש, מחמת אונדזערע דערקלערונגען, בּאַ געלעגנהייטן, וועגן אונדזער פּאָזיטיווע באַציאונג צום אידישן לעבן און דאָס רעכט און שטרעבן פאַר אַ אידיש־היימלאַנד אין ארץ ישראל. איז ווי איר זעט, „שווער צו זיין אַ איד", זייער שווער, פאַר אַ אידישער איבערפּאַרטייאישער גרופּע אויסברייטערן איר קולטור אַקטיוויטעט אויף אַ מאַסן מאַסשטאַב; כאָטש גיי און זיי יוצא פאַר אַלעמן און מיט אַלעמן . . .

**אונדזער ענטפער אָבער צו אַלעמען איז כסדר געווען און איז אויך איצט דערזעלביקער: דער ל. א. אידישער קולטור קלוב איז געווען, איז און איך האָף ער וועט ווייטער אַזוי זיין: — ניט „רעכט" סאָציאַ־ליסטיש און ציוניסטיש און ניט „לינק" קאָמוניסטיש; דער קולטור קלוב, וועט ווי ביז איצט אָנפירן מיט זיין איבערפּאַרטייאישער קול־טור טעטיקייט, העלפן און שטיצן אַלץ וואָס איז אידיש, נאַציאָנאַל און קולטורעל, האַלטן הויך די אידישע קולטור אַספּיראַציעס, העלפן דער־הויבן דעם אידישן קולטור מצב, און טריי זיין די אינטערעסן פון די אידישע פאָלקס מאַסן, וואו און אין וועלכן לאַנד זיי זאָלן ניט זיין.**

פאַר די 20 יאָר פון דעם קולטור קלוב'ס עקזיסטירן, האָבן מיר ווי שוין געזאָגט, געפּרובירט אָנצופירן מיט אַ פאַרצווייגטע קולטור טעטיקייט, לויט אונדזערע כוחות און מעגליכקייטן, און אויך ניט ווייניק געביטן: אַזוי האָבן מיר, פאַר אַ געוויסע צייט, ביים קולטור קלוב, געהאַט אַ פּאָר יוגנט קלובן, אַ יוגנטלאַכע דראַמאַטישע סטודיאָ, געהאָלפן אין דער באַוועגונג דאָ פאַר אַ

בעסער אידיש טעאטער אקטיוו, זיך באטייליקט אין די אקציעס פאר דעם „איוואָ", און אין דעם יאָר 1939 האָט דער קולטור קלוב ארויסגעגעבן א חודש שריפט, פאר קולטורעלע און געזעלשאפטלעכע ענינים אונטערן נאָמען „אונדזער וואָרט", די שריפט איז רעדאקטירט געווען פון א קאָלעגיום, פון אונדזער ליבן דיכטער ה. רויזענבלאַט, ה. גאָלד און מיין ווייניקייט. אויב די דערמאָנטע חודש שריפט האָט ניט געהאַט קיין אריכות ימים, איז דאָס זיכער ניט געווען אין גאַנצן די שולד פון׳ם קולטור קלוב נאָר די אלגעמיינע אפאַטישע און ניט ווייניק ביטול׳דיקע באַציאונג צו אידישער קולטור ארבעט בכלל.

דער קולטור קלוב פון זיין זייט, איז די אלע יאָרן, מיט עקשנות געשטאַנען בא דער אַרבעט און כסדר גערופן, געמאָנט און געמונטערט דעם אידישן קולטור טוער, ער זאָל אריינקומען און העלפן אין דער וויכטיקער אידישער קולטור אַרבעט: אונדזערע טירן זענען כסדר געווען אָפן פאר אלעמען, מיר האָבן קיינמאָל און בא קיינעם געפרעגט זיין פאָליטישן פאספאָרט; מיר האָבן אלעמען, מיט פרייד געוואָלט אויפנעמען און גערן געוואָלט אויסהערן, אלעמענס מיינונגען און נייע פלענער פאר א גרעסערער מאקסימאלער קולטור אַרבעט. אמת, זייער אָפט איז אונדזער קול געפאַלן אויף טויבע אויערן, אָבער, צו אונדזער פרייד, האָט א געוויסע צאָל, כסדר זיך צו אונדז צוגעהערט; מיר זענען ניט מיד אָדער אנטוישט געוואָרן, נאָר מיט עקשנות האָבן מיר אָפגעהיט און אָנגעהאַלטן אונדזער קולטור פּאָזיציע, אליין אויפגעהאַלטן אונדזער קולטור ווינקל — אונדזער היים; ניט אָנקומנדיק צו דער ברייטער אידישער גאַס, נאָך הילף און שטיצע.

פאר די 20 יאָר, האָבן מיר דאָ זיכער אויסגעפילט א באַשטימטע קולטור פונקציע, וואָס קיינע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, צוליב זייער שטענדיקע באַשעפטיקונג מיט פּאָליטישע אַקציעס און „קאמפּיינס", האָבן זיך מיט פלאַנמעסיקער קולטור אַרבעט ניט געקאָנט אָפּגעבן. מיר האָבן אָנגעפירט מיט א קולטור אַרבעט, לויט אונדזערע כחות און מעגליכקייטן, כאָטש אונדזערע השגות זענען געווען גרויסע, האָבן מיר אָבער אליין, אויף גאָר גרויסעס, מאָנומענטאַלעס, ניט געקאָנט אָנווייזן: מיר האָבן געוואָלט דאָ אין שטאָדט האָבן א פיל ברייטערע און מער פאַרצווייגטערע קולטור אַקטיוויטעט און מיר זענען דעריבער גרייט געווען מיטצואַרבעטן מיט אַנדערע קולטור גרופּן דאָ אין שטאָדט, וועלכע האָבן ניט און זינען געהאַט קיינע פּאָליטישע געווינסן אָדער כוונות. דער קולטור קלוב האָט דעריבער, אונטער זיין איניציאַטיוו, פאַררופן א קאָנפערענץ פון אלע אידישע קולטור אָרגאַניזאַציעס דאָ אין שטאָדט, א קאָנפערענץ פון די דריי שפּראַכן אונדזערע: אידיש, העברעאיש און ענגליש, די שפּראַכן מיט וועלכע עס ווערט געשאַפן דאָ אין אַמעריקע אונדזער אידישע קולטור: דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואו אונדזערע דריי שפּראַכן האָבן זיך באַגעגנט און געמיינזאַם זיך פאַרשטאַנען אויף א

פאַראייניקטער פּראָגראַם, לטובת אונדזער אידישער קולטור. לײדער, האָט די דאָזיקע קאָנפערענץ, מערער ווי די דורכפירונג פון א „בוך חודש" און עטלאכע באמת זייער אינטערעסאַנטע ליטעראַטור און אידישע קונסט אָוונטן, ניט באַוויזן. נאָך דעם „בוך חודש" האָט יעדע גרופּע, ווידער אָנגעהויבן מאַכן „שבת פאַר זיך" און לגמרי פאַרגעסן אין דער גרויסער פּלאַנירטער און פאַרצווייגטער געמיינזאַמער קולטור פּראָגראַם טעטיקייט.

דערמאָנענדיק דעם ענין שפּראַך, איז אויך אינטערעסאַנט דאָ צו דערמאָנען, אַז אייניקע וואָס האַלטן זיך שטרענג צום קאָדעקס פון שפּראַך און פּראָגראַם, פרעגן אונדז ניט זעלטן: מיט וועלכע שפּראַך באַנוצט איר זיך אין אייער קולטור אַרבעט? וואָס איז בכלל אייער שטעלונג צו דער שפּראַכן פראגע? זענט איר אָרטאָדאָקסיש־אידישיסטיש, פּרום־העברעהיסטיש, אָדער גאָר ענגלישיסטיש? כדי צו ענטפערן גענוי אויף דער פראַגע, וואָלט זיך אפשר געפאָדערט אַ גאַנץ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג; אין קורצן קאָן אָבער געזאָגט ווערן, אַז כאָטש מיר באַנוצן זיך מיט אידיש און היטן אָפּ אונדזער אידיש לשון, פירן אָן אונדזער גאַנצע אַקטיוויטעט אין אידיש און האַלטן אָן אונדזער אידיש גייסטיק לעבן אין אַ ריין אידישער קולטורעלער אַטמאָספערע, מאַכן מיר אָבער ניט פון קיין שפּראַך קיין „פעטיש": — מיר באַטראַכטן דעם שפּראַך ענין רעאַליסטיש און מיר זענען ניט גענאַרט אין דעם אמת'ן אידישן קולטור מצב אונדזערן, דאָ אין לאַנד און אויך מערסטנס אומעטום וואו אידן לעבן.

אונדזער יוגנט, די הויפּט יורשים אונדזערע האָבן מיר פאַרזען: מיר האָבן נאָך ביז איצט ניט געפונען דעם שליסל צו זייער הארצן. מוזן מיר זיך דעריבער גוט פאַרטראַכטן, מיר מוזן אַריבערוואַרפן אַ בריק פון אונדז צו זיי; מיר מוזן באַגעגענען אונדזער יוגנט מיט זייער שפּראַך און אָנהויבן פאַרשטיין איינער דעם צווייטן. אַזאַ באַוועגונג און שטימונג לאָזט זיך איצט שטאַרק פילן איבערן לאַנד, צווישן די מער רעאַליסטיש דענקענדיקע אידישע קולטור טוער. מען קומט צום אויספיר, אַז וואו אידן זאָלן זיך ניט געפינען, אין וועלכן לאַנד זיי זאָלן ניט זיין, צו עס איז ענגלאַנד, אַמעריקע, סאָוועטן פאַרבאַנד, אַרגענטינע און מעקסיקאָ; אומעטום גייט אָן אַ צופּאַסונג פּראָצעס מצד דעם רוב פון די אידישע מאַסן און פון אונדזער יוגנט בפרט; — צו די מנהגים, טראַדיציעס, שטייגער לעבן, שפּראַך און קולטור פון דעם באַטרעפנדיקן לאַנד אין וועלכן די אידן לעבן. דאַרפן מיר דעריבער זוכן צו באַשאַפן די מעגלאַכקייטן און באַדינגונגן און ברייננגן אונדזערע אידישע קולטור ווערטן און אוצרות, צו אונדזער יוגנט אין דער לאַנד־שפּראַך, כדי זיי זאָלן קאָנען אָנהויבן צו פאַרשטיין אונדזער לעבן, אונדזערע אידישע אידעאַלן, אונדזער פאַרבנרייכע געשיכטע און מאַרטירעלאָגיע. מיט אַנדערע ווערטער, מיר מוזן ראַטעוון דאָס אידישע קינד צוריק פאַר דעם אידישן פאָלק, כדי עס

זאָל ניט פאַרפרעמדט ווערן פון אונדז איז גאַנצן. זיכער איז דאָס אַן אָפּנויג, אָבער האָבן מיר דען אַן אַנדער אויסוועג?

דאָס מיינט באַין אופן ניט, אַז מיר פון דעם עלטערן דור, די נאַציאָנאַל באַוואוסטזיניקע אידישע אידן, וועלכע לעבן און אָטעמען מיט׳ן אידישן וואָרט, האָבן אנאה פונ׳ם אידישן ליד און ליטעראַטור; פּרובירן צו פירן אַ גאַנצן אידיש לעבן: שפּראַכלאַך, קולטורעל און נאַציאָנאַל, ווילן חלילה אויפגעבן אונדזער אידיש! ניין, מיר קאָנען דאָס ניט טאָן מיר זאָלן אפילו ווילן; אידיש איז איינגעוואָקסן אין אונדזער פלייש און בלוט, און איז אַ טייל פון אונדזער לעבן. דעריבער האַלטן מיר אונדזער „קולטור קלוב" פאַר אונדזער אידישער היים, פאַר אונדזער הייליק געצעלט, פאַר אונדזער בית המדרש . . .

צו אונדזער אַלעמענס גרויסע פרייד, צו דער אָפיציעלער דערעפענונג פון דעם נייעם בנין פון אונדזער „קולטור קלוב", און צום 20טן יובל פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, קומען מיר צו דער אידישער קולטורעלער לאָס אנדזשעלעס מיט אַן אייגענעם קולטור צענטער פאַר׳ן אידישן קולטור מענטשן, און מיט ניט ווייניק פּאָטענציאַלע מעגלאַכקייטן אָנצופירן אַ גרעסערע קולטורעלע טעטיקייט דאָ אין שטאָדט.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז די פירערשאַפט פון קולטור קלוב, פילט זיך באמת גליקלאַך, וואָס דער אָפּרוף פון די אידישע קולטור מענטשן דאָ אין שטאָדט, פאַר דעם אויפבוי פון אונדזער קולטור צענטער, איז באמת געווען זייער פרייגיביק און גרויסמוטיק: אַדאַנק די בייטראַגן פון קלענערע און גרע־סערע סומן און די אָפּפערוויליקע אַרבעט פון אַ צאָל חברים און חברות איז דערמעגליכט געוואָרן אויפצובויען אונדזער אַלעמענס נייע קולטור היים.

מיר מעגן באמת אַלע שטאָלץ זיין, וואָס אין איצטיקן שווער גורל׳דיקן מאָמענט פון אונדזער געשיכטע, ווען יעדער איד איז אָנגעשטריינקט ביז גאָר, צו העלפן און שטיצן דעם אויפבוי פון ארץ ישראל און פאַר דער רע־האַביליטאַציע פון דעם איבערגעבליבענעם אידנטום אין דער צעשטערטער אייראָפּע, האָבן מיר אויך דאָ ניט פאַרגעסן אונדזער אייגן לאַנד־לעבן, אונדזע־רע אייגענע אינסטיטוציעס און קולטור אַנשטאַלטן. מיר האָבן ענדליך אָנגעהויבן איינזען און פאַרשטיין, אַז מיר דאַרפן זיך דאָ טיפער איינוואָרצלען, שטאַרקן אונדזער אידיש וואָרט און גייסטיקייט, ממשך זיין אונדזער אידישע קולטור, כדי באמת האָבן וואָס ממשות׳דיקעס איבערצולאָזן אַלס ירושה צו אונדזער אידישער יוגנט וועלכע איז פון אונדז אַלעמן, אזוי פאַרברעכעריש פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן.

אָט מיט די ווערטער, און אויב איר ווילט פּראָגראַם פונ׳ם קולטור קלוב, קומען מיר צו אייך, חשוב׳ע פריינד און חברים, צו דער אָפיציעלער דערעפענונג פון אונדזער נייער היים און מיר באַגריסן אייך אַלעמען האַר־ציק צו אונדזער 20 יאָריקן יובל.

**ישראל אַסמאַן**

# אידיש לעבן אין אַמאָליקן לאָס אַנגעלעס

מיט קנאַפּע צווייאונדרייסיק יאָר צוריק, אין אָנהויב 1914, ווען איך בין אָנגעקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס, האָב איך גלייך דערפילט אַ פולסירנדיק אידיש לעבן מיט אַלע מעלות און חסרונות. אפשר מיט אַביסל מער חסרונות ווי מעלות, אָבער מיט דעם אייגנאַרטיקן ריטם פון בעסערן אידישן לעבן אין אַמעריקאַ. שוין דעמאָלט האָט מען געזען, אַז עס וואַקסט די גרויסע אידישע שטאָט. די אַלגעמיינע באַפעלקערונג האָט מען דעמאָלט געשאַצט אַרום פירהונדערט־טויזנט, די אידישע, צווישן פופצן און אַכצן טויזנט. איך בין דורכגעפאָרן די גאַנצע לענג פון די פאַראייניקטע שטאַאַטן, זיך אָפּגעשטעלט אין די וויכטיקסטע אידישע ישובים, און זיך צוגעקוקט צום אידישן לעבן אומעטום. אויגנשיינליך האָבן אַלע שטעט אויסגעקוקט גלייך — און דאָך איז שוין לאָס אַנדזשעלעס געווען פיל אַנדערש. אויפן וועג, אין דענווער, האָט מיר דר. חיים ספּיוואַק געזאָגט:

—איר פאָרט דאָך קיין לאָס אַנדזשעלעס, אין דער צוקונפטיקער גרויסער אידישע קהילה, פאָרט, מ'דאַרף דאָרט אַזעלכע אידן ווי איר!

דענווער האָט דעמאָלט געהאַט אַריבער צוואַנציק טויזנט אידן, מיט זייער אַ פיינער אידישע אינטעליגענץ, און דאָך האָט מען שוין געזען, אַז דער גרויסער אידישער קיבוץ וועט זי נישט ווערן. אין סאַן פראַנציסקאָ מיט אירע דרייסיק־פערציק טויזנט אידן אין יענער צייט, האָט מיר דער וואַנדערנדיקער רעדאַקטאָר, דר. יחזקאל וואַרטסמאַן, געזאָגט:

די איינציקע אידישע צייטונג אין קאַליפאָרניע און אין דער גאַנצער וויטער וועסט, געפינט איר דאָ, אָבער דאָס איינציקע ווינקל פון אידישן לעבן וועט איר געפינען דאָרט, אין לאָס אַנדזשעלעס.

דער נאָמען לאָס אַנדזשעלעס איז מיר שוין געווען באַקאַנט אַ לאַנגע צייט. צום ערשטן מאָל האָב איך אים געהערט אַלס גרינער אין העסטער פּאַרק, פון אונדזער היימישן בעקער שמואל חאַצקל. ער איז צוריקגעקומען פון לאָס אַנדזשעלעס, וואו ער איז געווען ביי זיין בן־יחיד אַרום אַ יאָר צייט און האָט נישט געוואָלט דאָרט בלייבן. אין די ניו־יאָרקער היצן, אין העסטער פּאַרק, איז ער געשטאַנען און האָט געפּרייזט, געבענקט נאָך לאָס אַנדזשעלעס

מיט איר וואַרימען ווינטער און קילן זומער, וואו אין דער זון איז הייס, ממש, עס באַקט, און אין שאָטן איז קיל, אַ מחייה. און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— דו געדענקסט דאָך, דיין מאַמע פלעגט דיך דאָך שיקן צו מיר נאָך ברויט, געדענקסטו דאָך ווי הייס עס איז געווען ביי מיר אין קעלער־שטוב ביים אויוון אין אַ הייסן זומערטאָג, ווייסטו דאָך אַז איך בין אַ מבין אויף אַ היץ. זאָג איך דיר בפירוש, אַז דאָרט, אין לאָס־אַנדזשעלעס, באַקט עס פשוט. געדענק, עס באַקט, אָבער עס פרעגלט נישט ווי דאָ, דו ווייסט דאָך, איך בין אַ בעקער און ווייס וואָס איך רייד!

אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט עס יהואש דערמאָנט צום גוטן. ער איז צוריקגעקומען פון דענווער און זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק. די ווייטע זוניקע וועסט איז אים אָבער געבליבן שטאַרק אין האַרצן, און נישט איינמאָל האָב איך אים געהערט זאָגן:

— עס וואַקסט אַ פיינער אידישער ישוב אין דער אייביק־זוניקער לאָס אַנדזשעלעס. אַהין רופן מיך מיינע פריינט; אַהין ציט עס מיך . . . אָבער, ארץ־ישראל . . .

נישט האָבנדיק עס געזען אפילו, איז עס מיר אויך איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן.

* * *

אידן זיינען געווען אין לאָס אַנדזשעלעס נאָך איידער קאַליפאָרניע איז אַריבער צו די פאַראייניקטע שטאַאַטן. צווישן די איינוואוינער פון דערפל לאָס־אַנדזשעלעס, אין 1850, געפינען מיר זעקס אידישע נעמען. אין 1851 טרעפט מען שוין דאָרט אידן סוחרים. אין 1852 איז יוסף ניומאַרק אָנגעקומען אַהין און מיט אים האָט זיך אָנגעהויבן אַ אידיש לעבן. געווען איז ער אַ איד אַ מוסמך, וואָס האָט זיך נישט גענומען צו רבנות, ער האָט זיך גענומען בויען דאָרט אַ אידיש לעבן. דורך זיין מי האָט זיך געגרינדעט דער ערשטער אידישער פאַראיין, די „היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי". אידן פלעגן זיך צוזאַמענקומען יעדן זונטיק אָוונט. קיין אָרימעלייט זענען נישט געווען צווישן זיי, איז עס געווען אַ ביקור־חולים און אויך אַ שטיקל חברה־קדישא. אין 1854 האָט דער פאַראיין, גלייך נאָכדעם ווי ער האָט זיך געגרינדעט, געקויפט אַ שטיק פלאַץ פאַר אַ בית־עולם. דאָס איז געווען אַרום היינטיקן ליילאַק טעראַס און לוקאַוט דרייוו. דאָס האָט מען אַ נאָמען געגעבן „האָום אָוו פּיעס".

אין זעלבן יאָר האָט יוסף ניומאַרק אויך גענומען אָנפירן אַ מנין, און ער

איז געווען דער פריוואַטיקער גייסטיקער פירער פון דער קליינער אידישער קהילה ביז אַ שטיק צייט שפּעטער, ווען מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט אַ רב.

אין 1862 האָט זיך געגרינדעט אַ מין אידישע קהילה און האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „קאָנגרעגיישאָן בני־ברית". מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט פון סאַן־פראַנציסקאָ רבי אברהם איידלמאַן, אַ פּוילישן אידן, אַ שיינעם בן־תורה,, ווי מ׳קען זען אין דער שטאָט ביבליאָטעק פון דער איידלמאַן קאָלעקציע. דאָס שולכל האָט געוואַנדערט פון פּלאַץ צו פּלאַץ ביז 1873, ווען אַ דאַנק די אידישע פרויען פון שטעטל האָט מען אויפגעבויט אַ שול אויף בראָדוויי צווישן צווייטער און דריטער גאַס. דער ערשטער רעזידענט איז געווען ישעיה וו. העלמאַן. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון ווילשייר טעמפּל.

אין יענער צייט איז די באַפעלקערונג פון לאָס אַנדזשעלעס געווען אַרום 5300 און צווישן זיי אַ הונדערט אידן.

אין די פערציק יאָר צווישן 1905 און 1945 איז די אידישע באַפעלקערונג דאָ געוואַקסן פון 2500 ביז אַרום 200,000.

* * *

אין פריען פרילינג 1914 בין איך אָנגעקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ ײדישער שטאָט מיט אַלע פּיטשיווקעס, אפילו מיט אַן איינציקן העברייאיסט און אַן איינאיינציקן אידישיסט. עס זענען געווען רעפאָרמירטע, קאָנסערוואַטיווע און אָרטאָדאָקסישע טעמפּלען און שולן; עס זענען געווען „סאָנדיי סקולס", דריי אומבאַדייטענדע תלמוד־תורות און אויך אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולע, אַ אידישע; עס זענען געווע זצווײ ציוניסטישע פאַראיינען, אַ אידישער און אַן ענגלישער, עטלאַכע צווייגן פון אַרבייטער רינג, אַ צווייג פון פאַרבאַנד און אַ פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע. עס איז אויך געווען אַ דראַמאַטישער־קלוב און אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער קלוב פאַר אידישע ליטעראַטור. אידיש האָט געקלונגען איבער די גאַסן וואו אידן האָבן געוווינט, אידישע שילדן איבער געשעפטן, דער אידיש איז געווען אַ קרעפּטיקער, אַ זאַפטיקער, אָנגעזאַפּט מיט אַ סך פאָלקסטימליכקייט. עס איז געווען אַ אידישע גאַס פול מיט צאַפּלדיקע פאָלקסמענטשן. דער קלימאַט האָט צוגעצויגן אידן פון נאָנטע און ווייטע שטעט און לענדער, מיט פאַרשידענע שפּראַכן אין זייערע מיילער, און כדי עס זאָל נישט ווערן פון זיי אַ דור־הפלגה איז אידיש געווען דאָס נאַטירלאַכסטע פאַר זיי. זיי האָבן מיטגעבראַכט דאָס אידישע ליד, אידישע טראַדיציע, אַביסל אידיש־וויסן און זיי האָבן זיך באַמיט עס צו פלעגן און אויפהיטן דאָ אין דער שנעל־וואַקסנדיקער שטאָט. אַ אידיש לעבן האָט דאָ געקאָכט און געזאָדן — געלעבט. פול מיט וואַרימקייט, גאַסטפריינדליכקייט, איז עס געווען; מ׳האָט מיט פרייד אויפגענומען יעדן

פריש צוגעקומענעם, מקרב געווען, אריינגענומען אין דער משפּחה. עס איז געווען דאָס לעבן פון דער אידישער גאַס דאָ וואָס האָט אויך צוריקגעבראַכט די אינטעליגענציע. עס זענען געווען די איינצעלנע וואָס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן מיט אַלע כוחות. יעדער אויף זיין געביט און לויט זיין מעגלעכקייט, געמיט זיך צו לעגן דעם פונדאַמענט פאַר אַ אידיש קולטורעל לעבן אונטער די זוניקע הימלען פון לאָס אַנדזשעלעס.

אידיש לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס האָט אויך געפונען איר אויסדרוק אין סאַניטאַריום. עס איז געווען די יונגסטע און וויכטיקסטע אידישע אינסטיטוציע אין שטאָט. אידן האָבן זיך פאַרמערט: צוליב איין קראַנקן איז געקומען אַ גאַנצע משפּחה. דער קראַנקער האָט זיך פאַרבעסערט אָדער איז געשטאָרבן — די משפּחה האָט זיך מערסטנטייל איינגעוואָרצלט און געבליבן.

עס איז געווען אַ פיינע אימיגראַנטישע יוגנט וועמען די שיינקייט פון קאַליפאָרניע האָט צוגעצויגן. און צו וועמען ליכט, ים, פלאַנצן און בערג האָבן געוואונקען. זי האָט איינגעזאַפּט אין זיך די שיינקייט פון געגנט, און יעדן חודש, ווען די לבנה איז פול געוואָרן, האָט זי געקלעטערט בציבור, עולה־רגל געווען שבת־צו־נאַכט אויפן באַרג ווילסאָן. עס איז געווען אַ מין עבודה, וואָס האָט אומבאַוואוסט געטראָגן אין זיך דעם סוד פון קידוש־לבנה און די בענקשאַפט נאָך דער פאַרפולונג פון איר פּגימה — אויף וועלכן טאַטעס און זיידעס האָבן דורות־לאַנג מתפּלל געווען.

די שטאָט איז אומגעהויער געוואַקסן און מיט איר די אידישע קהילה. ביי היינטיקן טאָג ציילן מיר שוין כמעט צוויימאָל הונדערט טויזנט אידן. אין קולטורעלן זין איז זיך געווים נישטאָ מיט וואָס צו שעמען געגן די גרעסטע קיבוצים אין לאַנד. באַדייטנדע אידישע שריפטשטעלער און קינסטלער האָבן זייער היים געפונען דאָ. פיל וויכטיקע אידישע ביכער זענען דאָ אַרויסגעגעבן געוואָרן, פיל שיינע אינסטיטוציעס זענען אויפגעבויט געוואָרן. די האָריזאָנטן זענען ברייטער געוואָרן. די אידישע לאָס אַנדזשעלעס האָט געאַרבייט און זיך געמיט און כשר פאַרדינט דאָס אָרט וואָס זי פאַרנעמט אין אידישן לעבן אין אַמעריקאַ. יעדע שטאָט אין לאַנד האָט בייגעשטייערט צו איר מערקווירדיקן וואוקס, אריינגעשיקט פון אירע בעסטע און שענסטע אידן, און זיי האָבן אַריבערגעטראָגן זייער טעטיקייט אַהער, און געהאָלפן לאָס אַנדזשעלעס ווערן דאָס, וואָס זי איז, אַ גרויסע אידישע שטאָט, אַן עיר ואם בישראל.

**איטשע נחומזאָן**

# לאָס אַנגעלעסער אידישער קאָמיוניטי קאָונסיל

שרייבנדיק וועגן דעם אידישן קאָמיוניטי קאָונסיל דאָ אין שטאָט וואָלט מען זיכער געקענט אָנשרייבן אַ דיקן בוך, ס'וואָלט געגעבן אַן אומפאַסענד בילד פון דעם וואוקס פון דעם אידישן כהל'שן לעבן דאָ אין שטאָט. אַ קהילה אָדער אַ קאָמיוניטי קאָונסיל ווערט ניט אַנטשטאַנען פון זיך אַליין, אַ ישוב ווערט ניט געבאָרן איבער נאַכט, ס'הויבט זיך פון עפּעס אָן און ס'מאַכט דורך פאַרשידענע מדרגות פון וואַקסן; ס'איז אַלע מאָל דאָ אַן אָנהויב און געוויסע אַנטוויקלונגס שטופּעס ביז עס קומט צו דעם שטאַנד פון אַ קהילה אָדער אַ קאָונסיל. אונדזער אידישער ישוב אין לאָס אַנגעלעס האָט זיך אָנגעהויבן פאָרמירן מיט אַן ערך אַ הונדערט יאָר צוריק. און געוויסע אינסטיטוציעס האָבן זיך פאָרמירט דורך דער איניציאַטיוו פון איינצעלנע גרופּן גאַנץ אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע.

און צו שרייבן באַזונדער איבער יעדער אינסטיטוציע וואָלט אונדז פאַרפירט זייער ווייט, אגב איז דאָס ניט די אויפגאַבע פון דעם איצטיקן אַרטיקל. איך וועל דעריבער געבן אַ קורצן אָנוואורף ווי אונדזער ישוב דאָ אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן צו פאָרמירן און אַריבער גיין צו דער עצם טעמא, אַריבערשפּרינגענדיק פילע עטאַפּן פון אַנטוויקלונג וואָס זיינען ניט שייך צו דעם אַרטיקל, ווייל הויפּטזעכלעך האָב איך אין זינען צו שרייבן איבער דעם קאָונסיל ווי אַזוי ער איז איצט אויסגעשטאַלטעט און ווי אַזוי ער פונקציאָנירט. אין דעם פאַל זיינען גאַנץ גוט אָנגעפּאַסט די ווערטער פון דער הגדה — במתי־מעט — מיט אַ גאָר קליינער צאָל אידן האָט זיך דער לאָס אַנגעלעס אידישער ישוב אָנגעפאַנגען. ס'איז באַקאַנט אַז אין לאָס אַנגעלעס זיינען שוין געווען געציילטע אידן נאָך איידער קאַליפאָרניע איז אַרונטער אונטערן רשות פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

עס איז רעקאָרדירט אַז נאָך אין 1845 (מיט אַ יאָר פריער פאַר דעם אַנשלוס) האָבן זיך שוין דאָ געפונען אַ צאָל אונפאַרהייראַטע אידן און, פאַרשטייט זיך, ניט קיין איינגעפעסטיקטע. אַ אידישע פאַראַנקערונג אין ל. א. האָט זיך אָבער באַלד אָנגעפאַנגען. אין דעם אַמעריקאַנעם צענזוס

פון 1850 זיינען פאַרצייכענט געווען 6 אידן אין דער קאַליפאָרניער טערי־טאָריע.*

עס ווערט באַריכטעט, אַז אין דעם יאָר 1851 האָבן זיך אין לאָס אַנגע־לעס פאַרנומען מיט געשעפט די אידן הערמאַן שלעזינגער, ברוך מאַרקס, הילי‌אַרד לאַווענשטיין און סאַלאָמאָן לאַזאַרד. אין 1852 איז אין ל. א. אָנגעקומען יוסף פ. ניומאַרק, וועלכער האָט זיך דאָ באַזעצט און איז גע־וואָרן יענער כח וואָס האָט אָנגעהויבן אַריינבלאָזן אַ נשמה אין דעם אידיש געזעלשאַפטלעך לעבן דאָ אין שטאָט. דורך דער איניציאַטיוו פון יוסף ניומאַרק האָבן זיך אַרויסגעוויקלט געוויסע אינסטיטוציעס, ווי פילאַנטראָ־פישע, קולטורעלע, געזעלשאַפטלעכע און אויך רעליגיעזע. דורך אים איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע „היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי". די ניו־מאַרק פאַמיליע איז געווען אַ געבענטשטע, זי האָט זיך געמערט און אַנט־וויקלט, זי האָט זיך אויסגעברייטערט און האָט איינטייל גענומען אין יעדער וויכטיקער אינסטיטוציע דאָ אין שטאָט. מען קען זאָגן אַז פאַר אַ קאַרגן יאָרהונדערט זענען זיי געוואַקסן און צוגעזען דעם וואוקס פון דער אידישער קהלה באַ אונדז אין שטאָט. זיי זיינען געווען די עדות פון דעם ריזן וואוקס פון קוים אַ מנין אידן אין די פופציקער יאָרן פונם פאַרגאַנגע־נעם יאָרהונדערט צו איבער 200 טויזנט אידישע נפשות ביי היינטיקן טאָג, און די גרויסע צאָל וויכטיקע אינסטיטוציעס, ווי האָספּיטאַלן, סאַנאַטאָ־ריומס, יתומים הויז, מושב זקנים, לער אַנשטאַלטן, סינאַגאָגן און פילע אַנדערע, וואָס גיבן חשיבות און אַנזען צו אַ שטאָט. ווען אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס הויבן זיך אָן אַרויסצוּוויקלען אין גרויסע צאָלן פאָדערט זיך שוין אַ געוויסע קאָאָרדינאַציע בכדי זיי זאָלן ניט אַנטרעטן איינע די אַנדערע אויף די הינער־אויגן. ס'פאָדערט זיך אַ געוויסע סיסטעמאַטיזירונג, כאָטש די אַלע אַנשטאַלטן קענען בלייבן אויטאָנאָם. אַזאַ קאָאָרדינאַציע קען קומען בלויז דורך אַ קהילה אָדער קאָמיוניטי קאָונסיל. אַזאַ פאַרבינדונג איז טאַקע אויך געקומען מיטן אויפקום פונם היגן אידישן קאָמיוניטי קאָונסיל.

מיט היטלער'ס אויפקום אין 1933 זענען אַ סך זאַכן געשען. די אידן אויסער דייטשלאַנד האָבן אינסטינקטיוו דערפילט אַז אַ גרויסע כמאַרע רוקט זיך אָן אויף אַלע אידן, וואו זיי זאָלן זיך ניט געפינען. זיי האָבן געפילט אין זייערע ביינער אַז פאַר די אידן וואָלט געווען פיל געזינטער ווען אַלע צעשפּליטערטע גרופּירונגען בינדן זיך צוזאַמען אין אַ געמיינזאַ־מער קערפּערשאַפט און מיט פאַראייניקטע כחות געבן ווידערשטאַנד צו

*) זע אַרטיקל פון דר. סעמועל סי. קאָהס „דזשואיש קאָמיוניטי אין לאָס אַנגעלעס", „געדאַנק און לעבן", „דזשואיש רעוויו", יולי־אָקטאָבער, 1944.)

דרויסענדיקע, פיינטלעכע אנגריפן. אזוי האט זיך דא אינם סוף פון 1933 געגרינדעט אן אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „יוניייטעד דזשואיש קאָמיוניטי אָוו לאָס אַנדזשעלעס". דער צייטוויייליקער פּרעזי־דענט איז געווען דזשאַדזש הערי האלצער און וואַלטער ס. האַלבאָרן, איר צייטוויייליקער סעקרעטאר. פּאַרשטייט זיך, אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ קהלה קען ניט עקזיסטירן אויב זי ווערט ניט רעפּרעזענטירט פון די פאַרשיידענע־אָרגאַניזאַציעס פון שטאָט. און עס איז ניט גאָר גרינג געווען צוציען פּילע אָרגאַניזאַציעס, פּילע האָבן גע־האַט ספקות און האָבן מורא געהאַט פאַר זייער אייגענער אויטאָנאָמיע, גאָר אַ סך האָבן געצווייפלט אויב עס וועט האָבן אַ קיום. ס'איז אָבער דאָך געלונ־גען אריינצוציען אַ צאָל אָרגאַניזאַציעס און אַ פּראָגראַם פון געוויסע פונקציעס איז אָנגענומען געוואָרן. אין מערץ פון 1934 איז אַ פּערמאַנענטע אָרגאַ־ניזאַציע געשאַפן געוואָרן און באַאַמטע זיינען דערוויילט געוואָרן: פּרע־זידענט, דזשאַדזש האָלצער; וויצע פּרעזידענטן, חיים שאַפּירא, דוד פּאַמי־ליאַן, מרס. פערגוסאָן, דר. ל. ג. רעינאַלדס, סעמועל בריסקין; סעקרעטאַר, וואַלטער ס. האַלבאָרן; טרעזשורער, פיליפּ שטיין.

אינם הארבסט פון 1934 האָט דזשאַדזש לעסטער ראָטה צוגעשטעלט אַ פּראָגראַם פון טעטיקייטן, ס'איז אָבער פאַרשטאַנען געוואָרן אַז דער פּראָגראַם זאָל ניט זיין קיין באַגרענעצטער, אויסבעסערונגען וועלן קענען אריינגעבראַכט ווערן אויב די צייט און אומשטנדן וועלן עס פאָדערן. פון אָנפאַנג האָט זיך דער קאָונסיל פאַרנומען מיט דער פראַגע פון „מאשרום סינאַגאָגן", דאָס הייסט אַזעלכע שולכלעך וואָס שפּריצן אויס איבערנאַכט און זיי קומען אויף דורך דער גייציקייט פון איינעם, אָדער אַ פּאָר מענטשן, צו מאַכן אַ פּאָר „טולער" אין געוויסע סעזאָנען. איינע פון די ברענענדע פראַגן איז אויך געווען די כשרות פראַגע, דאָס איז אַזאַ פּלאָנטער, וואָס איז שווער אויסצופּלאָנטערן. אידישע דערציאונג איז אויך געשטאַנען אויפן סדר היום און מער פון אַלעמען האָט פאַרנומען דער וועלפעיר פאָנד. אינם יאָר 1935 איז אויפגעקומען די פראַגע פון גרינדן אַ אידישע דערצי־אונגס ביוראָ אונטערן נאָמען: „ביוראָ אָוו דזשואיש עדיוקיישאָן". אין 1936 האָט דער קאַמף געגן „מאשרום סינאַגאָגן" פאַרנומען אַ גאָר וויכטיקן פּלאַץ. עס האָט זיך אין דעם פאַראינטערעסירט די „באָארד אָוו דזשואיש ראַביים". ס'פאַרשטייט זיך, די רבנים פון די עטאַבלירטע סינאַגאָגן קוקן אַלע מאָל קרום אויף נייע סינאַגאָגן. דער הויפּט מאָטיוו אָבער פון דעם קאַמף איז געווען געגן די הפקר מענטשן וועלכע רופן זיך אָן „ראַביי" אָדער „רעווערענד", געגן די וואָס האָבן קיין מאָל קיין סמיכה געקראָגן אָדער ווען עס איז דיפּלאָמירט געוואָרן פון אַ וועלכן עס איז רבנים סעמינאַר. מענטשן וואָס האָבן קיינע פאַרבינדונגען מיט סינאַגאָגן, אויב זיי זיינען נאָר ערלעך, דאַרפן זיך אויך פאַראינטערעסירן אינם קאַמף, ווייל עס פירט צו הפקרות,

און איין הפקרות ברייגגט א צווייטע און א דריטע. צו א מדרגה איז דער קאמף, וואס גייט נאך אן ביזן היינטיקן טאג, געווען דערפאלגרייך. אין 1938 איז־ארגאניזירט געווארן די „דזשואיש דיוויזיע״. די הויפט סיבה אין דער גרינדונג פון דער דיוויזיע איז איינצושפאנען די יוגענט פון דער שטאט ארויסצוהעלפן אין די זאמלונגען פונם וועלפעיר פאנד. אויך צוליב דער קאארדינירונג פון די פארשידענע יוגענטלעכע אקטיוויטעטן, וואס קומען פאר אין אונדזער שטאט. אין אלע ארגאניזירטע קערפערשאפטן קומען שטענדיק פאר רייבונגען און מיינונגס פארשיידענהייטן. אלס אויס־גאנג פון דעם איז דער נאמען פון „דהי יונייטעד דזשואיש קאמיוניטי או לאס אנדזשעלעס״, אין 1936 געביטן געווארן אויף „דהי לאס אנדזשעלעס דזשואיש קאנפערענס״. דערנאך איז דאס ווידער געביטן געווארן צו „לאס אנדזשעלעס דזשואיש קאונסיל״. שפעטער איז עס געביטן געווארן אויף דעם איצטיקן נאמען „דהי לאס אנדזשעלעס דזשואיש קאמיוניטי קאונסיל״. אין יולי, 1937 איז עס אינקארפארירט געווארן אונטער דעם דערמאנטן נאמען. מען קען זאגן אז זינט דאן האט דער היגער קאמיוניטי קאונסיל אנגעהויבן צו ווערן די אמת׳ע קערפערשאפט וואס פארנעמט דעם פלאץ פון א שטאטישער קהילה. זינט דאן האט דער קאונסיל אריינגעבראכט קאאר־דינאציע אין די הילפס־אינסטיטוציעס פון אונדזער שטאט, ער האט זיך באשעפטיקט מיט מעות חיטים, מיט די גמילות חסדים אינסטיטוציעס און א סך אנדערע פאזן פון קהילשע און געזעלשאפטלעכע טעטיקייטן.

דער וועלפעיר פאנד וואס איז ארגאניזירט געווארן אין 1934 האט זינט דער אינקארפארירונג פון דעם „לאס אנדזשעלעס דזשואיש קאמיוניטי קאונסיל״ אנגענומען א גאר אנדער פנים. פריער איז עס געווען א זעלבסט־שטענדיקע אגענטור. אין 1938 איז עס ארונטערגעפאלן אונטער דער אויפזיכט פונם קאמיוניטי קאונסיל און איז געווארן א זאמלונגס־אגענטור וואס דאס גאנצע לאנד רעכנט זיך מיט דעם. די אידישע ליידן זיינען געוואקסן, די נויטן זיינען געווארן אזוי פארשארפט דאס כמעט דער ארימ־סטער איד האט געפילט, אז ער טאר ניט אוועקשטיין. אויסער דעם זיינען אין די מלחמה יארן דא אויפגעקומען א סך גבירים און די געלד זאמלונגען פאר דעם וועלפעיר פאנד האבן געבראכט גאר גרויסע רעזולטאטן. מען קען זען וואס פאר א גרויסע דימענזיעס דער וועלפעיר פאנד האט אנגענומען פון דעם צאל „סובסקרייבערס״: אין 1939 זיינען געווען 13,574 ביישטיי־ערער, אין 1943 זיינען שוין געווען 23,823, אין 1944 האט שוין די צאל דערגרייכט צו 31,697, און אין 1945 זיינען שוין געווען 32,000. וואס עס איז שייך די געלד זאמלונגען ביי אונדז אין שטאט איז עס די צווייטע גרעסטע סומע נאך ניו יארק.

די פאלגענדע טאבעלע קען געבן א באגריף פונם וואוקס פון די זאמ־לונגען:

אין 1941 איז געזאמלט געוואָרן די סומע פון — $707,662.53, אין 1942 — $613,677.70*, אין 1943 איז די סומע שוין געווען — 541.24,-$1,201, אין 1944 — $2,055,697.00, אין 1945 איז די סומע שוין געווען אזוי גרויס ווי — $2,700,000.00. ווי אזוי ווערן די געלטער פאַרטיילט? פאַר מיר ליגן די ציפערן פון דער חלוקה בלויז פון דעם יאָר 1944, און זיי זיינען ווי פאָלגט: דעם יונייטעד דזשואיש אַפּיל איז צוגעטיילט געוואָרן די סומע פון $1,150,000, אַנדערע מעבר לים אַגענטורן $55,300, דער שטאַט לאָס אַנגעלעס, $420,618, נאַציאָנאַלע אַגענטורן, $151,955. אזוי זעען מיר אַז לאָס אַנגעלעס האָט געקראָגן $420,000, וואָס מאַכט אויס נאָהענט צו 24 פּראָצענט פון דער טאָטאַלער סומע.

דער קאָונסיל באַשטייט איצט פון אַן ערך 224 אינסטיטוציאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. איך האָב געזאָגט אַן ערך, ווייל כמעט יעדן טאָג קומען צו נייע אָרגאַניזאַציעס. די אָרגאַניזאַציעס קלייבן אויס איבער 600 דעלעגאַטן וועלכע דינען ווי „רעפּרעזענטאַטיווע מיטגלידער". מיטינגען פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט ווערן אָפּגעהאַלטן 4 מאָל יערלעך. אין יאַנואַר קומען פאָר די יערלעכע וואַלן פון דער באָארד אָוו דירעקטאָרס, וואָס באַשטייט פון איין און זעכציק מענטשן, וועלכע פאַרוואַלטן מיט אַלע אַנגעלעגנהייטן פונם קאָונסיל.

ווי נויטיק עס איז די זאַמלונג פון פאָנד צו יעדער צייט, און ספּעציעל אין דעם איצטיקן מאָמענט, וואָלט ניט נויטיק געווען פאַר דעם אַ קאָמיוניטי קאָונסיל, דאָס האָט געקענט טאָן אַן אַנדער אַגענטור. דער קאָונסיל איז אָבער מער ווי דאָס, דעם קאָונסילס פונקציעס זיינען פילפאַכע. איינע פון זיינע גרעסטע פונקציעס איז די פאַרשפּרייטונג פון אידישער דערציאונג דאָ אין שטאָט. די ביוראָ אָוו דזשואיש עדיוקיישאָן איז איינע פון די וויכטיקסטע ביוראָס אָדער קאָמיטעס וואָס דער קאָונסיל האָט. ביז דעם יאָר 1943 איז דער בודזשעט פון דער דערציאונגס ביוראָ געווען אַ גאָר באַשרייַנקטער. אויף דער דערציאונגס ביוראָ איז געלעגן אַ שווערע האַנט און ס'האָט איר געהאַלטן אין אַן איינגעפּראַרענעם, פאַרגליווערטן צושטאַנד, די מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער ביוראָ האָבן עס ניט געלאָזן צעוואַקסן זיך, עס איז געקומען צו אַזאַ לאַגע וואָס האָט פאַראורזאַכט אַ סך היים בלוט און דער קאָונסיל איז געצוואונגען געווען אַראָפּצוברענגען אַהער אַן עקספּערט צו מאַכן אַ „סורווי". דאָס האָט אַרויסגעבראַכט אַז די ביוראָ

*) דער לייענער באַמערקט געוויס, אַז די סומע פון 1942 איז באַדייטענד קלענער ווי אין דעם יאָר 1941. ס'איז געווען דערפאַר וואָס די אידישע מואווי מאַגנאַטן האָבן זיך אין דעם יאָר נישט באַטייליקט אין די געלט־זאַמלונגען.

האט ניט פונקציאָנירט אויף אַ געהעריקן אופן און געוויסע רעוויזיעס און רעפאָרמען זיינען רעקאָמענדירט געוואָרן. אַזוי למשל, איז דער בודזשעט

פאַרגרעסערט געוואָרן פון $40.000 אין 1943 צו $76.000 אין 1944, און אין 1945 איז עס פאַרגרעסערט געוואָרן צו אַ מינימום פון $120,000. דעם לעצטן יאָר האָט די ביוראָ סובסידירט 13 אידישע שולן פון פאַרשידענע ריכטונגען. לעצטענס איז באַשלאָסן געוואָרן צו אַפיליאירן אַלע שולן. צוויי שולן האָבן זיך שוין אָנגעשלאָסן און נאָך דרייצן האָבן אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג זיך אָנצושליסן. לעצטענס האָט זיך געגרינדעט אַ פרויען אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „איזראַעלאַ" וואָס איר צוועק איז אידישע דערציאונג, און איז פאַרבונדן מיט דער ביוראָ.

לעצטענס לאָזט זיך פילן אַ באַוועגונג צו פאַראייניקן די אידישע פעדעראַציע מיטן קאָונסיל. דער קאָונסיל טיילט אוים יעדן יאָר אַ גרויסע סומע צו דער פעדעראַציע בכדי זי זאָל קענען אויסהאַלטן אירע אינסטיטוציעס, ווי צדקה און די קאָמיוניטי צענטערס. די פעדעראַציע איז אַן איבערבלייב פון יענע יאָרן ווען זי איז געווען די איינציקע צדקה אַגענטור דאָ אין שטאָט, היינט ווערט זי אויסגעהאַלטן פונם קאָונסיל. אַזוי האָט אין 1944 די פעדעראַציע געהאַט אַ דעפיציט פון $190,000, און דער קאָונסיל האָט עס גוט געמאַכט. און עס איז טאַקע ניטאָ קיין אורזאַכע פאַר וואָס עס זאָלן דאַרפן זיין 2 פרעזידענטן און 2 באָארדס אָוו דירעקטאָרס. ווען עס קומט צו אַ פאַראייניקונג וואָלט עס דער שטאָט איינגעשפּאָרט אַ סך איבעריקע הוצאות.

מיט דעם שנעלן וואוקס פון דער שטאָט איז נויטיק אַז געשולטע פירער זאָלן זיך מערן, פאַר דעם צוועק האָט דער קאָמיוניטי קאָונסיל אין 1945 פאַרשטאַרקט די שטאָטישע יוגנט פּראָגראַם דורך דעם וואָס ער האָט געגרינדעט אַ אידישן יוגנט קאָונסיל, אַ געמיינזאַמער פּראָיעקט פון דעם קאָמיוניטי קאָונסיל און דער אידישע „צענטערס אַסאָסיאיישען". היינט צו טאָג געפינען זיך 38 דערוואַקסענע יוגענט גרופּעס (פּערזאָנען פון 18-30 יאָר) אַפיליאירט מיטן יוגענט קאָונסיל. דער קאָונסיל נעמט אַנטייל אין אַלע אונטערנעמונגען וואָס האָבן צו טאָן מיט אָפּשלאָגן אַנטיסעמיטיזם. דער קאָונסיל אָרגאַניזירט מאַס מיטינגען וועלכע קענען ברענגען נוצן אידן וואו זיי זאָלן זיך ניט געפינען. אונטער דער אויפזיכט פון דעם קאָמיוניטי קאָונסיל זיינען דורכגעפירט געוואָרן די דעמאָקראַטישע זוואַלן פון דער אידישער אַמעריקאַנער קאָנפערענץ. דער קאָונסיל איז שטענדיק גרייט צו מאָביליזירן אַלע דעמאָקראַטישע כחות קעגן די פריידיקער פון ראַסן שנאה. לעצטענס האָט דער קאָונסיל איינטייל גענומען אין די געגן דעמאָנסטראַציעס פון דזשעראַלד ק. סמיטה. דער קאָונסיל פירט אַ קאַמף געגן אַרבעט

דיסקרימינאַציע און צוזאַמען מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס זוכט ער צו פאַר־ריכטן אַלע עוולות אויף דעם געביט.

דער פּלאַץ איז באַשריינקט צו קענען דאָ אויסרעכענען אַלע נויטיקע אַרבעטן וואָס דער קאָונסיל פירט דורך. ווי געזאָגט, זיינע פונקציעס זיינען פילפאַכע. דער קאָמיוניטי קאָונסיל איז אַ נויטווענדיקייט, אונדזער שטאָט וואַקסט ווי אויף הייוון. מען מוז די טעטיקייטן קאָאָרדינירן, מען טאָר ניט דערלאָזן צו הפקרות. פילע זאַכן מוזן סיסטעמאַטיזירט ווערן. יעדער איד דאָ אין שטאָט מוז פילן אַז דער קאָמיוניטי קאָונסיל איז זיינער און אויך זיין ברודער׳ס, און עס איז די פליכט פון יעדן איינעם צו זיין זיין ברודער׳ס היטער. קיינער טאָר די אַרבעט פאַר זיין שטאָט ניט לאָזן אין די הענט פון געצייילטע. דער קאָונסיל דינט די אינטערעסן פון דער קהילה, און די אינטערעסן פון דער קהילה זיינען אונדזערע אַלעמענס אינטערעסן.

**יוסף שפּיגעלמאַן**

# וואָס מיך אינטערעסירט אין אונדזער קלוב

(אַ בריוועל אַזאַ צו דער רעדאַקציע)

חשוב׳ע חברים רעדאַקטאָרן:

טאַקע ווייל ס׳איז ביי אונדז אַ יום־טוב און טאַקע ווייל איך בין נאָך גאָר נישט קיין אַלטער מיטגליד (כ׳האָב שיער ניט געזאָגט אַז „כ׳בין נאָך אַ יונגער מיטגליד״, נור כ׳האָב זיך דערמאָנט אַז כ׳בין נישט קיין פּרימאַ־דאָנע . . . .) איז טאַקע דערימעך בעט איך אייער דערלויבניש אויסצודרוקן אין אונדזער יובל־בוך, אין עטליכע שורות, וואָס מיך אינטערעסירט אין אונדזער ל. א. אידישן קולטור קלוב:

איך בין אַ איד, און נישט קיין יוצא מן הכלל, האָב איך, ב״ה, אַנדערע געזעלשאַפטליכע ערטער וואָהין איך מוז קומען צו „אַלגעמיינע מיטינגען״, „קאָמיטע־מיטינגען״ און „גלאַט מיטינגען״ .. . . אָבער אַז כ׳קום אין קלוב, כ׳טרעט נור אַריבער די שוועל, ווערט מיר וואַרם אויף דער נשמה; נישטאָ דאָ קיינע „פּאַרטיי־קריגערייען״; מען פרעגט דיך נישט אויף קיין „פּאַס־פּאָרט״, ווייל דער קלוב איז אַן אומפּאַרטייאישע אינסטיטוציע.

היינט מיין געננום פון אונדזערע שבת־צו־נאַכטסן: איך האָב אַן אמת׳ן פאַרגעניגען ווען אונדזער פייגעלע פאַניץ זינגט אַזוי האַרציג זיס אירע פאָלקס־לידער, וועלכע זענען אויך מיינע לידער מחמת איך בין פון אונדזער פאָלק; פאַר מיר איז אַן אמת׳ער עונג שבת ווען אונדזער טאַלאַנטפולער

ר' אליהו טענענהאָלץ לייענט פאַר אַ „שטיקעלע שלום עליכם", ער פאַר־קערפּערט דעם אינהאַלט אויף אַזוי פיל אַז, פאַרמאַכענדיק מיינע אויגן, זע איך די שלום עליכם העלדן אויף דער ביהנע — לעבעדיקע! און ווען אונדזער „אַמבאַסאַדאָר אָוו גוד וויל", חבר קאַפּילאָוו, צעלאַמעדויעט זיך בציבור מיט זיינע פריילאַכע „לאַמעדויעס", פאַרקייכט מען זיך טאַקע פון האַרציקן געלעכטער; מיר איז תמיד אינטערעסאַנט צו הערן אונדזער „בוי־מייסטער", חבר פרידלאַנד, בשעת ער מאַכט אַן ערקלערונג פון דעם און פון יענעם און זיך אַליין צו דערמאָנען פאַרגעסט ער אינגאַנצן; אַ טיפן איינדרוק מאַכט אויף מיר אונדזער באַשיידענער פּרץ הירשביין, ער רעדט צו אונדז ווי אַ שטילער טאַטע צו זיינע קינדער — מיט אַביסעלע מוסר און אַ סך טרייסט און האָפענונג; מיך באַהערשט ממש אַ פרייד, שטענדיק, ווען אונדזער שטי־לער דיכטער ה. רויזענבלאַט לייענט פאַר אונדז אָדער רעדט צו אונדז און באַבליקט אונדז מיט זיינע ווייכע, בלויע אויגן!

און אַזוי נאָך און נאָך וועלכע פאַרשאַפן מיר פאַרגניגן בשעת זיי באַ־טייליגן זיך אין אונדזערע קולטורעלע אָווענטן, ווי: אונדזער פינטשע בערמאַן, ישראל אסמאַן, בראָנזווילער סטאָליאַר, י. ש. נאומאָוו, ה. גאָלד — און היינט די אַלע געסט פון אומעטום וואָס האָבן נור וואָס צו זאָגן קומען אין אונדזער קלוב און קאָנען עס זאָגן!

אָט דאָס אַלצדינג איז וואָס אינטערעסירט מיך אין אונדזער קלוב. יאָ און, חוץ לזה, אַז איך באַצאָל מיינע „דיוס" איינמאָל פאַרן גאַנצן יאָר האָב איך שוין מער נישט קיינע צאָלונגען און קום מיר פראַנק און פריי צו אַלע „אָוונטן" און יום־טובים און אַזוי ווי קיין קאָרטן שפּילט מען ביי אונדז נישט, קאָסט עס מיך טאַקע נישט קיין סך. . .

און איצט, אַז אונדזער קלוב, נאָך צוואַנציק יאָר אין שכנות־לעבן, קלייבט זיך, מיט מזל, אַריין אין זיין אייגענער היים, אַ בנין וואָס וועט זיין אַ כבוד פאַר כלל ישראל, טוט עס מיר באמת הנאה צו זיין איינער אין אונדזער משפחה וואָס מיר רופן: לאָס אַנגעלעסער אידישער קולטור קלוב.

### פון דער רעדאַקציע:

אָט אַ דער וואַרימער אויסדרוק פון אונדזער חבר יוסף שפּיגעלמאַן בנוגע אונדזער קלוב, איז אויך דער געפיהל, גלויבן מיר, פון אַלע אונדזערע מיטגלידער, און דערפאַר איז אונדזער היינטיקער יום טוב מיט אונדזער חנוכת הבית.

דר. וו. אָסטראָווסקי

# קולטורעלע טעטיקייט אין לאָס אַנגעלעס

פון ערשטן איינדרוק, וואָס אַ ניי אָנגעקומענער קען האָבן, קען זיך אויס-
דוכטן, אַז דאָס אידיש קולטור לעבן איז דאָ ברוויזנדיק. דאָ זיינען דאָ
לעקציעס, קאָנצערטן, אידישע שולן און לייען קרייזן. עס איז דאָ אין
שטאָט אַ צייטונג און אידישע ביכער דערשיינען דאָ מער ווי אין אַנדערע
גרעסערע אידישע שטעט, איבערן לאַנד.

דאָס באַווייזט, אַז די היגע אידן האָבן אַ געוויסן אינטערעס אין די
אידישע קולטור געביטן.

דאָך זענען פילע פון אָט די קולטורעלע אונטערנעמונגען צופעליגע דער-
שיינונגען. אַ לעקציע ווערט איינגעאָרדנט דאַן, ווען עס קען ברענגען צו
אַ זיצונג פון דעם אָדער יענעם צווייג פון אַן אָרדן אַ גרעסערע צאָל באַזו-
כער. אַ שול ווערט דערעפנט פון דעם פאַרבאַנד ווען עס קען צוציען נייע
מיטגלידער. אידישע קונסט ווערט אויסגענוצט, אָדער בעסער, עקספּלואַ-
טירט, ווען מען דאַרף האָבן אַ „קראַפט", אַ פערד, ווי עמיצער האָט עס
דאָ אַמאָל געזאָגט, פאַר ציען אַן עולם, אום צו שאַפן אַ פּאָר טולער פאַרן
„הייליקן צוועק" פון אַ געוויסער באַוועגונג. אידישע דראַמע, געזאַנג, אַ.ד.
ווערט געבראַכט צוהילף אַן אונטערנעמונג, ווען מען קען קריגן אַ אידישן
אַקטיאָר, זינגער, צו רעציטאַטאָר אָן געלט אָדער פאַר קליינגעלט. ווען
אונדזערע געזעלשאַפטליכע טוער ווערן שוין גאָר אַמביציעז, „גרויסשטאָ-
טיש", ווי זיי מיינען עס, ווערן אונדזערע „קרעפטע" צו שוואַך פאַר זיי,
זיינען מיר דאָך אַזוי נאָענט צו האָליוואוד, און די האָליוואודער שטערן
העלפן שוין דאַן.

צו די אַלע געזעלשאַפטן, פאַראיינען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַנוצן
זיך פון צייט צו צייט מיט אידישער קונסט און קולטורעלע אַרויסטרעטונגען
פאַר זייערע צוועקן, זיינען נאָך דאָ און זיינען געווען אייניקע געזעלשאַפטן
בא אונדז אין שטאָט, וואָס האָבן ריין קולטורעלע אויפגאַבן.

נאָך מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק איז דאָ געווען טעטיק אַ אידישער
אינסטיטוט, אַן אומאָפּהענגיקע אידישע קולטור אינסטיטוציע פון אַ באַ-
דייטענדיקן פאַרנעם, נעמענדיק אין באַטראַכט די קליינע אידישע באַפעלקע-
רונג פון יענער צייט.

די אידישע פאָלק שול-האָט זיך געגרינדעט אַלס אַן אומפּאַרטייאישע אינסטיטוציע אין 1919.

אַ צווייג פון דער „אידישער קולטור געזעלשאַפט" איז דאָ געווען טעטיק פאַר עטליכע יאָר.

דער „אידישער קולטור קלוב" האָט זיך געגרינדעט אין 1926 אַלס אַ אידיש קולטורעלע אינסטיטוציע, וועלכע זאָל געבן זיינע מיטלידער אַ געלעגנהייט צו אויסלעבן זיך אידיש קולטורעל.

עס זיינען דאָ געווען פילע פּראָוואון אויפ'ן טעאַטער געביט. די אַרטיסטן טענענהאָלץ, באַראַטאָוו און גאָלדפאַדן האָבן דאָ אין פאַרשידענע צייטן פּרובירט צו עטאַבלירן אַ שטענדיקן טעאַטער. די „ווילנער טרופּע" האָט דאָ גאַסטראָלירט אַ גאַנצן סעזאָן בשעת זייער אָנקומען אין אַמעריקאַ. און דאָס „רעפּערטואַר טעאַטער" מיט ווינאָגראַדאָוו בראש, אַ סעזאָן.

די אידישע טעאַטער געזעלשאַפט — „אידטעג" איז דאָ געווען טעטיק אין די יאָרן צווישן '29-'32. אַ סטודיאָ פון יוגנטליכע, אָנגעפירט פון די ברידער צמח איז געווען איינע פון די „אידטעג" אונטערנעמונגען.

אַ דראַמאַטישע סטודיאָ פון יונגוואַרג אונטער דער אָנפירערשאַפט פון א. טענענהאָלץ האָט אָנגעהאַלטן דער ל. א. אידישער קלוב — פאַר פילע יאָרן.

דער אידישער וויסנשאַפטליכער אינסטיטוט — „ייוואָ", נאָכן גרינדונג אין ווילנע האָט באַ זיינע פריינד דאָ, אַרויסגערופן אַ פאַרלאַנג צו שאַפן אַ ל. א. צווייג. אָבער מער ווי עטליכע וואָכן אַ יאָר, דורך דער צייט פון דער יערליכער אַקציע פאַר דער אינסטיטוציע, פונקציאָנירט עס ניט מער.

אין 1937 האָט זיך אין פּאַריז געגרינדעט דער „איקוף", מיט בן אדיר'ן אַלס סעקרעטאַר. עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַן דער קערפּערשאַפט אָרגאַניזאַציעס און וויכטיקע קולטור טוער פון דער גאַנצער אידישער קולטור וועלט. עס האָט אויסגעקוקט, אַז אַ רענעסאַנס אין אידישן קולטור לעבן האָט זיך אָנגעפאַנגען. די צייט איז דאָך ניט געווען גינסטיק. די צווייטע וועלט-מלחמה איז געווען אין צוגרייטונג. מען האָט שוין צו יענער צייט געשמעקט דעם פּולווער אין דער לופט. די פּאָליטישע צעריסנקייט אין אידישן לעבן האָט צונישט געמאַכט יעדן פּרואוו פאַר געמיינזאַמער גרעסערער קולטור טעטיקייט.

די מיטגלידערשאַפט פון היגן צווייג פון „איקוף" איז באַשטאַנען אויסשליסליך פון די עלעמענטן, וועלכע זענען געשטאַנען אַרום דער קולטור געזעלשאַפט, און אַנדערע קולטור גרופּן, וועלכע זיינען טעטיק אין אַלגע-

מיינע היגע קולטור ענינים. די „לינקע" האָבן פאַרשטייט זיך, געהאַט זייער אַ פאַרטרעטערשאַפט. זייערע פאַרטיי מיטגלידער און זייערע אַנ־הענגער פלעגן בלויז צו גרעסערע אונטערנעמונגען זיך באַווייזן. אַזוי איז עס געווען ביזן „פאַקט, ווען דעם „איקוף" האָבן געמוזט איבערנעמען די געשוואָרענע לינקע.

דער „ציקאַ" איז אָרגאַניזירט געוואָרן נאָך דער גרינדונג פון „איקוף". די צענטראַלע אידישע קולטור אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט אויפ'ן אַמעריקאַ־נעם באָדן, איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון די עלעמענטן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט גיין צוזאַמען מיט די „לינקע". דער „איקוף", וואָס איז אָרגאַנאַזירט געוואָרן אין פאַריז און האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס אין דער אידישער וועלט, האָט געדראָעט מיט פאַרכאַפּן די אומפּאַרטיי־אישע קולטור קרייזן, און אפילו גרויסע טיילן פון די רעכטע גרופּירונגען. איז די איניציאַטיוו פון דער „ציקאָ" דאָ, ווי איבערן לאַנד בכלל, געווען די רעכטע פאַרטיי עלעמענטן. ווען דער „איקוף" איז נאָכ'ן „פאַקט" אויס־געליידיקט געוואָרן פון אומפּאַרטייאישע עלעמענטן, און די ווירקונג פון יענער אָרגאַניזאַציע איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, איז אויך דער „ציקאָ" גע־וואָרן איבעריק פאַר זיינע איניציאַטאָרן, און איז דאָ כמעט ווי שפּורלאָז פאַרשוואונדן.

דאָס רוב פון דער אידישער קולטור טעטיקייט דאָ אין שטאָט, ווי אין אַנדערע שטעט אין אונדזער לאַנד, פאַרבלייבט אָבער אין אַ גרויסער מאָס אפּהענגיק פון די פאַרשידענע פּאָליטישע גרופּירונגען אין אידישן לעבן. ווי קרקע און קראַנקען בענעפיט, דינט אויך אונדזער אידישע קונסט און קולטור די אינטערעסן פון די גוט אָרגאַניזירטע פּאַרטייען און קרייזלאָך. דאָס באַווייזט גראַד אַז אונדזערע קולטור און קונסט געביטן זיינען נאָך אַלץ נוציק און גאַנגבאַרע אַרטיקלען.

איז פאַרוואָס זאָל עס זיין נור אַ „ביי פּראָדוקט", אַ צופעליגע טעטי־קייט?

אַן אויסנאַם אין דעם פאַל איז דער ל. א. אידישער קולטור קלוב; ער איז ניט אָפּהיינגיק פון קיין באַשטימטער פּאָליטישער פּאַרטיי אָדער אָרדן און גיט זיך הויפּטזעכליך אָפּ מיט אידישער קולטור אַקטיוויטעט.

ווייל איך דאָ אויסדריקן מיין וואַרעמסטן וואונטש אַז אין דעם נייעם בנין, וועט דער ל. א. אידישער קולטור קלוב זיך פאַרנעמען מיט אַ מער פאַרצווייגטערער און פּלאַנמעסיגער קולטור אַרבעט און זיך באמת דער־הויבן צו דער קולטור מדרגה, צו וועלכע ער איז באַרופן און דאַרף זיין.

# פרויען צווייג ביים ל. א. אידישן קולטור קלוב

ווען דער לאָס אַנגעלעסער אידישער קולטור קלוב האָט אָנגעהויבן זיין אקציע פאַר דעם אויפבוי פון זיין נייער היים, האָבן די געטרייע איבערגע־געבענע חברות פון קלוב, זיך פאָרמירט אין אַ באַזונדערן צווייג, כדי, קודם כל, צו העלפן אין דער אַרבעט פון דעם בילדינג פאָנד, און צוטראָגן זייער טייל ענערגיע, צו פאַרפאָלקאָמען דעם נייעם בנין אונדזערן; און איצט, ווען דער בנין איז שוין פאַרטיק, — און זאָל דאָ געזאָגט ווערן צו זייער שבח, — אַז מיט זייער איבערגעגעבענער אַרבעט, האָבן זיי ניט ווייניק געהאָלפן צו דערגרייכן אונדזער ציל, — האָבן די חברות בדעה צו פאַרבלייבן אויף ווייטער, אַ זעלבסטשטענדיקער צווייג ביים קלוב, און אָנפירן מיט אַ קולטור אַרבעט, וואָס איז אין נאָענטער שייכות מיטן קלובס אַקטיוויטעטן.

ביז איצט האָט דער פרויען צווייג, ביים קולטור קלוב, זייער אַ סך מיטגעהאָלפן אין דער אויסשטאַטונג פון דעם בנין, זיי האָבן, צו זייער קרע־דיט, געשאַפן אַ סומע פון דריי טויזנט דאָלאַר, זיי האָבן אָנגעפירט אַ דער־פאָלגרייכע אַקציע פאַר שטולן אין דעם אָודיטאָריום; זיי האָבן בייגעטראָגן צו דער אויסשטאַטונג פון דער בינע און אַנדערע נויטיקע מכשירים. בכלל, האָט דער פרויען צווייג אַרויסגעוויזן אַ סך אינטערעס און איבערגעבנקייט אין דער גאַנצער צייט פון דעם בויען פון אונדזער נייעם קולטור צענטער, און זייער אַמביציע איז, צו פאַרבלייבן אַזאַ אָרגאַניזירטע גרופּע ביים קלוב און אָנהאַלטן דעם אינטערעס, טאָן אַלעס וואָס איז אין זייערע כוחות און רשות כדי צו פאַרשטאַרקערן, פאַרשענערן און באַרייכערן אונדזער אַלעמענס באַליבטע אינסטיטוציע — דעם ל. א. אידישן קולטור קלוב.

די פאַרוואַלטונג פון קולטור קלוב, דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק צו אַלע חברות און דעם פרויען צווייג, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַזוי פיל גע־טריישאַפט און פאַרשטענדעניש פאַר דער אַרבעט, און מיר האָפן, אַז זייט ביי זייט מיט דעם קולטור קלוב, וועלן זיי אויך אויף ווייטער אַרבעטן לטובת אונדזער אַלעמענס קולטור היים.

זייט געגריסט ליבע חברות!

**פאַרוואַלטונג, ל. א. אידישער קולטור קלוב.**

**א. סופר**

# לאָס אַנגעלעס און דאָס אידישע בוך

מיר גיבן דאָ אַ רשימה פון ביכער, וואָס זיינען דערשינען אין לאָס אַנדזשעלעס אין משך פון 1916 ביז 1945. דער לייענער וועט גלייך באַמערקן אַז פון 1916 ביז 1925 זיינען דערשינען בלויז דריי ביכער, די איבעריקע 48 זיינען דערשינען אין די צוואַנציק יאָר פון 1925 ביז 1945.

אַ ציפער איז גאַנץ אָפט אַ שיפר — אַ פאַרשטעלטע שפּראַך. דעשיפרירט מען אָט דעם ציפער קען מען לייענען: ביז 1916 איז לאָס אַנדזשעלעס, וואָס באַלאַנגט אידיש, געווען אַ דאָרף. פון 1916 ביז 1925 איז לאָס אַנדזשעלעס געווען אַ אידיש שטעטל, פון 1925 האָט זי אָנגעהויבן וואַקסן, ווערן אַ אידישע שטאָט. היינט צו טאָג שאַצט מען דאָ אַרום 175 טויזנט אידן.

אָבער אפילו פאַר אַזאַ גרויסער אידישער שטאָט איז 48 ביכער (און ביכלעך) אין צוואַנציק יאָר זייער אַ גרויסע צאָל, און ווען די רשימה איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן זיינען אַ פיר־פינף ביכער געווען פאַרטיק צום דרוק, זיי זיינען ניט אַריינגערעכנט געוואָרן.

פון וואַנען אַזאַ גערעטעניש אויף ביכער האָט עס ניט אַמאָל צו טאָן מיטן . . .קלימאַט?

פאַראַן דאָ אידישע פאַרמער, אָבער אויף זייערע בוימער וואַקסן ניט קיין אידישע ביכער. די „זוניקע" קאַליפאָרניע האָט ניט צוגעצויגן מער שרייבער ווי די „ווינטיקע" שיקאַגאָ, פונדעסטוועגן האָט אפילו שיקאַגאָ, מיט איר גרעסערער אידישער באַפעלקערונג און אויך גרעסער צאָל שרייבער, ניט אַרויסגעגעבן פּראָפּאָרציאָנעל אַזוי פיל ביכער ווי לאָס אַנדזשעלעס. פון אַנדערע שטעט איז דאָך שוין אָפגערעדט. פון וואַנען אַזאַ שפע?

— צופאַל, — וועט מען זאָגן, — צופעליק האָבן זיך דאָ באַזעצט אידישע שרייבער, און וואו שרייבער — דאָרטן ביכער. דאָ ווערן אַרויסגעגעבן מער ביכער? מסתם זיינען די שרייבער רייכער. עפּעס דאָ פאַרלאַגן וואָס גיבן אַרויס די ביכער? דער שרייבער האָט אַ פּאָר דאָלאַר, גיט ער אַרויס זיינעם אַ בוך.

אָט די מימרא דאַרף פאַרענטפערן די גרויסע גערעטעניש און אין איין וועג גיט זי אָן אָנצוהערעניש — ניטאָ וואָס נתפעל צו ווערן. מאַלע וואָס

שרייבער גיבן ארויס זייערע ביכער. נאָך אַ פראגע, צו אַ פארלאג וואָלט זיי אַרויסגעגעבן . . .

אונזער אויפגאַבע דאָ איז ניט פסקענען צו די ביכער וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן זיינען גוטע אָדער שלעכטע. מיר זיינען אויסן געווען צו פאַרצייכענען די ביכער און, צוגעגעבן אַז ניט אַלע זיינען פּרימע דפּרימע, גלויבן מיר דאָך אַז אַן ערך פופציק ביכער אין צוואַנציק יאָר איז אַ קולטור־רעלער אויפטו מיט וועלכן זייער ווייניק פּראָווינץ שטעט דאָ אין לאַנד קענען זיך באַרימען. מיר וועלן פונדעסטוועגן זיך אָפּשטעלן אויף דער רייכקייט פון די שרייבער דאָ, דעם ענין פארלאג און אַנדערע אופנים פון אַרויסגעבן אידישע ביכער.

אָנגענומען אַז אין לאָס אַנדזשעלעס איז יעדער צווייטער מענטש „אַ סטאַר אָדער אַ נאַר", מוזן מיר זאָגן, אַז די שרייבער באַלאַנגען ניט צו די ערשטע. זיי קענען אפשר שיינען מיט זייערע ביכער, אָבער זיכער ניט מיט זייערע באַנק ביכלעך, פשוט גערעדט — זיי זיינען קבצנים. אָבער וואָלטן זיי אפילו געהאַט דאָס געלט, וואָלטן זיי אויך ניט געווען אַזעלכע נאַראָנים צו באַצאָלן עטלעכע הונדערט דאָלאַר פאַר איין פּאַר טאָוולען . . . וואָס איז אַ בוך, אויב ניט אַ מאַנוסקריפּט צווישן טאָוולען? אַ שרייבער וויל טאַקע זען זיינע כתבים געדרוקט, נאָך מער וויל ער אָבער זען אַז זיינע שריפטן זאָלן געלייענט ווערן. דאַרף מען ניט זוכן די אורזאַך פון דער ביכער גערעטעניש אין דער צאָל לייענער, ביכער קויפער דאָ אין שטאָט?

לאָמיר זען.

קיין פארלאַג איז טאַקע נישטאָ. אָבער וואו איז ער יאָ דאָ? אין פּאַריז איז שוין היינט צו טאָג דאָ אַ פארלאַג, אין ניו יאָרק איז ניטאָ קיין פּריוואַ־טער אידישער פארלעגער און אויב רבי לא שנאה רב חיא מנין לו? אויב ניו יאָרק האָט קיין פארלאַג, זאָל לאָס אַנדזשעלעס האָבן ממילא ווערן אידישע ביכער אַרויסגעגעבן אויף אַנדערע אופנים, היינו, דורך די מחברים גופא, דורך פריינט, אָרגאַניזאַציעס.

מכח דער רייכקייט פון די היגע שרייבער האָבן מיר שוין גערעדט. מיר ווילן נאָך צוגעבן, אַז לויט דער רשימה האָבן זייער ווייניק שרייבער אַרויס־געגעבן זייערע ביכער, די מערסטע זיינען דערשינען מיט דער הילף פון פריינט און אָרגאַניזאַציעס.

— היט מיך גאָט פון מיינע פריינט, — וואָלט געדאַרפט זאָגן די אידישע ליטעראַטור, — זיי טוען מיר אָן מער צרות ווי מיינע ערגסטע שונאים. — אַזוי האָבן זיך אויסגעדריקט אייניקע קריטיקער וועגן די „פריינט" וואָס גיבן אַרויס ביכער.

מיר גיבן צו, אַז ניט אַלע מאָל טוען די „פריינט" אַ טובה דער אידישער ליטעראַטור מיט דעם, וואָס זיי גיבן אַרויס אַ בוך פון אַ שרייבער, זייערן אַ פריינט. די קריטיקער וועלן אָבער מוזן צוגעבן, אַז דיזעלבע „פריינט" האָבן אויך אַרויסגעגעבן גוטע ביכער, און ווען מ'זאָל מאַכן אַ גרינטליכן אַנאַליז וואָלט זיך אפשר אַרויסגעוויזן, אַז יצא הפסדו בשכרו, עס זיינען דערשינען מער גוטע ווי שלעכטע ביכער. אגב, ווי קומט עס וואָס אין לאָס אַנדזשעלעס זיינען דאָ אַזוי פיל „פריינט"? וואו זיינען די פריינט פון די שרייבער אין אַנדערע שטעט?

אַ היפּש ביסל ביכער זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אָרגאַניזאַציעס. אין ניו יאָרק איז דאָ אַ ציקאָ און איקוף פאַרלאַג, אין דער רשימה קען מען זען ביכער אַרויסגעגעבן פון דעם קולטור קלוב, קולטור געזעלשאַפט, איקוף, לייען קרייזן, איד. נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, אינ. אַרב. אָרדן. דער שטעמפּל פון אַן אָרגאַניזאַציע איז אפשר אויך ניט אַזאַ כשר'ער עדות בנוגע דער קוואַליטעט פון בוך, ער דערציילט אָבער זייער אַ סך וועגן דער ווילינגקייט צו העלפן אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן דאָס אידישע בוך. צו דאָס איז אַן אָרגאַניזאַציע, אַ קאָמיטעט, אָדער פריינט, גיבן זיי אַרויס אַ בוך, איז די ערשטע זאָרג — פאַרשפּרייטן גענוג ביכער צו דעקן די הוצאות. דער ענין פאַרשפּרייטן דאָס בוך איז זייער ווייכטיק. דאָס איז אפשר דער שליסל צו דער שפע פון ביכער דאָ אין שטאָט.

וויפיל ביכער ווערן פאַרשפּרייט דאָ אין שטאָט?

לידער דרוקן זיך געוויינליך פינף הונדערט קאָפּיעס, אַמאָל אויך טויזנט. פּראָזע, פון פינף הונדערט ביז צוועלף הונדערט, אַמאָל אויך צוויי טויזנט. פאַרקויפט ווערט, געוויינליך, לידער פון צוויי ביז דריי הונדערט, פּראָזע, פון דריי ביז פינף הונדערט. דער כאַווער פּאַווער קאָמיטעט גיט אָן, אַז פון זיין בוך איז דאָ פאַרקויפט געוואָרן ניין הונדערט קאָפּיעס. דאָס איז אַ יוצא מן הכלל.

אין פּראָפּאָרציע לגבי דער אידישער באַפעלקערונג דאָ, איז עס זייער אַ קליינער פּראָצענט, ווען מ'נעמט אָבער אין אַכט די לאַגע פון אידישן בוך איבערן גאַנצן לאַנד, איז עס שוין זייער אַ גרויסע צאָל.

אודאי שפּילט דאָ אַ ראָלע דער לאָקאַלער פּאַטריאָטיזם. אַ לאָקאַלער שרייבער קען דערוואַרטן מער קונים אויף זיינעם אַ בוך דאָ אין שטאָט, ווי אַ פרעמדער שרייבער. אַ סך אַ גרעסערע ראָלע שפּילט אָבער די צאָל פאַרקויפער. מ'קען נאָך פאַרקויפן אַ אידן אַ בוך, מ'דאַרף אָבער קומען צוו אים. גיט מען דאָ אַרויס אַ בוך, גייען די אַרויסגעבער, טאַקע אָט די פאַרשריענע „פריינט" און פאַרקויפן עטליכע הונדערט קאָפּיעס. קומט אַ ניו יאָרקער שרייבער מיט זיינעם אַ בוך און ער איז אַ גוטער . . . גייער, קען ער אויך

פאַרקויפֿן אַ פּאָר הונדערט קאָפּיעס. קומט אַ פּאַרטרעטער פֿון ציקאָ אָדער איקוף פֿאַרלאַג, פאַרקויפֿט ער אויך די צוויי דריי הונדערט קאָפּיעס, ווייל אי ער גייט אַליין, אי די היגע „פריינט" העלפֿן אים. די היגע „פריינט" זיינען ניט דוקא פריינט פֿון דעם און דעם שרייבער, זיי זיינען פריינט פֿונם אידישן בוך.

ליידער קען דאָס ניט געזאָגט ווערן וועגן די ניו יאָרקער. נחמן מייזיל האָט דאָ ניט לאַנג געמוסרט זיינע ניו יאָרקער לאַנדסלייט למאי זיי זיינען ביי זיך אַזוי גדלנותדיק, קוקן אַרונטער אויף דער פּראָווינץ, בעת די פּראָווינץ טוט אויף מער ווי ניו יאָרק. דערביי האָט ער אָנגעוויזן אויף לאָס אַנדזשעלעס, אויף די ביכער וואָס גייען דאָ אַרויס. מיר קענען נאָך צוגעבן, אַז בעת אַ בוך וואָס גייט אַרויס ביים אַטלאַנטיק, דערשלאָגט זיך נאָך ווי עס איז צום פּאַסיפיק, איז אָבער פאַר אַ בוך, וואָס גייט אַרויס ביים פּאַסיפיק זייער שווער צו דערגרייכן דעם אַטלאַנטיק, ניטאָ קיין אַדרעס צו וועמען צו שיקן, ניטאָ אין ניו יאָרק קיין פריינט . . . פֿונם אידישן בוך.

דאָס ווערט געזאָגט ניט מיטן אַבזיכט זיך אויספּיינען פאַר ניו יאָרק, ווייזן „ווער שענער איז", אָדער אפילו זיך אויסטענהן. מיר האָבן פאַרצייכנט די ביכער, מיר מיינען אַז דאָס איז אַ קולטורעלער אויפטו פאַר דער שטאָט. דאָס ווייזט, אַז לאָס אַנדזשעלעס גיט ניט נאָר געלט אויף אַלערליי אידישע ענינים, נאָר אויך ביכער. ניט אַלע היגע ווייסן דערפון, און מיר דאַרפֿן עס ווּיסן, ניו יאָרק מעג עס ווּיסן.

אויף די שער בלעטלעך פֿון אייניקע ביכער זיינען אָנגעגעבן פאַרלאַגן. דאָס איז בלויז לפּנים. קיין פאַרלעגער האָט ניט אַריינגעלייגט אַ סענט. דאָס געלט פאַר די אַלע ביכער איז געקומען פֿון לאָס אַנדזשעלעס.

## אַלפאַבעטישע רשימה פֿון ביכער, וואָס זיינען דערשינען אין לאָס אַנדזשעלעס 1916 - 1945.

1) דר. וו. אסטראָווסקי — דאָס געשלעכטס לעבן פֿון דער פרוי, אַרויס־געגעבן פֿון מחבר, 316 זייטן, 1928.

2) ישראל אסמאַן — דאָס בוך פֿון נסיונות, דערציילונגען, פאַרלאַג „אייגענע", 288 זייטן, 1926.

3) ב. באַטשעלים — שמעלצעכע, קליינע מאָנאָלאָגן. אַרויסגעגעבן פֿון מחבר. 24 זייטן, 1926.

4) ל. בערקאָוויטש — קליינוועלט. לידער. אַרויסגעגעבן פֿון אַ גרופּע חברים. 120 זייטן, 1934.

5) יחזקאל א. מ. בראנשטיין — פון דער פרעמד. לידער. ארויסגעגעבן פון א גרופע חברים מיט דער מיטווירקונג פון אידישן קולטור קלוב. 128 זייטן, 1929.

וואגאבונדיאדע. לידער. פארלאג צעשינסקי. 132 זייטן, 1935.
לידער פון א וואגאבונד. צעשינסקי, 128 זייטן, 1940.
אימפרעסיעס פון א לייענער. צעשינסקי. עסייען, 160 זייטן, 1941.

6) ה. גאלדאָווסקי — פרייערי־לאנד. לידער. ארויסגעגעבן פון מחבר, 128 זייטן, 1927.

אונזערע טעג. לידער. ארויסגעגעבן פון דער איד. קולטור געזעלשאפט, 128 זייטן, 1934.

זינגט א וועלט. איבערזעצונגען פון העברעאישע, אוקראאינישע, רוסישע, ענגלישע און אנדערע לידער. ארויסגעגעבן פון מחבר, 72 זייטן, 1942.

7) חיים גאָלדבלום. — לעגענדן און מעשהלעך. ארויסגעגעבן פון איד. קולטור קלוב. 224 זייטן, 1935.

8) נח גאָלדבערג — פשוטע מענטשן. דערציילונגען. ארויסגעגעבן פון איד. נאצ. ארב. פארבאנד און א גרופע פריינט. 192 זייטן, 1942.

9) ב. גרינפעלד (בראָנזווילער סטאָליאר) הובעלשפענער — אויטאָביאָגראפישע סקיצן און געקליבענע שריפטן. ארויסגעגעבן פון בראָנזווילער סטאָליאר שריפטן קאָמיטעט. 224 זייטן, 1935.

10) פרץ הירשביין — יובל בוך. ארויסגעגעבן פון הירשביין יובל קאָמיטעט (אויפבוי גרופע). 328 זייטן, 1941.

11) י. וויינשטאָק — לידער זאמלונג. מוזיק צו די טעקסטן פון מאָדערנע אידישע דיכטער. ארויסגעגעבן פון וויינשטאָק מוזיק פאָבלישינג קאָמ. 1942.

12) שפרה וויים — אין גאנג. לידער. ארויסגעגעבן פון מחבר, 152 זייטן, 1932.

צו דער וועלט — לידער. ז. וויינפער לייען קרייז ביים איקוף, מיט א גרופע פריינט. 120 זייטן, 1943.

13) כאוער פאָווער — צען לאנדסלייט. ראָמאן. ארויסגעגעבן פון כאוער פאָווער בוך קאָמיטעט אויף דער איניציאטיוו פון די איקוף לייען קרייזן. 320 זייטן, 1942.
לעבנס אויף דער וואָגשאָל. בילדער פון געריכט. ארויסגעגעבן פון אינטערנאציאָנאלן ארבעטער אָרדן. 224 זייטן, 4491.

14) יעקב לאנין — די ערשטע פרוכט. לידער. ארויסגעגעבן פון מחבר, 96 זייטן, 1916.

15) וו. לאסמאן — טרוימען און פאנטאזיעס. לידער. ארויסגעגעבן פון זיין פרוי נאך זיין טויט. 56 זייטן, 1918.

16) פראפ. פ. לעמקאוו — מוזיק צו צען אידישע לידער פון מאדערנע דיכטער. אויך ענגלישע איבערזעצונג פון די לידער. מחבר. 1935.

17) ל. מאטעס — דער ווייסער פרינץ פון דער ווייסער פלאג. לידער. פארלאג פאלמע. 64 זייטן, 1927.

א אידישע טראגעדיע. דראמע אין 5 אקטן. פאלמע. 48 זייטן, 1927.
סטודיא. לידער. פאלמע. 128 זייטן, 1928.
אין קאראהאר, קינדער לידער. פאלמע. 96 זייטן, 1929.
ווייסע טריט. לידער. ארויסגעגעבן נאכן טויט. 194 זייטן, 1932.

18) י. ל. מאלאמוט — אמאל איז געווען א מלך. מעשהלע. פארלאג זונלאנד. 16 זייטן, 1925.

טייבעלעך. מעשהלע. זונלאנד. 16 זייטן, 1925.

19) ש. מיללער — בלעטער פאלן. דערציילונגען. ארויסגעגעבן פון מחבר. 306 זייטן, 1926.

די שמאלע גרוב. דערציילונגען. קולטור געזעלשאפט. 416 ז., 1933.
א בליאסק אויף א טאג. דערציילונגען. פארלאג קלעצקין. 274 ז. 1935.
מאטיוון. דערציילונגען. קולטור געזעלשאפט. 288 זייטן, 1940.
רויט און שווארץ. דערציילונגען. ש. מיללער בוך קאמיטעט. 320 ז. 1945.

20) ראזא נעוואדאווסקא — אזוי ווי איך בין. לידער. ראזא נעוואדאווסקא בוך קאמיטעט. 160 זייטן, 1936.

21) לאה קאפעלאוויטש־האפמאן — מאן בלומען. קינדער לידער. ארויסגעגעבן פון דעטראיטער ארדן שול לייען קרייזן, געדרוקט אין לאס אנדזשעלעס, 1941.

22) חיים קאטיליאנסקי — פאלקס געזאנגען לויטן נוסח חיים קאטיליאנסקי. ארויסגעגעבן פון חיים קאטיליאנסקי בוך קאמיטעט, צוזאמען מיטן פאלקס פארלאג פון איקוף. 1944.

23) ברכה קודלי — אוזארן. לידער. ארויסגעגעבן פון א גרופע פריינט. 64 זייטן, 1931.

(24) יוסף קוצענאני(קיץ) — שלום עליכם׳ס טייטש ווערטלעך. קעשענע ביבליאָטעק. 32 זייטן, תרפ״ה.
קווייטלאך. מיניאטורן. קעשענע ביבל. 28 זייטן, תרפ״ה.

(25) א. קימעלפעלד — מיין מיליטער דינסט אין רוסלאנד. טאָג בוך פון א אידישן סאָלדאט. 132 זייטן, 1916.

(26) מאָרים ראדזשער — דער גייסט פון דער צייט. דראַמע אין 3 אקטן. פאַרלאַג חבר. 96 זייטן, 1927.

(27) ה. רויזענבלאַט — בלויע פלאַמען. לידער. ארויסגעגעבן פון א גרופע פריינט. 160 זייטן, 1925.
הרודעס. פּאָעמע. קולטור געזעלשאַפט. 152 זייטן, 1930.
ליים. פּאָעמע. קולטור געזעלשאַפט. 136 זייטן, 1935.
בעבזיק. דאָס לעבן פון א אידיש אינגל. לידער. אַרויסגעגעבן פון צענטראל קאָמיטעט פון די אידישע פאָלק שולן, נ. י. (מיט דער הילף פון לאָס אנדזשעלעס). 160 זייטן, 1940.
אדמס קינדער. לידער. ארויסגעגעבן פון ה. רויזענבלאַט בוך קאָמיטעט. 128 זייטן, 1944.
מיין ליכטיקע נסיעה. לידער. אַרויסגעגעבן פון ה. רויזענבלאַט בוך קאָמיטעט. 170 זייטן, 1944.

(28) לאָמער שאַפּיראָ — דער שרייבער גייט אין חדר. עסייען. פאַרלאַג אליין. 128 זייטן, 1945.

(29) חיים שווארץ — דער גרויסער געראַנגל. לידער. אַרויסגעגעבן פון שטאָט קאָמיטעט פון אינט. ארב. אָרדן. 122 זייטן, 1943.

(30) מאקס שערמאַן — לידער. מאַקס שערמאַן שריפטן קאָמיטעט. 148 זייטן, 1934.

סך הכל — דרייסיק שרייבער, אַכט און צוואַנציק ביכער לידער, 23 פּראָזע, דריי מוזיק ביכער, מוזיק צו פאָלקס לידער און פון מאָדערנע אידישע דיכטער.

י. ש. נאומאָוו

# די אידישע פּרעססע אין לאָס אַנגעלעס

אייגענטלעך האָב איך גערארפט דעם ארטיקל מיינעם אָנרופן: „די אידישע פּרעססע אין קאַליפאָרניע", ווייל סאַן פראַנציסקאָ האָט אין דעם אויך אַ חלק, דעם גרעסטן חלק פאַרנעמט אָבער פּאָרט לאָס אַנדזשעלעס. אגב זיינען די צייטונגען וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרן אין סאַן פראַנציסקאָ ארויסגעגעבן געוואָרן מיט אַן אויג געווענדעט מערסטן צו דער אידישער לאָס אַנדזשעלעס. ווען סאַן פראַנציסקאָ האָט נאָך געהאַט מער אידן ווי לאָס אַנדזשעלעס, זיינען אָבער די אידן פון לאָס אַנדזשעלעס געווען מער אידיש ווי די אידן אין סאַן פראַנציסקאָ.

סאַן פראַנציסקאָ האָט געהאַט איינגעזעסענע רייכע יהודים, וועלכע האָבן מיט אידישע צייטונגען ניט געהאַט קיין שייכות, און זיי האָבן זיך באַנוגנט מערסטנס מיט „טשאַריטי פאַר דהעיר פּור ברעטהערן", און זייער גאַנצן שייכות מיט איסט־אייראָפּייאישע אידן האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון געבן הילף צו די אָרימע קאָ־רעליגיאָניסטן. און כאָטש סאַן פראַנציסקאָ האָט שוין באַ היינטיקן טאָג אַ סך באַוואוסטזיניקע אידן, ליגט אָבער נאָך איצט אויף דער יידישער סאַן פראַנציסקאָ אָדער אַסימילאַטאָריש־שווערער־חותם פון יענע אָפּגעפרעמטע דייטשישע יהודים, וואָס זייער וועלט אַנשוי־אונג איז געווען אַסימילאַציע, אָדער ווי די מאָדערנע אידן פון דעם מין רופן עס אָן באַ היינטיקן טאָג מיטן נאָמען — **אינטעגראַציע.**

און דאָך, ווען דר. י. וואַרטסמאַן איז אין 1912 געקומען אין לאָס אַנדזשע־לעס און האָט זיך באַקאַנט מיט די ביידע שטעט, האָט ער דאָך באַשלאָסן ארויסצוגעבן די ערשטע אידישע וואָכנבלאַט אין סאַן פראַנציסקאָ. דר. וואַרטסמאַן האָט גוט געוואוסט, אַז די גרעסטע שטיצע פאַר דער צייטונג וועט סוף כל סוף דאָך קומען פון לאָס אַנדזשעלעס, סיי אין דער צאָל פון אַבאָנענטן און סיי אין ממשותדיקער פינאַנציעלער הילף. ער האָט אויך געוואוסט, אַז אין לאָס אַנדזשעלעס האָבן זיך אויך געפונען די נויטיקע מיט־אַרבעטער. אין לאָס אַנדזשעלעס האָבן זיך שוין דאַן געפונען אידן, וועלכע האָבן געקענט האַלטן אַ פּען אין האַנט. דאָ האָבן זיך געפונען דוד גיסנעט, נח מישקאָווסקי, יעקב גינזבורג, דר. ל. בלעס, פּ. ריסקין, איך אַליין און נאָך אַנדערע. אגב מוז דאָ דערמאָנט ווערן, אַז עס איז געווען נח מישקאָווסקי, וועלכער האָט וואַרטסמאַנען אָנגערעדט צו קומען אַהער. וואַרטסמאַן איז

אָבער אַהער געקומען מיט גאָר ווייניק געלט, יעדער סענט איז באַ אים געווען אַ געציילטער, מער פון אַלץ האָט ער געהאַט צייטונגס דערפאַרנקייט, אויסדויער, עקשנות און אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד צו אָנגעשטריינקטער שווערער אַרבעט.

זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז כאָטש אַ סך פון יענע אידן האָבן געשטרעבט צו אַנטוויקלען די אידישע קולטור אין דער זוניקער קאַליפאָרניע, האָבן זיי דאָך דערוואַרטעט אַז פאַר זייער פען־אַרבעט זאָלן זיי באַקומען גרויסע האָנאָראַרן. וואַרטסמאַן האָט געוויסע פאָדערונגען ניט געקענט נאָכקומען און אַסך קאָנטאַקטן זיינען צוריסן געוואָרן נאָך איידער די צייטונג איז דערשינען. דר. וואַרטסמאַן האָט דאָ געזוכט צו פאַרקויפן שערס, אָבער צוליב די קלייזעלדיקע צוריסענקייט פון יענער צייט, זיינען די רעזולטאַטן געווען מיזעראַבעלע. וואַרטסמאַן האָט מיט אַן אויג אויף דעם גאַנצן אידישן פּאַסיפישן ברעג געדיינקט, אַז סאַן פראַנציסקאָ איז יענער פּונקט וואָס וועט פאַרבינדן דעם דרום מיטן צפון פון דעם פּאַסיפישן ים־פּאַס.

אָנפאַנג יאָר 1913 איז דערשינען אין סאַן פראַנציסקאָ דער ערשטער נומער אידישע וואָכענבלאַט אונטערן נאָמען „די קאַליפאָרניער אידישע שטימע". די ערשטע נומערן זיינען געווען אין גאָר קליינעם פאָרמאַט, 12 ביי 9, דערפאַר זיינען די ערשטע נומערן געווען גאָר געלונגענע, ווייל אין זיי האָבן אויסער היגע שרייבערס זיך אויך באַטייליקט יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי, דר. פאָרענבערג און אַנדערע באַוואוסטע שרייבער. ווען דער ערשטער נומער איז אָנגעקומען אין לאָס אַנדזשעלעס, האָבן אַ סך פון זיינע פריערדיקע פריינט און שפּעטערדיקע שונאים עס פאַרשריען אַלס פאַרזעניש. דער געשריי איז געווען, אַז עס איז די גרויס ווי אַ תחינה, אַז עס איז ניט גענוג סאָציאַליסטיש, אַז עס איז צופיל ציוניסטיש, אַז עס איז דאָס און עפּעס אַנדערש, און עס טויג בכלל ניט, מען האָט עס אויך געמאָסטן מיט די אידישע וואָכענבלעטער פון ניו יאָרק — ניט רעכענענדיק זיך מיט די אָרטיקע באַדינגונגען. זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז צווישן די אידישע קולטור טוער דאָ אין שטאָט, כאָטש די צאָל איז געווען ניט צו גרויס, האָבן זיך געפונען ציוניסטן, פּועלי־ציון, סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, אַנאַרכיסטן, בונדיסטן, און, זאָל עס ניט קלינגען ווי אַ שפּאָס, אויך וועגעטאַריאַנער. יעדערער האָט געוואָלט אַז די צייטונג זאָל אויסדריקן זיין פּלאַטפאָרמע. פאַרשטייט זיך, יעדערער האָט געזוכט דאָס, וואָס ער האָט ניט געקענט געפינען און ניט געדאַרפט געפינען.

וואַרטסמאַן איז אידעאָלאָגיש געווען אַ דעמאָקראַטישער ציוניסט. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע, וואָס האָט זיך געגרינדעט ביי דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. ער איז געווען אַן אנהייגער און שטאַרקער פאַרטיידיקער פון טרייד

יוניאָניזם. אַלס צייטונגס מענטש האָט ער געוואוסט, אַז אַ שטריינג פּאַרטייאישע צייטונג האָט דאָ ניט קיינע שאַנסן, ער האָט געוואָלט אַ גוטע אידישע צייטונג, וואו אַלע ריכטונגען זאָלן קענען אַרויסזאָגן זייערע מיינונגען אויף אַ ריינעם ערנהאַפטן אופן. ער האָט געזוכט צו דערמוטיקן נייע טאַלאַנטן פון וואָס פאַר אַ ריכטונג זיי זאָלן ניט קומען. יעדער אידישער פּאַרטיימאַן אין יענער צייט האָט געוואָלט האָבן אָדער גאָר אָדער גאָרניט, און זיי האָבן דאָס אויסגעפירט. וואַרטסמאַנס אַפּילן האָבן ניט געהאָלפן, זיי האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ טויבער וואַנט. ניט אַכטענדיק איז די צייטונג אַרויסגעגאַנגען אָנאונטערבראָכן פאַר גאַנצע 2 יאָר, זי האָט שוין געזאָלט פאַרוואַנדעלט ווערן, מיט דער הילף פון אייניקע יחידים, אין אַ טעגלעכער צייטונג. די מלחמה האָט אָבער אויסגעבראָכן אין 1914 און גרויסע שוועריקייטן זיינען אַנטשטאַנען און די ק. א. ש. האָט אויפגעהערט צו דערשיינען.

איך האָב זיך הויפּטזעכלעך אָפּגעשטעלט לייגנער אויף דער ערשטער צייטונג, ווייל דאָס איז געווען דער ערשטער און שווערסטער טראָט אויפ'ן אידישן צייטונגס וועזן אין קאַליפאָרניע, און כל התחלות קשות.

* * *

אין די 2 יאָר וואָס די צייטונג האָט עקזיסטירט האָט זיך דאָך אַ גרעסערע צאָל אידן גענומען אינטערעסירן מיט דער צייטונג, און ניט אַכטענדיק וואָס די צייטונג האָט אויסגעהויכט איר נשמה פון צופיל פּאָקן און מאָזלען, האָט עס אָבער געשאַפן אַ וועג און אַ מעגלעכקייט פאַר צייטונג אויסגאַבן ביי אונדז אין שטאָט. איינער פון וואַרטסמאַנ'ס גרעסטע טעותן איז געווען דאָס וואָס ער האָט אָנגעפאַנגען אַרויסצוגעבן זיין צייטונג אין סאַן פראַנציסקאָ. לאָס אַנדזשעלעס האָט גענומען וואַקסן ווי אויף הויוון, און ס'האָט ווייט אַריבער געיאָגט די יידישע באַפעלקערונג פון סאַן פראַנציסקאָ, און דער עלעמענט איז געווען אַ מער אידישער ווי דאָרטן.

אין יענער צייט האָט זיך דאָ געפונען ב. קאהן און ס. ראַסקין, זיי זיינען געווען אידישע סאָציאַליסטן. צוציענדיק אַנדערע צו זיך האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ וואָכענבלאַט, „דער פּראָגרעס". דער רעדאַקטאָר איז געווען דער דיכטער מ. ח. לונער. זיין אידעאָלאָגיע איז געווען אַ בונדיסטישע, ער איז אָבער געווען אַ הייסער נאַציאָנאַליסט, און כאָטש אונדזערע אידעאָלאָגיעס זיינען געווען פאַרשיידן, האָבן מיר זיך דאָך ביידע גוט איינגעלעבט. און כאָטש די צייטונג האָט געטראָגן אַ סאָציאַליסטישן חותם איז מיר דערלויבט געוואָרן צו שרייבן וואָס און ווי איך האָב געוואָלט. צוליב לונער'ס שוואַכן געזונט און דוחק אין פינאַנצן, האָט „דער פּראָגרעס" ניט מוציא שנתו געווען. אין 1918 האָט אַב. ראַבינאָוויטש צוזאַמען מיט ראַסקינען דאָ געגרינדעט „די צייט". זיי האָבן צוגעציינן דר. לעוו בלאָס, ב. קאהן, אהרן און חיים שאַפּיראָ. זי האָט אָבער לאַנג ניט געלעבט. עס זיינען פאָרגעקומען

סכסוכים און רייבונגען צוליבן סאַנאַטאָריום. דער אַרויסגעבער איז געווען פאַרעקשנט, מען האָט געזוכט אַהער צו ברענגען וואַרטסמאַנען, ער האָט זיך אָבער ניט געקענט צונויפריידן מיט די אַרויסגעבער און אַ ביסל שפּעטער נאָך זיין קומען אַהער האָט ער צוריק אויפגעלעבט „די קאַליפאָרניער אידישע שטימע". ער האָט צוגעצויגן דעם דרוקער ל. זעלענקין און ה. שמערלערן אַלס זיין געהילפס רעדאַקטאָר. דער ערשטער נומער איז דערשינען אין מאַי, 1924.

נאָך אַ געוויסער צייט און דורך וואַרטסמאַנ'ס ענערגישער אַרבעט איז די „קאַליפאָרניער אידישע שטימע" געוואַקסן, אָבער ווי אַלע מאָל זיינען דאָ אין דעם אידישן צייטונגס וועזן מער „מבינים" און מער עצה געבער ווי אַבאָנענטן. וואַרטסמאַן האָט זיך אַביסל אויסגעמאַטערט, ער איז געווען קעמפעריש און האָט ניט געשאַנעוועט קיינעם, ער האָט זיך געמאַכט אַ סך שונאים. די היגע שרייבער האָבן פון דער צייטונג דערוואַרטעט מאַטעריעלע בענעפיטן, און אַ וואָכענבלאַט אין דער פּראָווינץ, צו יענער צייט, האָט עס ניט געקענט דערווייזן. די צייטונג איז אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער פאַרקויפט געוואָרן צו י. גאָרין, וועלכער האָט עס פאַרוואַנדעלט אין אַ טאָג צייטונג. דער ערשטער נומער איז אַרויס דעצעמבער דעם 11-טן, 1927, און איז דער-שינען אין אַ טאַבלאָיד פאָרמאַט, אונטער דער רעדאַקציע פון א. וואַהלינער (לאַנדאו).

די צייטונג איז געווען אַ וויכטיקע געשעעניש, עס האָבן זיך אָבער ווידער-אַמאָל געפונען מער מבינים איידער לייענער, יעדע גרופּע האָט געוואָלט, אַז די צייטונג זאָל בלויז איר רעפּרעזענטירן. מיר דוכט זיך, אַז דער לעצטער נומער פון דער טאָג-צייטונג איז אַרויס יאַנואַר, דעם 27-טן, 1928. די צייטונג איז צוריק געוואָרן אַ וועכענטליכע אויסגאַבע, און ס'האָבן איר גע-ניאַנטשעט פאַרשיידענע רעדאַקטאָרן ביז זי איז איבערגענומען געוואָרן פון א. באַביטש און ל. זעלענקאַ, דעם 14-טן אויגוסט, 1931. זי איז אַרויס אין טאַבעלאָיד פאָרמאַט און האָט גענומען קריגן אַ פּנים, שפּעטער זיינען צוגע-שטאַנען ס. גאַך און ל. האַדעס. די צייטונג האָט געהאַט אידיש און ענגלישע אָפּטיילונגען. אַ געוויסע צייט זיינען אויך געווען פאַרבונדען מיט דער צייטונג ש. עפּשטיין. שפּעטער איז די צייטונג אַריבער אינגאַנצן אונטערן רשות פון ס. גאַך. די צייטונג האָט געהאַט אַלס אירע רעדאַקטאָרן דעם געלערטן ש. מ. מלמד, מ. ראַטענשטיין, ה. רויזענבלאַט, און איצט ווערט עס אָנגעפירט פונם אַרויסגעבער אַליין. די צייטונג וואַקסט און גדייעט.

אין די 20-קער יאָרן האָט זיך דאָ געגרינדעט „די פּאַסיפישע פאָלקס צייטונג" פון דער פּאַסיפישער קאָאָפּעראַטיווער פּרעס. דער רעדאַקטאָר איז געווען דער סאָציאַליסט יעקב גינזבורג. מיר דאַכט אַז זי איז געווען רעדאַק-טירט פון אַ קאָלעגיום, צווישן וועלכע עס האָט זיך באַטייליקט י. פרידלאַנד. פּאַראינטערעסירט אין דער צייטונג זיינען געווען פּיטער קאַהן, י. לעוויט,

דר. ה. לעוויטאן, חיים שאפירא, ל. האפמאן, מייערס, סעם טאק, י. הערמאן, י. יאפע. די צייטונג איז ארויסגעגעבן געוואָרן אויף א קאָאפּעראטיוון אופן. זי האָט אָבער ניט מאריך ימים געווען. דער רעדאקטאָר האָט ניט געקראָגן קיין שכירות, און זי האָט זיך געמוזט צומאכן.

* * *

צווישן די אלע צייטונג און זשורנאל־שפּראָצונגען זיינען דאָ געווען גאָר פילע וואָס האָבן געהאַט דעם שיקזאל פון דעם „קיקיון דיונה", יונה'ס ריצנבוים, זיי האָבן דאָס מזל — אויפגעשפּראָצט און מיטן שפּראָץ אויף מאָרגן פארשוואונדן. דעם דערמאָנטן שיקזאל האָט געהאַט דער חודשלעכער זשורנאל „מערב", וואָס איז דערשינען פעברואר, 1925, רעדאקטירט פון יצחק הורוויץ און מער ווי איין נומער איז ניט דערשינען. אין דעם זעלביקן יאָר האָט זיך געגרינדעט דער זשורנאל „זונלאנד", ס'האָט געזאָלט זיין א פאָרטזעצונג פון „מערב", די רעדאקטאָרן זיינען געווען: י. ל. מאלאמוט, י. קוצענאגי און י. פרידלאנד. עס איז דוכט מיר ארויס א 6־7 העפטן אין צוגאָב צו א פּאָר קינדער ביכלעך. אזוי זיינען אויך מער ניט דערשינען ווי עטלעכע נומערן פונם „קרומען שפּיגל", א הומאָריסטיש בלעטל, רעדאקטירט פון י. ל. מאלאמוט, אינם יאָר 1929. אין יענער צייט איז אויך דערשינען א חודש זשורנאל אונטערן נאָמען „ליד", אונטער דער רעדאקציע פון יחזקאל א. מ. בראנשטיין, וועלכער האָט אויך ניט לאנג געלעבט. אזוי דאכט זיך מיר איז אינם יאָר 1929 אויך דערשינען דער פערטל־יערליכער זשורנאל „פּאַסיפיק", רעדאקטירט פון ה. רויזענבלאַט, שין מילער און ה. גאלה, מער ווי 4 נומערן זיינען פון דעם זשורנאל ניט דערשינען. אזוי איז אויך דער־שינען א וועכנטלעכע צייטונג, וואָס האָט געהייסן: — „ל. א. אידישער בולעטין", ארויסגעגעבן פון דער פּאַסיפיק קאָאפּעראטיווער פּרעס, רעדאק־טירט פון י. ל. מאלאמוט. די ערשטע נומערן זיינען געווען אין א „תחינה" פאָרמאַט, און איז ביסלעכווייז אונטערגעוואקסן ביז עס איז דערוואָקסן צו א 3/4 צייטונגס פאָרמאַט. דער ערשטער נומער איז דערשינען אין יולי, 1927 און האָט אויך לאנג ניט געלעבט. די אויסגעוואקסענע נומערן זיינען מער ווי צוויי ניט געווען. עס האָט אָבער געהאַט אן אונטערקעפּל מיט א גרויסן אויפשריפט: „די איינציקע, אידישע, אלגעמיינע וואָכנטלעכע צייי־טונג אויף דעם פּאַסיפישן ברעג".

אין סעפּטעמבער, 1934 איז דאָ דערשינען א פּאָליטישע שריפט אונטערן נאָמען „דער עפּיק", „ענד פּאָווערטי אין קאליפאָרניא" (צום גונסטן פון אפּטאָן סינקלער), דער רעדאקטאָר איז געווען חיים דויטש, מער ווי איין נומער איז ניט דערשינען. אין נאָוועמבער, 1929 איז דערשינען א חודשלעכע אויסגאָבע „דער וועגעטאריאנישער געדאנק" אונטער דער רעדאקציע פון גאָלדבלום און דר. וו. אָסטראָווסקי. מער ווי פיר נומערן זיינען ניט דער־שינען. אין דעם יאָר 1920, אין חודש אפּריל, איז דערשינען א מאָנאט־

שריפט „אידישע פאָלקס שול” רעדאַקטירט פון א. טאַניס און וו. אָסטראָווסקי אַלס פאַרוואַלטער. אינגאַנצן זיינען דערשינען 2 נומערן. אין יוני, 1932 איז דערשינען דער זשורנאַל „פאָלקס שריפט”, רעדאַקטאָר אַרויסגעבער: יצחק בלום, זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און לעבן, בסך הכל 2 נומערן, יוני און אָקטאָבער.

אין 1940 איז אַרויסגעגאַנגען די „לאָס אַנדזשעלעס קהילה בולעטין”, אינגאַנצן זיינען פון דעם דערשינען 7 נומערן. ס'איז געווען אַ וועכנטלעכע אויסגאַבע, אַרויסגעגעבן פון אַ פּאַבלישער קאָמיטעט, דער נאָמען פון רעדאַקטאָר ווערט ניט אָנגעגעבן. „אונדזער וואָרט”, חודש זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פונם לאָס אַנדזשעלעסער קולטור קלוב. רעדאַקטירט פון ה. רויזענבלאַט, י. פרידלאַנד און ה. גאָלדאָווסקי, בסך הכל זיינען דערשינען פיר נומערן פון מאַרטש ביז יוני, 1939. פאַר דער צייט זיינען דערשינען, וואָס עס ווערט אָנגערופן אין ענגליש, „מאַשרום”, שוואומען אויסגאַבן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן און גיך פאַרוועלקט אָן אַ זכר און אָן אַ שליאַד. אַט געדיינק איך אַ שטייגער אַ שריפט, וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1913-14, וואָס נח מישקאָווסקי האָט רעדאַקטירט, און איך קען זיך בשום אופן ניט דערמאָנען דעם נאָמען פון דער צייטונג. אַזוי זיינען געווען פילע אַנדערע וואָס זיינען געקומען און פאַרגאַנגען אָן וועלכער עס איז ווירקונג.

פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר גייט דאָ אַרויס אַ מאָנאַטלעכער זשורנאַל אונטערן נאָמען „דער אידישער ביזנעס מאַן”. עס איז דער אָפיציעלער זשורנאַל פון די פאַראייניקטע אידישע גראָסערס. דער זשורנאַל ווערט אַרויסגעגעבן מיט געשמאַק און אויף גוטן פּאַפּיר, געגרינדעט געוואָרן אין 1925 מיט אָפּטיילונגען אין אידיש און ענגליש. דער ערשטער רעדאַקטאָר און פאַרוואַלטער איז געווען הערמאַן ע. ראַבינס. איצט ווערט זי רעדאַקטירט פון ב. ל. גערון, וועלכער איז אויך דער פאַרוואַלטער. די פרעס קאָמיטע באַשטייט פון א. פרענק, מ. שערשאָוו, ה. מאַנסאַן, ד. פראַמסקי און י. ראַטהבלאַט. די מיטאַרבעטער זיינען די אייגענע גראָסערס, און פון צייט צו צייט דרוקט דער זשורנאַל עסייען, ליטעראַטור און לידער פון זייטיקע שרייבער. דער זשורנאַל גיט אויך אַרויס פאַרגרעסערטע יום-טוב נומערן. ס'ווילט זיך מיר אויך דאָ באַריכטן וועגן אַ וואָכענבלאַט, וואָס איז אייגנטלעך דערשינען אין סאַן פראַנציסקאָ אינם זומער פון 1930. דער רעדאַקטאָר איז געווען בען אויגוסט, זי איז אַרויס אין גאַר גרויסן צייטונגס פאָרמאַט מיט אַן ענגלישער אָפּטיילונג. איך דערמאָן זי דאָ, ווייל פונקט ווי די ערשטע „קאַליפ. איד. שטימע”, האָט די וואָכענשריפט געהאַט אַן אויסקוק אויף לאָס אַנדזשעלעס. זי האָט געהייסן — „אידישע פּרעסע” מיט אַ גרויסער אונטערשריפט: „סאַן פראַנציסקאָ - אָוקלאַנד - לאָס אַנדזשעלעס”. זי האָט געלעבט פון מאַי ביז אויגוסט, דעם זעלבן יאָר.

אינם יאָר 1934, פעברואַר דעם 22־טן, איז דאָ דערשינען אַ טאָג־צייטונג אונטער דער רעדאַקציע פון ל. בלאַנק. זי איז דערשינען אין אַ טאַבלאָיד פאָרמאַט, און נאָכן נומער 9 איז עס פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין אַ צייטונגס פאָרמאַט. אינגאַנצן זיינען פון דער צייטונג אַרויס 60 נומערן, אין מאַי, 1934 איז זי אונטערגעגאַנגען. אין אַפּריל, 1934 איז דאָ דערשינען די אידישע וועכענטלעכע צייטונג „די אידישע פּרעסע", רעדאַקטירט פון ל. בלאַנק. זי האָט זיך געהאַלטן ביז פעב., 1936. צוליב פינאַנציעלע שוועריקייטן און קראַנקהאַפטן צושטאַנד האָט זיך די וואָכנבלאַט משנה השם געווען אויף „פאָלקס צייטונג". די צייטונג האָט געזאָלט זיין אומפּאַרטייאיש, זי האָט אָבער געטראָגן אַ קאָמוניסטישן קאָלאָריט. אין נאָוו., 1936 איז זי אונטערגעגאַנגען. אין די יאָרן 1941־42־43 איז דאָ דערשינען אַ פעריאָדישער קינדער זשורנאַל אונטערן נאָמען „קולנו", אונדזער קול. דער זשורנאַל איז געווען אַ 3־שפּראַכיקער — אידיש, העברייאיש און ענגליש. מערסטענס פלעגט דער זשורנאַל אַרויסקומען אַרום די אידישע ימים־טובים, העקטאָגראַפירט. דער רעדאַקטאָר איז געווען רבי בערנאַרד קאָהען, מיט דער מיטווירקונג פון די אידישע שולן לערער, און איז געווען אונטערן רשות פון דער אידישער דערציאונגס ביוראָ. דעם מאַטעריאַל פאַר דער אויסגאַבע האָבן צוגעשטעלט די קינדער אַליין.

צום סוף וויל איך בעטן דעם לייענער אַז ער זאָל מיר מוחל זיין אויב איך האָב דאָ און דאָרט ניט באַצייכנט די אויסגאַבן אין כראָנאָלאָגישער אָרדענונג. אויב איך האָב אויסגעלאָזן געוויסע נעמען, וועלכע האָבן געדאַרפט דערמאָנט ווערן, האָב איך עס ניט געטאָן אַפּזיכטלעך. עס איז בכלל אומעגלעך אויסצורעכענען אַלע נעמען, וועלכע האָבן זיך געקהל׳ט אַרום די אויסגאַבן, און ווען מען וואָלט אַפילו זיי געהאַט, וואָלט עס מער ניט געהייסן ווי עליות, און דער פּלאַץ איז פאַר דעם באַשריינקט.

זאָל מיר דאָ אויך דערלויבט ווערן אויסצודריקן מיין דאַנק צו הרב, דר. שלמה מיכאל נעבעס, פון דעם וועסטערן דזשואיש אינסטיטוט, פאַר דעם גרעסטן טייל פון די מאַטעריאַלן וואָס איך האָב דאָ רעדאַקטירט. רבי נעבעס האָט אַ גרויסע קאָלעקציע פון וואָס עס ווערט אָנגערופן „דזשואיש - קאַליפאָרניקאַ", עס איז אַ זאַמלונג פון יעדער זאַך וואָס דערשיינט אין דרוק פון אידן און איבער אידן אין קאַליפאָרניע. צו זיין קרעדיט מוז אויך צוגעגעבן ווערן דער פאַקט, אַז ער וואַכט אויף איבער די אַלע זאַמלונגען ווי אַ געטרייער פאָטער. אַלע צייטונגס קאָמפּלעטן האָב איך געפונען אין שיינעם בונד און גוט פּרעזערווירט.

* * *



מאַקס באַנד

# וועגן קונסט און צייט...

## צום רעדאַקציאָנס-קאָלעגיום:

טייערע פריינט!

אָט זיינען אַ פּאָר געדאַנקען איבער צייט און קונסט. אין צייט זיינען מיר אידן אַלטע מומחה'ס, קונסט איז אַ נייער ענין. אָבער אַ ענין וואָס פאַרנעמט היינט זייער אַ חשובן פּלאַץ אין אידישן לעבן. נעמט אָן די פּאָר שורות אַלס אַ באַגריסונג צו דעם נייעם קולטור בנין.

היינט, אין די שוואַרצסטע טעג פון אונדזער געשיכטע איז אידישע קולטור און בילדונג דער איינציקער ליכטיקער פּונקט.

דורך אַלע דורות פון אונדזער טרויעריקן גורל האָבן מיר ווי אינסטינקטיוו געפילט אַז קולטור איז דאָס איינציקע וואָס האָט אונדז, אַלס פאָלק, ביים לעבן געהאַלטן, דערפאַר באַגריס איך אייער אידעלע אַרבעט פאַר אונדזער קאָנטיניועטעט.

אייער **מאַקס באַנד.**

. . . פּאָר דריי שטיקלאַך צוקער פלעגט מיר דעם פּויער'ס בחור'ל מיט־נעמען באָדען די פערד.

באַגינען, ווען די זון איז נאָר וואָס אויפגעגאַנגען, פלעגן מיר רייטן דורך שמאָלע זאַמדיקע געסעלאַך צו דער שעשופע, מיין קליין טייכל, וואָס האָט מיר אַ מאָל אַזוי גרויס און טיף אויסגעוויזן, און אין וועלכן איך האָב צום ערשטן מאָל בילדער געזען, אָפּשפּיגלונגען פון ביימלעך, הימלען און וואָלקנס, וויברירענדיקער און זעלטזאַמער ווי דאָס לעבן אַליין, — די וועלט געזען דורך דעם טייכעלס פערזענליכקייט.

שפּעטער אין חדר, נאָך בלוי פון קילן פרימאָרגן, און נאָך ניט רעכט אָפּ־געטריקנט, האָבן מיר צום רבינ'ס טיפער סאַמעטענער שטים זיך צוגעהערט; ער האָט גערעדט פון יושר און אמת. אונדזערע קינדערשע שטימעלעך האָבן גע'חזר'ט: „גליקלאַך דער, וואָס קען זיצן אונטער זיין אייגן ווייַן און פייגענבוים, ניט מורא האָבנדיק פאַר קיינעם, און איז פריי צו גיין אין גאָט'ס וועג. — מיינע דריי פרייהייטן פון זיבנאונצוואַנציק יאָר הונדערט צוריק.”

נאָכ'ן חדר, זיטצענדיק אויפן הויכן וואָגן מיט פרישע געשניטענע היי, האָב איך די אייביקייט פון בוך און פעלד נאָכאַמאָל איבערגעלעבט. עס איז איין לעבן געווען, עס איז געווען צייטלאָז . . .

אזוי ווי חיות דערשפירן דעם שטורעם אין דער לופט פיל פריער פון מענטשן, אזוי האָט קונסט, פילאָזאָפיע און ליטעראַטור, דערשפירט און אויסגעדריקט די אינערלאַכע וויבראַציע פון אַ עפּאָכע אין דער געהעריקער צייט.

ניט נביאות האָבן זיי געזאָגט, אויך האָבן זיי ניט פאָראויסגעזען, זיי האָבן פשוט געזען, געזען דעם אמת אין זיין צייט, און ניט קוקענדיק צו זיי זיינען אנערקענט געוואָרן אין דעם שפאַן פון זייער לעבן, אָדער אין די קעגנקומענדיקע דורות, זיי זיינען די איינציקע מאָס, דער איינציקער דיינק־מאָל פאַר דער קולטור פון אַ פאָלק.

איז עס אַ צופאַל אַז פון דער גריכישער געשיכטע געדיינקען מיר נאָר די דיינקער און קינסטלער, ניט די הערשער און נגידים?

אַז פון דעם איטאַליענישן רענעסאַנס קענען מיר, און באַוואונדערן נאָך היינט, די נעמען פון מאָלער און דיכטער, ניט פון פרינצן און פאָליטיקער? צו איז עס ניט אמת, אַז פון אונדזער אייגענער גרויסער פאַרגאַנגענהייט, זיינען פאַרבליבן אין זכרון פון דער וועלט נאָר די וואָס האָבן געקעמפט פאַר עטיק און יושר, נאָר די וואָס האָבן געלייגט די מאָראַלישע יסודות פון אונזער היינטיקער ציוויליזאַציע — די נביאים?

אָפט וואַרפט מען מיר פאָר אַז, בשעת איך זוך און מאָל פרייד אין דער נאַטור, זעען אָבער אויס די מענטשן אין מיין קונסט טרויעריק.

קונסט, מיט אַן אויסנאַם פון אייניקע פעריאָדן פון גאַיא, דאַמיער און רואָלט, איז פאָזיטיוו. קונסט איז אַן אויסדריק פון ליבשאַפט, ניט פון שנאה. דער קינסטלער מאָלט וואָס איז אים נאָענט צום האַרצן, ער זוכט אמת און שיינקייט וואָס ער זעט דורך די פענצטער פון זיין נשמה.

ער מאָלט די וועלט לויטן ריטם פון זיין אייגן האַרצקלאַפּ. עס איז ווי די אַנדערשקייט פון בוים געזען דורך דער „פערזענליכקייט פון טייכל", וואו פאָרם און פאַרב הייננט אָפּ פון דער רו אָדער אומרו פון דעם וואַסער.

איך האָב ליב פאַרב, ליכט, און שאָטן פון בוימער, בערג און טייכן.

איך האָב ליב די טענער, פראַכט און סענסואַליטעט פון פרוכט און בלומען.

וואָס מענטשן אַנבעלאַנגט, זיינען די אונטערדריקטע, די טרויעריקע, און די ליידנדע, די נאָענטסטע צו מיין האַרצן. — איך מאָל נאָר וואָס איך האָב ליב. . .

**אליהו טענענבאַלץ**

# שוין צוואַנציק יאָר ?

(עטליכע נאָטיצן לכבוד דעם „אימעניניק" —
לאָס אַנגעלעסער אידישער קולטור קלוב)

משמעות איז דאָס ווערטל „אַז מע לעבט דערלעבט מען" אַ גוט ווערטל און הלואי זאָלן אַלע אונדזערע גוטע פריינט לעבן און דערלעבן!

איז אָט־אָט שוין צוואַנציק יאָר טאַקע זינט יענעם ערשטן באַטראַכט־אָוונט ערגיץ אויף סאָנסעט בולוואַרד מכוח אַ אידישן קלוב אין לאָס אַנ־געלעס. ס'איז געווען סוף יאָר 1926 און פון די עטליכע גערופענע מענטשן האָבן אַ פּאָר זיך אַליין באַלד צוריקגערופן, „בעקאָס אידיש וואָליוואָור ניעבודיעט סאָקסעס" האָבן זיי געזאָגט, זיי זענען דאָ געווען פון די נומער איינסער אידישער אינטעליגענציע. . . .

נו, דער ל. א. אידישער קלוב איז דענסטמאָל צום לעבן געבראַכט געוואָרן אַלס אַ אידיש ווינקעל אָן אַ „פּלאַט" און אָן אַ „פּאָרמע", נור מיט אַ בטחון צו לעבן ווי אַ פאַרצווייגטע פריינטליכע אידישע משפּחה. איך זאָג דאָ „אידיש ווינקעל" נישט לגנאי, חס ושלום, ווייל אונדזער „גאַס" איז דענסטמאָל געווען אַזוי שטורעמדיק, מען האָט דאַן (און, אפשר, נאָך איצט אויך . . . ) אַזוי שטאַרק „פּאַרטיידיקט" די מענטשהייט אַז קיין מענטש איז נישט געווען זיכער מיט'ן לעבן . . . .

און אונדזער בטחון האָט אונדז נישט מביש געווען.

באַלד, אין די ערשטע עטליכע חדשים פונם קלובס זיין דאָ, האָבן מיר געיום־טובט אונדזער ערשטן יום טוב פסח — משפחה'דיק. אונדזערע קלוב צימערן זענען דאַן געווען ערגעץ אויף אַ משופּע'דיקן באַרג, העט ווייט, אויפ'ן וועג צו גלענדייל אַזש, מיר האָבן געמיינט אַז אַ חוץ אונדזערע פּאָר צענדליק מיטגלידער וועט קיינער נישט קלעטערן אויף אַזאַ משונה'דיקן באַרג צו פּראַווען פסח, אַ צווייטן סדר און דערצו נאָך טראַדיציאָנעל אידיש, אָבער געקומען זענען אַריבער הונדערט אידישע אידן צו אונדז, צום אידישן קלוב..

און יום טוב איז עס געווען, פסח'דיק, אידיש. די אַלטע הגדה מיט נייע זאָגער און הערער. מאַלאַמוד, אַ איד אַ היינטיקער, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל, אויף אַ הסב־בעט, האָט גענומען „זאָגן די הגדה" איז, כאָטש ער איז געווען אַ גענגאַלטער, אָבער, אין זיין טראַדיציאָנעלן־פּסח־טאָן האָט איר „דערזען" אייער היימישן טיש מיט אייער אייגענעם זיידען מיט דער ווייסער באָרד. די סעודה איז אויך געווען אמת פּסח'דיק. צוגעגרייט העכט היימישלעך פון אונדזערע פרויען מיטגלידער, מען האָט געלייענט אייניגע פּסח מעשה'לעך פון דער אידישער ליטעראַטור. מען האָט גערעדט וועגן

דעם יום־טוב פּסח אין אַ היינטיקער אויסטייטשונג, מען האָט פאַרבראַכט אַ פריידיקן פּסח־סדר, דער ערשטער אַלטער אידישער יום טוב אינם נייעם אידישן קלוב אין לאָס אַנגעלעס.

איז אַט אַט שוין טאַקע באַלד צוואַנציק יאָר אַוועק. נו, אַ סך וואַסערן זענען אין אַט דער צייט רעש'יג פאַרבייגעשטראָמט. איינינגע רעגן־וואַסערן ניט צו זויבערע, אָבער דעם אידישן קלוב האָבן זיי ניט פאַרשווייגקט . . . עס איז נישט קיין מדרגה צו קוקן צוריק, בעסער צו קוקן פאָראויס. נור אַז מען זיצט באַקוועם ביים טיש, באַשיצט פון די ווענט פון דיין שטוב, מעג מען אַמאָל זיך אומקוקן אויף צוריק — קיינער וועט דיך נישט אי־בערפאָרן . . .

איז אַט זע איך אַן אָוונט אַמאָל אין קלוב, אַ שבת־צו־נאַכט צו גלאַט אַן אויפדערנאַכט, דער קליינער עולם פאַרזאַמעלטע מיטגלידער פּליעסקעט מיט די הענט, די פּנים'ער צעשטראַלט פריילאַך, אַט ווי קינדער שפּילענדיק אין „ראָד־אַ־ראָד־אַ־ראַנע" און אינמיטן „ראָד" טאַנצט אַ פּויליש־אידיש „חסידל", אַ קליינס, אַ דאַרס. אַן אָרימס, אָבער זיינע אויגן בליאַסקען רייך, רייך פון אינערליכן פאַרגניגן — ער טאַנצט צווישן זייניקע! אין זיין היים, אין זיין וואוינונג ביי זיך, טאַנצט זיך נישט; ער ציהט חיונה פון קונהטעם; פּאָר'ן ווייב מיט די צוויי קינדער. צוויי מיידעלעך, בלייבט אים גאַנץ ווייניק צו ברייננגען ווייל זיין וואָגן, זיין „טראָק" איז אַזאַ מין באַ עס כסדר „פּיקסן", און אַזוי אַ „פּיקסענדיק" צוברעכט ער זיך דאָביי אַ האַנט, — נישט דער וואָגן נור דער אַנטרייבער טאַקע — אַט דער וואָס טאַנצט אַט־דאָ אין קלוב אַ „חסידל" מיט אַזוי פיל התלהבות!

און ער איז נישט געווען קיין באַרימטער טענצער, ער איז אפילו נישט געווען באַרימט . . . די מערסטע פון אונדז האָבן אפילו נישט געוואוסט זיין ערשטן נאָמען, מען פלעגט אים רופן דער שווארצער זאַלצמאַן, נאָך ווען מיר זענען געווען אינגלעך אין "פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב" אין ניו יאָרק האָבן מיר אים אַזאַ צונאָמען געגעבן און אויך דאָ, אין לאָס אַנגע־לעס, האָבן מיר אים אַזוי גערופן, ווייל די הויט אויף זיין פּנים איז געווען אַ טונקעלע, אָבער זיין נשמה איז געווען אַ ליכטיקע, און אַ ליכטיקן אָנדענק האָט ער ביי אונדז געלאָזן, אונדזער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער חבר חיים זאַלצמאַן.

אַט זע איך אַנאַנדער „אָוונט" אין אונדזער קלוב. מיר, די פאַרזאַמלטע מיטגלידער, זיצן באַקוועם אויף אונדזערע ערטער און קוקן מיט התמדה צו דער מזרח וואַנט. דאָרט נעבן אַ טישל זיצט אַן עלטערער איד. אַ ברייט־לאַבער, די ווייסע האָר אויף זיין מתמיד־קאָפּ זענען אַביסל טאָלסטאָי'איש־לאַנגלעך, זיין פּנים נישט „געקנייטשט", גאָר נישט וועדליג זיין עלטער

נור קינדיש דורכזיכטיג און שטענדיק גוטמוטיג ווי סע וואָלט, אָן ווערטער, תמיד געזאָגט. „דאגה'ט נישט חברים, דאגה'ט נישט", זיינע אויגן גע־ וואנדערט מער צו אונדז ווי צום בוך פון וועלכן ער לייענט, ניין, ער לייענט נישט, ער לערנט מיט אונדז אַ „בלאַט" פּראָטאָקאָל. . . . ער איז אַמאָל געווען אַ לערער אָבער קיינמאָל נישט קיין מלמד, ווייל ביז אין זיין הויכן עלטער איז ער געבליבן אַ תלמיד — אַ תלמיד חכם, אונדזער ליבער חבר חיים גאָלדבלום, עליו־השלום.

און אַזוי־אַ. אומקוקענדיק זיך אויף צוריק, זע איך אַ סך, אַ סך, „אָוונטן" שעהן דורכגעלעבטע. איך היפּער איבער יאָרן און דערמאָן זיך נור אין „אָוונטן" ווייל די פרייד פון אַזעלכע אָוונטן אין אונדזער קלוב האָבן אונדז געגעבן דעם כח צו דערטראָגן די יאָרן. . . . צוואַנציק יאָרן.

איך וואָלט זייער געוואָלט דערמאָנען דאָ כאָטש נאָך איין אָוונט, דאָס איז געגווען פאַר היבשע עטליכע יאָר אינם לעבן פון אונדזער קלוב דער פרייטאָג־צו נאַכטס; וואָך־איין, וואָך־אויס פלעגן זיך צונויפקומען אַרום אַ צוואַנציק אַמעריקאַנער געבוירענע אידישע קינדער. אונדזערע קינדער, און געלערנט פון אונדזערע קלאַסיקער, ווי פון אונדזערע מאָדערנע דיכטער, אונדזער קולטורעל האָב־און־גוטס, און נאָכדעם אַזוי תמימות'דיק פאַרשאַפט אונדז פרייד און פאַרגעניגן מיט זייער פאַרלעזן און דעקלאַמירן. אָבער מיר דוכט זיך אַז דערדאָזיקער „אָוונט" איז נישט קיין נאָטיץ, נור טאַקע אַ קאַפּיטעל . . . אַלענפאַלס, הלואי זאָלן מיר אין אונדזער איצטיקער שיינער אייגענער היים זיך אומקערן צו אָט דעם קאַפּיטעל דראַמאַטישע סטודיע. . . .

אין לויף פון אָט די צוואַנציק יאָר, זענען אַ סך זאַכן געשעהן; אַ סך מענטשן זענען אַוועק און אַ סך אַנדערע מענטשן זענען צוגעקומען אינם קלוב. אָט יענע וועלכע זענען געווען אַקטיווע מיטגלידער און זענען נישט מער מיט'ן קלוב. דאַרף זיי באַנג־טאָן זייער פאַרלוסט אָט פונקט, און אפשר מער, ווי דעם קלוב טוט באַנג זייער אַוועקזיין. זאָל מיר דערלויבט זיין צו דערמאָנען דאָ בלויז איינעם אַזאַ אַוועקגעגשטאַנענעם. דאָס איז מיין ליבער חבר פון ניו יאָרקער „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב". נאָך, (דאָס איז שוין פּאַוואָלינקע אַריבער פערציק יאָר!) מחמת אָט דער איד האָט אַ סך יאָרן דאָ אַקטיוו געהאָלפן אין דעם אָנהאַלט און אינהאַלט פון אונדזער קלוב, נור איצט האָט ער זיך פאַר פאַלם־ספּרינגעוועט און קומט נישט. אונדזער לייבעל האמבורגער יחיה.

מעהר. געווים מעהר ווי אַ נאָטיץ דאָ פאַרדינען אַ סך פון די חברים און חברות וועלכע ווערן נישט מיד פון כסדר'דיקער אַרבעט אין קלוב, זיי האָבן גובר געווען אַלערליי נסיונות און געהאָלפן דערברייינגען צום היינטיקן יום טוב, דעם חנוכת הבית פון אונדזער שיינער אייגענער היים, אָבער זייער שכר האָבן זיי אין זייער הנאה פון דער אַרבעט — יישר כח!

פּינטשע בערמאַן

# קאַליפאָרניע

אַזוי הילכט דיין רוף, קאַליפאָרניע,
אַזוי קלינגט דיין וואָרט און דיין שפּראַך;
גיב מיר די מידע פון לעבן,
ווער קראַנק איז, צובראָכן און שוואַך!

גיט מיר די בלייכע פון פּראַצע,
פון יאוש פאַרפינצטערט און שוואַרץ;
ווער, אָן אַ גלאַנץ אין די אויגן,
ווער, אָן אַגלי אין זיין האַרץ.

גיב מיר די בלייכע פון פּראַצע,
מיט שטויב פון פאַבריק אינ׳ם בלוט . . .
גיב מיר פאַרלאָשענע גלויבנס,
גיב מיר פאַרלאָרענעם מוט! —

און איך וועל זיי טוליען צום בוזים,
און דריקן זיי שטאַרק צו מיין ברוסט,
און אָנפילן הערצער מיט האָפנונג,
און אָנצינדן לעבנס מיט לוסט.

און אריינהויכן זוניקן אטעם
אין די, וועמען אָטעם ־עס פעלט;
און שפּינען חלומות פון וואונדער
אין אַ וואַרעמער און ליכטיקער וועלט . . .

אַזוי איז דיין רוף, קאַליפאָרניע,
אַזוי קלינגט דיין וואָרט און דיין שפּראַך
פון מעקסיקאָ ביז די סיעראַס,
פון טאַל, און פון באַרג, און פון שליאַך.

אַזוי איז דער אייביקער אויסרוף
פון דער טיף פון דיין גאָלדענער האַרץ —
צו לאָזט אויך גריסן מיינע ברידער
מיט געמיטער, אַזוי פינצטער און שוואַרץ? . . . .

מיינע אָרעמע, עלנדע ברידער, —
וואָס זוכן אַ היים און אַ דאַך —
און עס רופט זיי ניט ערגעץ וואו קיינער,
און ס׳דערגרייכט זיי קיין וואַרעמע שפּראַך . . .

**פריץ הירשביין**

# דזשום אין לאָס אַנדזשעלעס

(מאָנאָלאָג)

(אַ מתנה אליהו טענענהאָלץ'ן)

איר ווילט וויסן מיין נאָמען? כאַ־כאַ־כאַ . . דער נאָמען וואָס טאַטע־מאַמע האָבן מיר געגעבן איז אַן אויסגעבלאָזענע איי. אַ נאָמען איז אַ גאָר־נישט מיט אַ נישט. איך זע, אַז איר ווילט וויסן פאַרוואָס איך שלאָף דרויסן. שוין פינף און צוואַנציק יאָר אַז איך שלאָף דרויסן צווישן אידישע כאַטעס. פאַרוואָס איך שלאָף דרויסן צווישן די שטיבער מיט אַ שטיין אונטער מיין העט, כאַ־כאַ־כאַ . . . מיין אַמאָליקער נאָמען איז געווען יעקב. ווייס איך דאָך, אַז דזשייקאָב איז אויך געשלאָפן אויף אַ שטיין.

איר ווילט וויסן וואָס איך האָב דאָרטן אין פעקל? אַ טלית האָב איך דאָרטן. אַז קיינער זעט ניט, ביינאַכט דאַוון איך און קוק צו די שטערן. ביי־נאַכט האָב איך נישט קיין טראָבל. די שטערן זיינען מיינע גוטע פריינט.

מיין נאָמען איז איצטער שלעסל קנאַקניסל. שלעסל, בעקאָס איך בין אַן איבערגעדרייטער שלעסל. האָב אַמאָל געהאַט אין באָיל־האַיטס אַ פּאַלאַצל, האָט מען מיר פון דאָרט אַרויסגעמופּט. איצטער איז דאָרטן אַ שטעלכל מיט טשיקנס. און מיינט איר אַז איך קנאַק אַ גאַנצן טאָג ניסלעך, מיינט איר? מאַכט איר אַ מיסטייק. איך קנאַק מיין אייגענעם קאָפּ, וויל פון אים אַרויס־גראָבן אַ ביסל ווישדאָם ביינאַכט, אַז איך דאַוון אַנטקעגן די שטערן, ווערט מיין קאָפּ אַ גוד באָי. יאָ, שוין פינף און צוואַנציק יאָר בין איך אין לאָס אַנדזשעלעס. פאַרוואָס איך בין אַליין? און ניט קיין מעריד מען? צופיל געגדז האָט די שטאָט. שיינע גענדז און מיאוסע גענדז. איך האָב פאַר זיך נאָך קיין איין גוס נישט געקראָגן. בין איך אַ בעטשלער און אַן אָפּגעריסן שלעסל. אַז איך האָב געקוקט צו אַ גאַנדז, אַ אידישע גאַנדז, און געוואָלט זיך אין איר פאַרליבן, האָט זי זיך צעלאַכט און געזאָגט: „ביסט אַ דעם פול, — זוך נישט קיין מיידלעך. האָב חתונה מיט אַ פיש אָדער מיט אַ לאַבסטער. וועסטו נישט האָבן קיין טראָבל". הייסט עס בין איך אַן אָפּגעבראָכן שלעסל, אָבער ניט אָפּגעבראָכן פון דעם אידישן דזשו־העל, וואו מען פליוכעט אויף אונדזערע קעפּ, ווי אונדזערע קעפּ וואָלטן געווען טראָבל מייקערס.

טראַכט נישט, אַז די מאַדזשאָריטי אידן אין לאַנד זיינען נישט קיין אָפּגעבראָכענע שלעסלעך. פונוואַנען האָבן זיי זיך אָפּגעבראָכן? פון דער אידישער היים האָבן זיי זיך אָפּגעבראָכן. מיינען, אַז זיי זיינען אין גן־עדן. אָבער זיי זיינען אין העל. איך שלאָף שטענדיק ביי־נאַכט דרויסן און קוק אַריין אין די פענצטער און איך זע די אָפּגעדרייטע שלעסלעך. עס דרייט זיך אַהער און עס דרייט זיך אַהין, און ער מיינט, אַז ער דערלאַנגט מיט זיין האַנט דעם הימל.

ס׳איז דאָ אַ איד, וואָס איז אַ באָק. ער מיינט, אַז ער האָט אַ באָרד. קיינער זעט נישט די באָרד. אָבער ער גלויבט, אַז ער האָט אַ אידישע באָרד און דער אָלמייטי קעמט אים זיין באָרד. אָבער אַ באָק איז אַ באָק. אַזעטיקע בעק האָבן מיר פלענטי, ווייסן גאָרניט, אַז די נאָז איז דזשואיש און אויף דער נאָז זיצט אדם אראשון, אין איין האַנט איז קין און אין דער אַנדערער איז הבל, כאַ־כאַ־כאַ.

און ס׳איז דאָ אַ דזשו וואָס מיינט, אַז ער איז אַ גאָפער. זיצט אין דער ערד און איז בלינד. די טראָבל וואָס אידן האָבן — דאָס וויל ער נישט זען. אַ כאַלערעדיקע זאַך איז דער גאָפער. גריזשעט די ערד און עסט וואָס די פיפל האָבן פאַרזעצט און דער דזשו וואָס איז אַ גאָפער, ער גלויבט, אַז ער זיצט אין דער ערד און קיינער זעט אים ניט. דערפאַר וואָס ער אַליין זעט אויך נישט די דזשואיש פיפל, וואָס ווערן געשוואָלן פון טראָבל און שטאַרבן פאַר דער צייט, ווי די ענעמים וואָלטן זייער האַרץ אויפגעריסן. און אַן אַנ־דער דזשו מיינט, אַז ער איז אַ איגל, אַ אָדלער מיין איך. ער פליט אין דער הויך, ער דערלאַנגט די שפּיצן בערג, און אַלץ מעג ער עסן, אַפילו בייקאָן מעג ער עסן. ער קען דעם חזיר אַ לעק טאָן און אַ שמעק טאָן. ער איז ניט אויף דער ערד. ער איז צווישן הימל און ערד. קיין טראָבל האָט ער ניט מיט אידן. ער וויל זיך מיט זיי נישט טראָבלען. אַ איד איז בא אים אַ שמעלקע, אַ סטאַבערן מען, וואָס וויל נאָר זיין אַ דזשו, בעקאָס מען האָט אים פיינט און מ׳וואָלט אים דעם קאָפּ אָראָפּגעדרייט. אַ דזשו איז בא אים אַ מאַנקי, וואָס האָט געקענט ווערן אַ מענטש און וויל עס נישט ווערן. דאָס איז בא אים דער איד, דער סטאַבאָרן מען, וואָס האָט שוין מיט דריי טויזנט יאָר צוריק גע־דאַרפט ווערן אַ מענטש און נישט קיין דזשו, וואָלטן די דזשואיש פיפל קיין טראָבל מער נישט געהאַט.

ס׳איז דאָ אַ דזשו, וואָס מיינט אַז ער שווימט ווי אַ פיש אין ים צווישן קריסטשנס. עס איז אים גוט וואָס ער איז נישט עמאָנג די אידן. עס איז אים גוט וואָס ער שווימט, און ווייס גאָרנישט, אַז שאַרקס זיינען פאַראַנען און פריער אָדער שפעטער וועט אים אַ שאַרק געבן אַ כאַפּ און צערייסן אויף שטיקער. איי, די אָפּגעריסענע און צעבראָכענע שלעסלעך וואָס זיינען אַראָפּ־געפאַלן פון דער אידישער היים. קראַצט אים, בעקאָס אים בייסט. גלעט

אים דעם פּיס, בעקאַם ער איז שוין נישט קיין דזשו. ער איז געוואָרן אַ מענטש, און צו זיין אַ דזשו איז אַ דוירטי זאַך. צו זיין אַ דזשו גראָבט מען פּאַר זיך אַליין אוים אַ פּיט באַגראָבן צו ווערן. שווימען אין ים, אין ברייטן וואַסער, דאָס קען נאָר אַ מענטש און נישט קיין דזשו. הלואי וואָלט ער גע־קענט זיין אַ קריסטשן און האָבן די וועלט אין זיין פּאָקעט. אַ דזשו האָט לעבער אין זיין פּאָקעט. אַ דזשו האָט לעבער אין קאָפּ. און אַ דזשו זאָל ציילן זיינע פינגער וועט ער דיסקאַווערן, אַז אנשטאָט פינף פינגער האָט ער גאָר דריי. אַטאָ־דאָס איז אַ דזשו אין זיינע אויגן, וואָס איז אפילו ניט גע־באָרן געוואָרן פון זיין מאַ. אַ דזשו איז געוואָקסן ווי אַ פּיפּערנאָטער, וואָס האָט קיינמאָל קיין היים נישט. און אים איז גוט וואָס ער שווימט אין וואַסער און די שאַרקס קענען אים אויפעסן ווי אַ לאָבסטער, כאַ־כאַ־כאַ.

און ס׳איז דאָ צווישן די איבערגעדרייטע שלעסלעך אַזעלכע, וואָס האַלטן זיך ווי אַ טוירטל. וויל מען, קען מען אונטער דעם שעל באַהאַלטן דעם אידישן קאָפּ און אויך די פּיס. גאָר אַריינקריכן אינעווייניק און ס׳איז נישטאָ קיין דזשו! אַ טוירטל איז דאָ וואָס קריכט אַרום, און אַז ס׳איז דאָ דענדזשער — איז מען נישטאָ. נעמט מען און מען באַהאַלט זיך, און מען גלויבט, אַז מ׳האָט זיך באַהאַלטן. אָבער אַז אַמעצער וואַרפט אין דער טוירטל אַ שטיין ווערט פון דער טוירטל גאָרנישט. אַזוי מיינט אָט דער דזשו, אַז ער קען זיך אויסבאַהאַלטן, כאַ־כאַ־כאַ. נישטאָ זיך וואו אויסצובאַהאַלטן. און עס איז דאָ אַ דזשו וואָס האַלט זיך ווי אַ פּיקאָק, אַ פּאַווע מיין איך. ער האָט אַ ווײַדל וואָס ער קען אים פּאַנאַנדערשפּרייטן. ער קען אַ געשריי טאָן אַלע זאָלן הערן. ער האָט אַלערליי קאָלערס, און איז אַ גאַנצער קנאַקער. ער קען זיך שטעלן אויף אַ פּענס, און אַמאָל אַרויפפליען אויף אַ דאַך און זיך צאַצקען מיט זיינע פעדערן און שרייען אין דער וועלט אַריין: איך בין אַ פּי־קאָק, קוקט אויף מיר און האָט פּלעזשור! דאָס מיינען אַלע איבערגעדרייטע שלעסלעך, אַז די וועלט איז שוין זייערע און שלאָפן מיטן קאָפּ אויף אַ שטיין, — דאָס איז פּראָהיביטעד. און היצן זיך, אַז מען איז אַ דזשו, דאָס דאַרף מען אויך נישט.

און ס׳איז פאַראַן אַ דזשו, אַן אָפּגעדרייט שלעסל, וואָס האַלט זיך ווי אַ טוירקי, ווי אַ ענדיק, כאַ־כאַ־כאַ. דער ענדיק מיינט אַז ער בלאָזט זיך און איז גרויס ווי די גאַנצע וועלט. ער קען איינשלינגען די גאַנצע וועלט, כאַ־כאַ־כאַ. און דער דזשו וואָס בלאָזט זיך, ווייסט איר מיט וואָס ער האָט זיך אָנגעבלאָזן? מיט קריסטלעכער גאוה, און ער מיינט, אַז ער איז פול מיט קריסטשעין גרעיטנעס . . . אָבער אַז אַ דזשו בלאָזט זיך, בלאָזט זיך ווי אַ ענדיק — פּלאַצט ער, כאַ־כאַ־כאַ. בעקאַם פון דער אייגענער סקין אַרויס־קריכן קען קיינער נישט. נאָר דער וואָס מיינט, אַז קיין דזשואיש סקין דאַרף מען נישט האָבן, אַ דזשואיש סקין שמייסט מען מיט אייזערנע די־

טער. אַ נישט־אָפּגעדרייט שלעסל ווייסט, אַז ער לעבט שוין טויזנטער יאָר, אַז ער לעבט אין אַ וועלט מיט אַסך טראָבל, וואו מ׳קען נעמען דעם אידן, פאַר אים אויסגראָבן אַ גרוב, און לעבעדיקערהייט אים פאַרפּאַקן אין גרוב — ער זאָל פּרעסן ווערים, אָדער די ווערים זאָלן אים אויפפרעסן. דאָס איז דעם דזשוס טראָבל אַלע יאָרן.

און עס איז פאַראַנען אַ דזשו, אַן אָפּגעדרייט שלעסל, וואָס מיינט ער איז אַ רוסטער, אַ האָן, וואָס קען קרייען. ער קרייט אויפן פּלויט. ער קרייט אויפן בוים, ער קרייט צו דער זון, און ער גלויבט, אַז ער קען מיט זיין קריי די זון אַראָפּשלעפּן פון הימל. אט דער איד וואָס קרייט, איז ער נישט קיין איד. ער מיינט, אַז די וואוירלד איז שוין פול מיט גודנעס, און ער קען שוין ווערן וואָס ער וויל — נאָר נישט קיין דזשו. עס וועט קומען אַ צייט און ער וועט זיך סקרעטשן די דזשוּאיש סקין, קאַ־קאַ־קאַ. בעקאָס די דזשוּאיש סקין איז שוין אַן אַלטע סקין. נאָר אין גרייוו איז פאַר די ווערים נישט קיין דיפרענס וועמען מ׳לייגט אריין, פרעסן זיי אים. און ס׳איז פאַראַן אַ דזשו וואָס מיינט, אַז ער איז אַ סקווערל, אַ וועווערקעלע. ער שפּרינגט פון בוים צו בוים, אָבער פון דעם אידישן בוים, פון דעם באַיבל־בוים, פון דאָרטן איז ער שוין אַראָפּגעשפּרונגען, קאַ־קאַ־קאַ. אַמאָל באַהאַלט ער זיך אין אַ לאָך, ער וויל נישט מ׳זאָל אים זען. בעקאָס ער האָט אַ דזשוּאיש נאָז און דזשוּאיש אייז, שפּרינגט ער פון בוים צו בוים, קאַ־קאַ־קאַ.

ס׳איז נישטאָ קיין סך בוירדס, כ׳מיין פייגעלעך וואָס האַלטן זיך אינאייי־נעם, בעקאָס זיי ווייסן אַז דער האָק האָט אויף זיי אַן אויג. דער רויבפויגל זוכט זיי אַרום. האַלטן זיי זיך אינאיינעם. אַזוי זיינען דאָ אַ ביסל אידן וואָס האַלטן זיך אינאיינעם און האָבן דרימס וועגן אַ בעסערער וועלט. וויפיל זיינען דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס און אין די יונאַיטעד סטייטס אַזעטיקע אידן, וואָס זיינען נאָך פון זייער סקין נישט אַרויסגעקראָכן? מ׳קען זיי ציילן אויף די פינגער אַזעטיקע אידן, וואָס ווייסן אַז אידן זיינען זיי. אַטאָ־די טראָגן די אידישע וואוירלד אויף זייערע פּלייצעס. ווער איז דער האַר און באַלעבאָס איבער אונדז — דאָס ווייסן זיי. זיי זיינען פון דער אידישער סקין נישט אַרויסגעקראָכן. און כאָטש ס׳איז בעד צו זיין אַ איד, איז גוט צו זיין אַ איד און מיטביידע אויגן זען די טראָבל וואָס מיר האָבן און דעם פּלעזשור וואָס רינט פון נאָז, קאַ־קאַ־קאַ! אַט־אַ־דיזאָזיקע אידן, וואָס זיינען פון זייער סקין נישט אַרויסגעקראָכן, זיי זיינען ווי די ענטס, כ׳מיין מוראַש־קעלעך. האַלטן זיך אינאיינעם און ווי אַ ענט שלעפּט מען אויף זיך שטיק־לעך און ברעקלעך, מען שלעפּט זאַכן וואָס זיינען שווערער פון דער מוראַש־קעלע. אַזוי זיינען די אידן וואָס האַלטן זיך אינאיינעם, גייען דורך פייער און וואַסער אינאיינעם. שלעפּן אויפ׳ן העד ציגל און שטיבער גאַנצע, שלעפּן אויפן קאָפּ די אידישע וועלט און ווערן קיינמאָל נישט מיד, בעקאָס אידן זיינען זיי.

ווער בין איך, וואָס האָט פיינט דעם דזשו, וואָס האָט געמאַכט אַן עסקעיפּ און מיינט, אַז אין גן־עדן איז ער. איך בין אויך אַן אָפּגעדרייט שלעסל, נאָר איך וואַלגער זיך צווישן אידן. בייטאַכט, אַז איך טו אָן דעם טלית און קוק צו די סטאַרס, זאָגן מיר די שטערן: ביסט אַ דזשו וואָס לעבט שוין טויזנטער יאָרן. דער אָלמאַיטי גיט אַכטונג אויף דיר און אויף אַלע אידן. איר האָט אַלץ איבערגעלעבט און איר וועט לעבן ווי אַ פּיפּל, כאָטש איר לעבט צווישן ענעמים, וועט איר לעבן און דערלעבן בעסערע צייטן. אַז דאָס זאָגן מיר די סטאַרס, צעוויין איך זיך און וויש מיטן טלית די אויגן. איר אידן זייט צווישן ענעמים, זאָגן מיר די שטערן, אָבער איר־ וועט לעבן ווי מיר שטערן לעבן. אַמאָל פאַלט אַ שטערן אַראָפּ. אָבער די מערדזשאָריטי סטאַרס זיינען אין הימל. אַז איך הער עס וויין איך אין דער שטיל. די אָפּגעדרייטע שלעסלעך זאָלן מיין געוויין נישט הערן. גיי קענען זיך נאָך דערוואַרגן מיט מיין געוויין, כאַ־כאַ־כאַ, אויף זייער אַוועק פון אונדז וויין איך און די סטאַרס טרייסטן מיך. גוט, אַז איך קען זיך אויסוויינען און אָפּוואַשן מיין טראָבל, כאַ־כאַ־כאַ . . .

1945 · אָקטאָבער

ב ר אָ נ ז ו ו י ל ע ר ס ט אָ ל י אַ ר

# אַן אינטערוויו מיט שלום עליכם'ן

(אַ פעליעטאָן אזאַ)

איך ווייס ניט, צו זייט איר שוין ווען עס איז געוועזן אין גן־עדן? איך, זעט איר, קאָן זיך באַרימען אַז אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פון זינט איך האָב זיך באַזעצט אין אונדזער וועלט באַרימטע שטאָט לאָס אַנדזשעלעס, (בא מיר איז קיין צווייפל ניט, אַז איימי מעקפּוירסן, דעם ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, האָט פיל בייגעטראָגן צו דער פּאָפּולאַריטעט פון אונדזער שטאָט), בין איך מיט דער הילף פון עטלעכע אויטאָמאָביל צוזאַמענשטויסן שוין מער ווי איין מאָל געוועזן אַ גאַסט אין גן־עדן . . . כ'האָב מיר דאָרט אַרומשפּאַצירט און געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי אַזוי עס לעבט זיך דאָרט די יחידה סגולה, ווען עס איז באַשערט דאָס הייליקע לעבן און גע־ניסן פון שור הבור און לויתן, אַחוץ דייניש פּייסטרי און טשאָקאָלאַד נאַט סאַנדיי, א. ז. וו.

נו, אָט דאָ ערשט ניט לאַנג צוריק, העלפט מיר גאָט, און איך פּרעס זיך איבער מיט רעטשענער קאַשע — און איך פיל אַז עס הויבט מיר אָן צו שפּאַרן — אָט דאָ אונטערן לעפעלע — און איידער איך האָב צייט צו רופן הילף, פיל איך אַז עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ און עס פעלט מיר אויס אָטעם. באַלד כאַפּט מיך אַ מלאך אַרויף אויף זיין רעכטן פליגל און — גלייך אין גן־עדן אַריין . . .

דאָסמאָל, האָט מיך דער גוטער מלאך אַרויפגעלאָזן אין אַ מחיה'דיק בעריאָזעווע וועלדל, און מיך אַריין געזעצט אין טיפן גראָז.
די מחיה'דיקע ריחות פאַרשיכורן מיך און איך פיל ווי צו זינגען אַ שיר צום בורא עולם, וואָס האָט באַשאַפן אַזאַ טייערן גן־עדן אויף יענער וועלט . . .

איך קוק זיך אַרום אין אַלע זייטן און איך זע ווי עס ווינקען צו מיר פון צווישן הויכן גראָז, די רויטע קעפּלאַך פון זאַפטיקע יאַגעדעס . . .

עס גיט מיר אַ צי ביים האַרצן, און עס הויבט מיר אָן רינען די סלונע פון מויל — און די יאַגעדעס ווינקען און בעטן זיך באַ מיר: „נעם רייס אונדז אָפּ און לייג אונדז אין מויל אַריין, וועסט דערפילן דעם טעם פון גן־עדן . . . אָבער איך האָב מורא זיך צורירן צו זיי, צו די יאַגעדעס, כאָטש זיי גלאַנצן און שימערירן אַנטקעגן די גאָלדענע שפּיזלאַך שטראַלן, וואָס די זון גנב'עט

אַדורך דורך די הויכע בוימער פון דעם וועלדל. די הענט ציהען זיך צו די יאַגעדעס, אָבער איך דערמאָן זיך אין אָדם'ס מפּלה, ווען ער האָט זיך געלאָזט איבעררייידן פון חוה'ן, און פאַרזוכט פון די גן־עדן פרוכט . . .

אָבער ניט דאָס בין איך אויסן . . . וואָס איך וויל אייך דערציילן איז, פון מיין איבערראַשונג, ווען איך בין צו זיך געקומען, און זיך אַרומגעקוקט וואו איך בין אין דער וועלט. ס'הייסט כ'מיין אין גן־עדן — זע איך, ניט ווייט פון מיר שטייט אַ סאַלדאַטסקע לייוונטענעביידל, אָדער ווי מע רופט עס ביי אונדז, אַ „פּאַלאַטקע", און ביי דער אָפענער טיר זיצט אויף אַ שאַקל־שטול אַן אַלטער איד, מיט לאַנגע ווייסע האָר, און איך וואָלט געקענט שווערן אַז דאָס איז אונדזער שלום עליכם — ער האַלט אין האַנט אַ בוך. איך דער־קען דעם בוך, סאיז שלום אַש'ס לעצטער בוך: זיין אַפּיסטל, מיט וועלכן ער, שלום אַש, האָט אויפסניי אויפגערודערט די אידישע גאַס, און פאַר וועלכן פון איין זייט, באַוואַרפט מען אים ווידער מיט שטיינער . . . און פון דער צווייטער זייט גאַס, באַוואַרפט מען אים מיט בלומען . . . כאָטש אין די בלו־מען ליגט ערגעץ באַהאַלטן אַ שטיין . . . איך קוק זיך גוט צו צו דעם פּנים פון דעם אַלטעטשקן, וואָס זיצט ביי דער ביידל, און איצט בין איך זיכער, אַז דאָס איז טאַקע שלום עליכם — גאָט, ווי פאַרעלטערט ער איז געוואָרן! וואָס איז דער וואונדער? דער אידישער חורבן אין פּוילן און דייטשלאַנד, און אין גאַנץ אייראָפּא . . .

אפשר וואָלט געווען אַ סברה, איך זאָל גיין בעטן ביי אים, ביי שלום עליכם'ן, „אַ אינטערוויו" — פּאַלט מיר איין אַ געדאַנק. — און איך נעם מיין שטעקן אין האַנט און לאָז זיך גלייך צום ביידל.

שלום עליכם האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון בוך, און לייגט צו אַ האַנט צו די אויגן־גלעזער, כדי בעסער צו זען ווער עס גייט צו אים.

גייענדיק, קלאַפּט מיר שטאַרק ס'האַרץ — ווער ווייס צו וועט ער מיר וועלן געבן אַ „אינטערוויו"? ווער ווייס, צו וועט ער מיט מיין שטעקן — מיר ניט אָנברעכן די ביינער? . . . די לעצטע עטלעכע טריט בין איך מער געלאָפן ווי געגאַנגען . . . כ'האָב דאָס געטאָן בכיוון — כדי ער, שלום־עליכם, זאָל ניט האָבן קיין צייט צו באַשליסן מיך צו שיקן צום טייפל . . .

איך קום צו צו אונדזער גרעסטן הומאָריסט, שטרעק אויס מיין האַנט, און זאָג. העללאָו, פּאַני שלום עליכם, האַו האַוואַייע! . . .

ער נעמט ניט גערן אָן מיין האַנט מיט די שפּיץ פינגער . . . קוקט אויף מיר פאַרדעכטיק, מיט זיינע דורכדרינגענדע קלוגע נאַר טרויעריקע אויגן, עס באַווייזט זיך אַ חוזק שמייכל אויף זיין פּנים, און ער קרומט מיר נאָך מיינע חנ'עוודיקע צוויי ווערטער:

— האַללאָו . . . האַוואַייע . . . הפּנים אַז אַמעריקאַנער, האַ? ווער ביזטו, און וואָס ווילסטו פון מיר?

— אַ אינטערוויו, וויל איך פון אייך, פּאַני שלום עליכם, און איך בין דער סטאָליאַר פון בראָנזוויל. מיך האָט געשיקט צו אייך אייערער אַ תלמיד, אייער בעסטער אויסטייטשער און פאַרלייענער, דער באַוואוסטער און באַליבטער שוישפּילער, אליהו טענענהאָלץ, וועלכער האָט נאָך קיין מאָל ניט פאַרפעלט צו לייענען אייערע שריפטן און אייער צוואה צו יעדן יאָרצייט אייערן, אין די צימערן פון דעם לאָס אַנדזשעלעסער אידישן קולטור־קלוב, וואו הויבן־אָן הייגגט אויך אייער בילד אין אַ גאָלדענער ראַם . . . און איצט, לכבוד דער נייער אייגענער היים, וואָס דער אידישער קולטור קלוב האָט אויסעגבויט, גיבן מיר אַרויס אַ חנוכת הבית זשורנאַל, און איך בין בעאויפטראַגט געוואָרן צו בעטן ביי אייך אַ אינטערוויו, פּאַני שלום עליכם.

— איז וואָס־זשע, האָט שוין אליהו ניט געקענט שיקן קיין אַנדערן ווי אַ סטאָליאַר? . . . .

אַ מאַלעכטע האָט זיך באַוויזן אין דער שמאָלער טיר פון דער ביידל מיט אַ בענקל אין האַנט. איך לויף צו, נעם דאָס בענקל פון איר שיינער האַנט, און איך זעץ זיך אַוועק פּונקט אַנטקעגן שלום־עליכם׳ן.

ער באַטראַכט מיך נאָך אַמאָל פון קאָפּ ביז די פיס, גיט אַ טרויעריקן שמייכל און זאָגט:

— אַזוי, פון לאָס אַנדזשעלעס קומסטו? אַ פיינע שטאָדט, דיין לאָס אַנדזשעלעס! אַז דזשעראַלד קיי סמיטה, פּאַרט אויס דאָס גאַנצע לאַנד און קאָן אין ערגעץ ניט קריגן קיין זאַל, וואו ער זאָל האַלטן זיין גיפטמישערישע היטלעריסטישע דרשות, קומט ער אין דיין לאָס אַנדזשעלעס, און די שול פאַרוואַלטונג גיט אים די דערלויבעניש צו ריידן, און אונדזער אַ אידל איז אַ פאַרטרעטער פון דער אַזויגערופענער סיוויל ליבערטים יוניאָן — און ער העלפט סמיטהן קריגן דעם זאַל פון איינער פון דער גרעסטער הויכשול געביידע, — אַ פיינע שטאָדט דיין לאָס אַנדזשעלעס ! גאָר אַ פיינע שטאָדט, „טשאַרט פּאָבערי”!

שלום־עליכם, זע איך, איז אין כעס, אָבער ער האַלט זיך איין . . .

— איז הייסט עס, — זאָג איך אַ פאַרשעמטער: — אַט הפּנים איר קאָנט אונדזער מלאכים שטאָדט, פּאַני שלום עליכם? . . . .

— צו איך קען דיין לאָס אַנדזשעלעס! מיר דאַכט זיך, אַז אין קיין אַנדער שטאָדט אין דיין אַמעריקע איז ניט פאַראַן אַזאַ קאָלעקציע פון ערשט קלאַסישע ליגנער, שווינדלער און ביליקע פּאָליטישנס, און אַלערליי רעליגיעזע

פאַנאַטיקער און היפּאָקריטן, ווי באַ דיר אין לאַס אַנדזשעלעס! צו איך קאָן לאַס אַנדזשעלעס! אָבער דערציייל מיר בעסער עפּעס פון דער אידישער לאַס אַנדזשעלעס, — כ׳וואָלט וועלן וויסן ווי אַזוי די אידישע לאַס אַנדזשעלעס האָט רעאַגירט אויף דעם גרויסן חורבן אונדזערן אין אייראָפּאַ? . . . און וואָס טוען זיי, אונדזערע אַמעריקאַנער אידן כדי צו העלפן די לעבענגעבליבענע קרבנות? די אידן דיינע פון לאַס אַנדזשעלעס וואָס האָבן געהאַט מער מזל ווי שכל, ווען זיי זיינען אַנטלאָפן פון אייראָפּאַ . . .

איך זיץ מיט אַן אַראָפּגעלאָזט קאָפּ, און שווייג . . . איך שעם זיך קוקן שלום עליכם׳ן אין פּנים אַריין . . .

— איך פאַרשטיי, — זיפצט דער גרויסער הומאָריסט, — די זעלבע רייסערייען צווישן אַלערליי פּאַרטייען, אפילו איצט נאָך דעם גרעסטן אידישן חורבן, קאָן מען זיך נאָך אַלץ ניט צוטיילן מיט דער ירושה און מיט׳ן כבוד. יעדע פּאַרטיי קלאַפּט אין איר פּושקע . . . און נאָר זיי גייען ראַטעווען די וועלט!

— יאָ, — זאָג איך, — פּאַני שלום עליכם, יעדע פּאַרטיי מיט איר פּושקע, און אַז עס קומט ניט צו קיין נייע פּאַרטיי מיט אַ נייער פּושקע, גיט מען זיך אַן עצה, מע צעשפּאַלט די אַלטע פּאַרטייען און פון איין אַלטע פּאַר־טיי ווערט צוויי נייע מיט צוויי נייע פּושקעס . . .

שלום עליכם שווייגט אַ ווײַלע, דאַן גיט ער זיך אַ כאַפּ ווי איינער וואָס דערמאָנט זיך אין עפּעס אַ פריידיקן געדאַנק, און ער זאָגט:

— וואָס מאַכט דאָרט עפּעס אונדזער שלום אַש? . . .

די דאָזיקע פראַגע האָט מיך אַביסעלע פריטשמעליעט . . . און איך האָב אָנגעהויבן שטאַמלען: ווּ־ווּ־וואָסזשע, איר . . . איר . . . ווייסט גאָר ניט וואָס עס טוט זיך אויף דער אידישער גאַס בנוגע אַש׳ן ? . . . אָט זע איך דאָך אַש׳ס בוך אויף אייער שויס! . . .

— עפּעס האָב איך יאָ געהערט רכילות וועגן זיינע מעשים . . . אָבער די ידיעות וואָס דערגרייכן צו מיר, קומען פון צוויי סאָרטן עדות: ענטוועדער פון אַ שונא, אָדער פון אַ חסיד . . . אָבער איך וואָלט וועלן הערן אַ מיינונג פון אַ זייטיקן מענטשן, אַ מיינונג פון אַ איבער פּאַרטייאישן, אַזוי צו זאָגן... אַז עס קומט צו מיר אַ פּאָרוועַרטסיסט, אָדער אַ מאָרגן פרייהייטניק, פאַר־שטאָפּ איך מיר די אויערן, און וויל ניט הערן זייער פּלאַפּלעריי, עפּעס גלויבט זיך מיר ניט אַז אַש זאָל אַריבער צו די גוים! . . .

— פּאַני שלום עליכם,

— הער מיך אויף צו פּאַנין! — האָט שלום עליכם אַ בליץ געטאָן מיט די אויגן . . . געגנוג שוין געפּאַניוועט!

— אויב אַזוי, — זאָג איך, — וועל איך אייך פּשוט רופן: רבי! האָט איר, רבי, געלייענט שין ניגערס אָפּענעם בריוו צו שלום אש'ן אין „טאָג"?

— געלייענט, — ענטפערט דער רבי מיט אַ זויערע שטימע.

— נו, — זאָג איך, — דאָ האָט איר דאָך אַ „זייטעקע" מיינונג!

— סע מיר ניט געפעלן — זאָגט דער רבי — קורץ און טרוקן: מיט איין האַנט גלעט ש. ניגער אש'ן אונטער דער מאָרדעטשקע, און מיט דער צווייטער, מאַכט ער הוויות און שטעלט אים פּראַגן, עפּעס רעדט ער צו אים, צו אש'ן, ווי צו אַ צעבאַלעוועטן בן יחיד . . .

— נו, — זאָג איך, — און מלך ראַוויטשעס מיינונג אין זיין בוך, מיין לעקסיקאָן, האָט איר געלייענט

— געלייענט, אָבער ראַוויטש איז אויך אַ חסיד . . . ראַוויטש וויל זיצן זיבעצען יאָר און וואַרטן, כדי צו זען וואוהין אַש וועט גיין: צו אין גהינם, צו אין גן־עדן . . . דאָס איז אַ שטות'עריי!

— איך האַלט, — זאָגט דער רבי (און אויף דעם האָב איך טאַקע געוואַרט) — איך האַלט, אַז שלום אש קאָן אונדז קנאַפּ וואָס שאַדן טאָן, פּשוט דערפאַר, ווייל קיינער נעמט אים ניט ערנסט . . . פון די גרויסע מאַסן איז דאָך אָפּגערעדט, זיי לייענען ניט זיינע אַזוי גערופענע טעאָלאָגישע ביכער, אַט די ביכער זיינע, וואָס האָבן אים געגעבן אַ געשוואָלענעם קאָפּ, און ער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף זיך ווי אויף יעזוסעם אַ ברודער, וואָס וועט פאַרצירעוועון דעם ריס צווישן אידן און גוים . . . אָט הפּנים ער ווייסט ניט, אַז די דייטשן האָבן אויסגעע'הרג'עט אַלע געטער און די חרוב'ע וועלט איז געבליבן גאָט־לאָז. ס'איז דאָך איצט אויף דער גאַנצער וועלט ניט פאַראַן אַ גאָט אויף אַ רפואה!

שלום עליכם בלייבט זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און שווייגט.

—רבי, זאָג איך — איר האָט אפשר געקאָנט מלך דעם קלעזמער? מלך דער קלעזמער דערמאָנט מיר שטאַרק אין שלום אש'ן . . . אַז מלך פלעגט נעמען אין האַנט זיין פידעלע און דאָס אַרונטער שטעקן אונטער דער רויטער באָרד און נעמען שפּילן פּאַגאַנינים פיר און צוואַנציק קאַפּריזן, פלעגט ער מיט זיין שפּילן עפענען אַלע טויערן פון הימל, אונטער זיין אָפּענעם פענצטער פלעגט שטיין דאָס גאַנצע שטעדטל ווי פאַר'כשופט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, און אַז זיין פידעלע איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ וואָלעכעל, האָט מען

געקאָנט אוועקפאַלן פון מתיקות. אָבער אַז דער זעלבער מלך דער קלעזמער מיט דער רויטער באָרד, און מיט די קינדערשע פאַר'חלומ'טע אויגן פלעגט אַהיים קומען פון אַ חתונה, טויט שיכור, און ער פלעגט נעמען שלאָגן און הרג'ענען מכות רוצח זיין ווייב, און זי פלעגט מיט אירע קולות אויפוועקן די גאַנצע אידישע גאַס, פלעגט מען שטיין אונטערן פענצטער און הערן אירע קולות און שילטן מלך דעם קלעזמער מיט דער רויטער באָרד — שעלטן מיט טויטע קללות און —

שלום עליכם האָט מיר ניט געלאָזט פאַרענדיקן מיין מעשה מיט מלך דעם קלעזמער. ער פאַלט מיר אַריין אין די רייד און זאָגט:

— דו דערציילסט מיר בעסער וואָס הערט זיך עפּעס אויף דער אידישער קולטור־גאַס פון לאַס אַנדזשעלעס! וואָס מאַכט דאָרט עפּעס מיין אליהו טענענהאָלץ? לייענען אידן נאָך מיינע ביכער, האַ? נאָר זאָג מיר דעם אמת, ניט געבלאָפט . . .

— רבי, זאָג איך, — אויב דו ווילסט וויסן דעם אמת, מוז איך דיר זאָגן, אַז די מלחמה־פּראָספּעריטי, צוזאַמען מיט דער אַסימיליאַציע, האָט געבראַכט אַ גרויסע גייסטיקע ירידה אויף דער אידישער גאַס, און אידן זיצן און שפּילן אין קאָרטן . . . דאָס איז געדעדט געוואָרן פון דעם ערב רב, אָבער יחידי סגולה לייענען דיינע ביכער, און וויינען, וויינען, ווייל היטלער האָט אויס־געקוילעט און פאַרברענט די גאַנצע אידישע וועלט, דעם גאַנצן קוואַל פון דיין שאַפן, און אַלץ וואָס עס איז געבליבן איז — דיינע טייערע אומשעצבערע ביכער.

איך האָב זיך אויפגעהויבן פון בײנקל און געוואָלט אַרומנעמען שלום עליכם'ן און אים צודריקן צום האַרצן, און אים קושן, אָבער איך האָב דער־פילט ווי אימעצער האַלט מיך פעסט אין זיינע אָרעמס. — איך עפן די אויגן און זע, — ווי אַ דאָקטאָר האַלט זיין אויער צו מיין האַרץ, און מיט ביידע הענט האַלט ער מיך פעסט אַזוי, אַז איך קאָן זיך ניט אַריר טאָן.

דער דאָקטאָר לאָזט מיך אָפּ, און, ווענדענדיק זיך צו די צוויי פרעמדע מענער וואָס זיינען געשטאַנען ביי מיין בעט, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, און ער זאָגט צו זיי: — נו, דער רוח נעמט אים נאָך ניט . . . ער האָט זיך נאָר אי־בערגעפּרעסן מיט דער רעטשינער קאַשע. — און איז אַריין געפאַלן אין אַ טיפן חלשות . . .

— ווער זיינען די מענער? — פרעג איך ביים דאָקטאָר.

— דאָס איז דער „אַנדערטייקער" מיט זיין געהילפע, זיי זיינען דיך געקומען מבקר חולה זיין, דאַטס אָל . . .

י. אלקאָן

# האָליוואוד און סעקאָנד עווע.
## אָדער
# די טראַגעדיע פון אידישן טעאַטער

(אַ טראַגעדיע אין דריי אַקטן מיט אַ פּראָלאָג וואָס איז געווען און אַן עפּילאָג וואָס דאַרף ערשט קומען)

## פּ ר אָ ל אָ ג :

מיט יאָרן און יאָרן צוריק האָט זיך אין דעם געגנט וואָס רופט זיך סעקאָנד עווע., אין דער גרויסער שטאָט ניו יאָרק, אָנגעהויבן וואַקסן און צובליען דאָס אידיש טעאַטער. (גענויער וועגן דעם ענין מיט אַלע דעטאַלן קענט איר געפינען באַשריבן אין די צענדליק ביכער וואָס שטויבן זיך ערגעץ אויף די פּאָליצעס פון ביבליאָטעקן.)

אָט זענען ווערטער פון אַן אַקטיאָר וועלכער געדענקט נאָך די יום־טוב׳־דיקייט וואָס האָט געהערשט אין און אַרום דאָס אידישע טעאַטער אין יענע גאָלדענע טעג.

— אמת, — זאָגט ער — די סצענעס אויף דער בינע זענען געווען אַלט, צוזאַמען געקלאַפּט פון ברעטלאַך און צונויף געקלעפּט מיט פּאַפּיר, ניט ווי להבדיל אַ סצענע פון דעם איצטיקן טעאַטער, אָבער דער יום־טוב, דער יובל וואָס האָט געהערשט אין טעאַטער, אָדער אין דער לאָבי צווישן די אַקטן, קענט איר אין די איצטיקע טעאַטערע מיט די שיינע סצענעס ניט זען.

דאָ גייט אַריין מיין העלד אין התלהבות:

— ס׳איז דאָך געווען בהצוצרות ובקול שופר! שמחה וששון! ערגעץ אין אַ ספר ווערט געזאָגט: „דער וואָס האָט ניט געזען שמחת בית השאובה האָט קיין שמחה ניט געזען”, איך זאָג: דער וואָס איז ניט געווען אין „טהאַליע אָדער ליפּצין טעאַטער” האָט קיין באַגייסטערונג פאַרן אידישן אַקטיאָר און טעאַטער ניט געזען. ווען איך דערמאָן זיך וואָס ס׳איז געווען און וואָס ס׳איז

איצט, בין איך דאָך שטאַרקער פון אייזן אַז איך לעב! ווען איר וואָלט געזען די מענשן וואָס זענען געקומען אין טעאַטער, אָרימע, מיט פאַרוואָק־סענע פּנים׳ער, די הויזן צוקנייטשטע, צוריסענע, אָבער דעם עקסטאַז, די באַגייסטערונג וואָס האָט געבליצט פון זייערע אויגן, די שכינה האָט דאָך גערוט אויף זייערע פּנים׳ער! ער האָט אויסגעזען ווי אַ בן־מלך און זיין באַגלייטערן ווי אַ בת־מלכה. היינט גייט מען דאָך אין טעאַטער ווי אָפּגעבן אַ חוב, זען אַ לאַנדסמאַן, אָדער אימעצער האָט אים פאַרגוואַלדיקט מיט אַ טעאַטער־טיקעט, גייט ער זיך אָפּנודיען. אַמאָל אָבער איז מען געגאַנגען אין טעאַטער ווייל אַן טעאַטער האָבן זיי ניט געקענט לעבן, טעאַטער איז געווען אַ טייל פון זיי! אָבער וואָס איז דאָ וואָס צו ריידן וואָס ס׳איז געווען . . .

## ערשטער אַקט:

## דריי טויזנט מייל אוועק.

ערגעץ ווייט אין דער מדבר האָט זיך אָנגעהויבן בויען אַ שטאָט מיטן נאָמען לאָס אַנגעלעס. אין דער דאָזיקער שטאָט האָבן זיך אַ פּאָר שניידער און פעלצן נייער פּאַרנוסע מיט אַ נייער אינדוסטריע, וואָס הייסט „מואווינג פּיקטשורס". וועט איר דאָך פרעגן וואָס פאַרא שייכות דאָס האָט מיט אידיש טעאַטער? אָט וועט איר טאַקע זען.

מאַכענדיק די אויבענדערמאָנטע „מואווינג פּיקטשורס" האָט מען באַדאַרפט דאָ און דאָרטן פאַרשטעלן אַ אידישן טיפּ, און אַזוי ווי די האָליוואָודער דירעקטאָרן זענען זייער רעאַליסטיש קען דאָך ניט זיין רעאַליסטישער ווי אַ איד אין אַ אידישער ראָליע.

(דאַמאָלסט האָבן נאָך אונדזערע אידישע „מואווינג פּיקטשור" מאַכער זיך נאָך ניט געשעמט מיט אידישע טיפּן אָדער אידישע טעמעס אין זייערע „פּיקטשעס")

אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז דער ערשטער אויפטריט פון די פּערזאָנען וואָס נעמען אייננטייל „לויט זייער אויפטריט" געווען רודאָלף שילד־קרויט.

ס׳זענען צו יענער צייט געווען אַנדערע אידיש־ענגלישע אַקטיאָרן, וועל־כע האָבן געשפּילט אין די מואוווים ווי: ווערא גאָרדאָן, יאָזעף שילדקרויט, בעל בייקער און אַנדערע, אָבער אַזוי ווי קיין דירעקטן שייכות מיטן אידישן טעאַטער האָבן זיי ניט געהאַט, געהערט נאָך אַלץ דער כבוד פון דעם „ערשטן אויפטריט" צו רודאָלף שילדקרויט׳ן.

מיר איז ניט באַקאַנט ווי אַזוי שילדקרויט האָט זיך דערשלאָגן אין האָלי־וואוד, נאָר אין אַן אינטערוויו וואָס איך האָב געהאַט מיט אים, ווארום ער

שפּילט די ראָליע פון „קאַיפוס" אין דער פילם „קינג אָף קינגס", אין אַזאַ ליכט, וואָס קען דערוועקן אַ שנאה צו אידן, האָט ער מיר געענטפערט:

— די אידן פון בראָנקס זענען שולדיק אין דעם.

ער האָט געהאַט אַ קליין טעאַטערל ערגעץ אין די בראָנקס, און דער עולם איז ניט געקומען צו זיינע פאָרשטעלונגען ווי ער האָט דערוואַרטעט, האָט ער צוגעלייגט וואָסערע 18,000 דאָלער. דאָס געלט ווי ס'זעט אויס איז ניט געווען זיינס. (ווי קען אַן אַקטיאָר וואָס שפּילט אויף דער אידישער בינע פאַרמאָגן זיין אייגנס 18,000 דאָלער?) איז ער דאָס געקומען קיין האָליוואוד פאַרדינען דאָס געלט כדי אָפּצוצאָלן די חובות.

אפשר האָט שילדקרויט שאַרזשירט מיט דער דערקלערונג, אָבער אַביסל אמת איז אין דעם יאָ געווען. מאַכענדיק איין בילד אין האָליוואוד, קען מען יאָ פאַרדינען גענוג אויסצוצאָלן 18,000 דאָלער חובות, און מ'קען נאָך בלייבן באַ אַ שיינער אַפּותיקי, און טאָמער האָבן זיך געפונען סקעפּטיקער וועלכע האָבן ניט געגלייבט אין די האָליוואודער גרויסע פאַרדינסטן, זענען גלייך צוגעקומען נאָך לעבעדיקע פאַקטן, מוני וויייזנפריינד, אליהו טענענהאָלץ (אפשר ניט אַזוי אליהו ווי זיין ביוזאיק), און אַנדערע.

אַזוי פאַלט דער פאָרהאַנג צום שלוס פון דעם ערשטן אַקט פון דער אידישער טראַגעדיע, כאָטש ס'איז דאָ זייער ווייניק טראַגיזם, אָבער וואו האָט איר געזען די טראַגעדיע גלייך אין אָנהויב?

## צווייטער אַקט.

## צוריק אין ניו יאָרק.

סעקאָנד עווע. איז נערוועז, מ'זיצט אין קאַפע ראָיאַל, און אַנשטאָט שטודירן ראָלן, שטודירט מען געאָגראַפיע, אַנשטאָט באַריידן חברים, רעדט מען פון האָליוואוד, אַנשטאָט מקנה זיין די ניו יאָרקער, איז מען מקנה די האָליוואודער. שונאים בעטן זיך איבער, ווער ווייס אפשר וועט ער באַ אים אַמאָל דאַרפן אַ טובה אין האָליוואוד? פאַר יאָרן און יאָרן זיינען זיי געשלאָפן גאַנצע טעג און די נעכט איז מען אָפּגעזעסן אין קאַפע, פּלוצלונג האָבן זיי אָנגעהויבן ריידן פון קלימאַטן און זיך פאַרביינקט נאָך זון, אַריבער פאָרן די פּערי אין נוארק איז באַ זיי געווען ווי קריעת ים־סוף, און פאָרן די 3 טויזנט מייל נאָך האָליוואוד איז ביי זיי געווען ווי אויסטרינקען אַ טעפּעל קאַווע. מיט איין וואָרט, ס'איז געוואָרן „הימל און ערד און האָליוואוד".

די דירעקטאָרן (די בעסערע) זיינען זיי געקומען צו הילף, זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן פּיעסן אַביסל אַוועק פון אידישן לעבן. מ'האָט זיך אָנגעטאָן אין גויאישע קליידער, זיך מער אָפּגעבן מיט דער אויפפירונג, געהאַלטן אין איין

זוכן וואָס די גויאישע צייטונגען זאָגן אויף זייער שפּילן, וואָס די אידישע פּרעסע האָט וואָס צו זאָגן, איז זיי שוין מער ניט אָנגעגאַנגען.

אַזוי האָט מען נערוועזערהייד אָפּגעשפּילט אַ סעזאָן, צוויי, די הכנסות קליינע, אָבער די הוצאות גרויסע, אפשר וועט אימעצער פון האָליוואוד אַריינפאַלן און זיי אויסכאַפּן. אָבער אַז קיינער איז ניט געקומען, איז מען געגאַנגען אַ טריט ווייטער, (אָדער נענטער) צו האָליוואוד. מ'איז אַוועק אויף בראָדוויי, אַלס גרויסע סטראַטעגיקער האָבן זיי אויסגערעכנט אַז פון בראָדוויי איז נענטער צו האָליוואוד ווי פון סעקאָנד עוועניו.

בראָדוויי, וויל איך איר זאָלט וויסן זיין, איז להבדיל ווי סעקאָנד עוועניו. מער ניט, דאָרטן שפּילט מען לשם שפּילן, אודאי חלום'ען זיי אויך פון האָלי־וואוד, אָבער זיי זיינען ניט אַזוי נאַיוו ווי די סעקאָנד עוועניו קאָלעגן. זיי ווייסן אַז פריער דאַרף מען זיך אויסצייכענען אין דער ראָליע, וואָס זיי שפּילן, שפּילן זיי מיט הארץ, מיט לייב און לעבן, און מ'וואַרפט ניט קיינע בליקן פון דער זייט צום ווערטן פובליקום ביים שפּילן, און אויב אַ סצענע רופט אַרויס אַ געלעכטער, שפּילט מען עס אָפּ און מ'גייט ווייטער, מ'האַלט עס ניט אין איין קייען און צוקייען ביז די גאַל גייט אַריבער. די רעזשיסאָרן און דירעקטאָרן ווייסן, אַז אַ טעאַטער איז אַ ביזנעס, אָבער אַ ביזנעס פון קונסט דאַרף זיין קינסטלעריש, ס'מוז האָבן דעם פאַרנעם, מ'מאָנט ניט פון אייך קיינע טובות, קומט איר אין טעאַטער איז גוט, טאָמער ניט, באַליידיגט מען אייך ניט, אויב מ'דערלייגט געלט, ווישט מען אָפּ די ליפּן און מ'מאַכט אַ שוויגן, זיי סטראַשען ניט די קריטיקער אַז זיי וועלן צומאַכן דאָס טעאַטער, אויב מ'וועט שרייבן שלעכט וועגן זיי. וואָס אָנבעלאַנגט די אַקטיאָרן, ווייסן זיי גאַנץ גוט, אַז די פּיעסע איז פּונקט אַזוי פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם דערפאָלג ווי דאָס שפּילן, ווי דאָס דירעקטירן, איז דער שרייבער ניט קיין יתום ווי אויף סעקאָנד עוועניו. ס'איז ניט קיין אונטערשייד אויב דאָס איז זיין ערשטע אָדער צענטע פּיעסע, און דער דירעקטאָר האָט איין אויפגאַבע: די־רעקטירן, פאַר שרייבן זיינען דאָ שרייבער. מיט איין וואָרט, דאָרט ווערט געטאָן דאָס פּאַרקערטע, וואָס אויף סעקאָנד עוועניו.

וואָלט איר דאָך געקענט מיינען, אַז סעקאָנד עוועניו האָט אַראָפּגענומען אַ מוסר פון בראָדוויי? מ'האָט פּונקט דאָס זעלבע געבראַכט אויף בראָדוויי, נאָר אָנשטאָט אידיש איז געווען איינגליש, און דערצו האָבן זיי נאָך פאַרלאָרן דעם אידישן חן.

איז מען געקומען צוריק אויף סעקאָנד עוועניו. זיך געקלאַפּט חטאתי, און דאָס מאָל זיך גענומען אויפפירן ספּעקטאַקלען. אָבער אויב די דירעקטאָרן האָבן זיך אויסגעניכטערט פון בראָדוויי און האָליוואוד, זיינען די אַקטיאָרן געבליבן אַלץ פאַר'שיכּורט, גרימירנדיק זיך באַ די שפּיגלען פאַר „יאָשע קאַלב" האָט מען געבראַכן דעם מח, ווי אַזוי עפּעס אַריינצוקלעפּן אין באָרד

און פּאות וואָס זאָל ציען די אויפמערקזאַמקייט פון איינעם, וואָס קען איינעם וואָס האָט אַ שייכות מיט האַליוואָוד.

ביים סוף פון צווייטן אַקט איז שוין אונזער העלד, „דאָס אידיש טעאַטער" בלוטלאָז, ליגט אויף דער בינע ווי אַ געפאַלענער ריז, זינגט אַ לידל פון גאָלד־פאַרנס צייטן מיט אַ אומעטיקן הייזעריקן קול, און ווען דער פאָרהאַנג פאַלט זעען מיר מיט אונזערע אויגן, ווי ער פאַרקויפט זיך פאַר אַ בענעפּיט צו די „בני אנשי יאַקניהוז".

## דריטער אַקט.

ווי ס'איז צו דערוואַרטן אין אַ דריטן אַקט פון אַ טראַגעדיע, הערשט אַ כאַאָס, דירעקטאָרן היילן זיך ניט צו אַגאַנזשירן אַקטיאָרן, און די אַקטיאָרן היילן זיך ניט אַגאַנזשירט צו ווערן; אַלע וואַרטן אויף נס האַליוואָוד. אַז דער נס קומט ניט, באַשליסט מען אָנכאַפּן דעם נס פאַר די הערנער, זיך אַרי־בער כאַפּן פּערזענליך אין האַליוואָוד. אָבער מען קען דאָך ניט כאַפּן און אַנט־לויפן, לאָזט מען אַרויס אַ קלאַנג:

— גענוג געשפּילט אידיש טעאַטער! כ'וועל זיך אָפּרוען אַ סיזן.

דער סוף איז, איין שיינעם פרימאָרגן טרעפט איר האַלב סעקאַנד עווע.

אויף האַליוואָוד און ווײַן סטריט.

מסתמא איז אייך ניט איין מאָל אויסגעקומען צו זען דעם אידישן אַקטיאָר אין זיין היים אויף סעקאַנד עווע. קיין אונטערשייד ניט פון זיין ראַנג, איז ער געגאַנגען אַ שטאָלצער מיט אַ אויפגעהויבענעם קאָפּ, און טאָמער האָט אייך אָפּגעגליקט צו ריידן מיט אים, האָט ער אייך געענטפערט מיט גע־ציילטע ווערטער, „יאָ אָדער ניין". דאָ איז ער "פּאַניע בראַט" מיט אַלעמען, צו פּאַרדים דעקלאַמירט ער ניט געבעטענער הייד, און אויב אין ניו יאָרק האָט ער אייך אויסגעמיטן, דאָ גייט ער צו צו אייך:

— וואָס מאַכט איר? שוין לאַנג דאָ?

און ס'איז אַלץ דערפאַר, טאָמער קענט איר אימעצן פון דאָרטן, פון האַ־ליוואָוד. דאָס איז אַלץ גערעט געוואָרן ווען איר זעט אים, אָבער וואָלט איר געוואוסט ווי אויסגעריסן ער ווערט, ווען איר זעט אים ניט, גאַנצע טעג זיצט מען אָפּ ביים טעלעפאָן, טאָמער וועט אַ סטודיאָ רופן.

און דער נס געשעט, דער טעלעפאָן קלינגט:

— ער זאָל גלייך קומען אין דער סטודיאָ.

די עטלאַכע מינוט וואָס ס'האָט אים גענומען זיך צוגרייטן, און דאָס פאָרן אין דער סטודיאָ, איז סעקאַנד עווע. ווי מיט פליגלען אָוועקגעפלויגן

אין דער ווייטער אונענדליכקייט, ער געדענקט שוין ניט אפילו אז ער האָט אמאָל געהאַט אַ שייכות מיט „סעקאַנד עווע.”. ער זעט זיין נאָמען מיט טויזנטער עלעקטרישע לעמפּלאַך אויף בראָדוויי. אפשר זאָל ער זיך אריינכאַפּן אין קאַפּע ראָיאַל? יאָ, זאָלן זיי צופּלאַצט ווערן! און אפשר ניט, ווער דאַרף זיי... הלואי קומט ער אהער פּאַר 10 יאָרן, פּאַר 20 יאָרן! און אַזוי ציילנדיק זיינע יאָרן באַפאַלט אים אַ מאָדנע נאַגעניש. אמת, די גרויקייט אין זיינע האָר האָט ער אָפּגעפאַרבט, אָבער ער ווייס דאָך זיינע אמת׳ע יאָרן, בלויז עטלאכע יאָר איז אים איצט געבליבן צו געניסן פון זיין באַרימקייט, וואָס ער גייט איצט קריגן. אידן? אויך מיר אַ פאָלק! זיי האָבן דען אָפּגעשאַצט זיין טאַלאַנט? ער האָט אַלע מאָל געוואוסט, אַז דאָס אידישע קונסט איז צו באַשריינקט, וויפיל מענשן האָבן אים געזען שפּילן באַ אידן? אָבער אין דער קינאָ וועלן אים זען דייטשן, פראַנצויזן, כינעזער, רוסן, יאָ רוסן, די רוסישע רעגירונג וועט אים שיקן אַ ספּעציעלע איינלאַדונג, און ווען ער וועט זיך באַווייזן אויף די מאָסקווער גאַסן, וועט מען אָנווייזן אויף אים מיט די פינגער:

— אָט גייט ער . . . .

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מ׳האָט געשיקט נאָך אים פון דער סטודיאָ, האָט מען פון אים, ווען ער איז געקומען אהין, קיין גרויסן ווענז ניט געמאַכט. ער האָט גראָדע יאָ געצויגן אויפמערקזאַמקייט, נאָר ניט, חלילה, ווייל ער איז אַזאַ גרויסער טאַלאַנט, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט אַ הייזעריקן קול, און זיין האַלדז איז אַביסל קירצער ווי באַ געוויינליכע מענשן. אָבער דערנאָך האָבן זיי באַשלאָסן אַז קיין גוואַלדיקער טאַלאַנט ליגט ניט אין זיין הייזעריקן קול, און ער איז געבליבן בלויז באַ זיין געבאָרענעם טאַלאַנט, באַ זיין קורצן האַלדז, אָבער ווען ער האָט געזען דאָס בילד מיט אַ קלאַפּענדיקער האַרץ אויפן לייוונט, האָט ער זיך אין גאַנצן ניט געפונען.

אויף ווין סטריט און האָליוואוד בולוואַרד שיינט די זון. די קאַליפאָרניער זון איז ניט קאַרג מיט איר וואַרימקייט, אין מאַי צי אין דעצעמבער, אָבער דער אידישער אַקטיאָר פון סעקאַנד עווע. זיצט ערגעץ אין זיין פינצטערן צימערל, די אויגן איינגעגעסן אין טעלעפאָן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, טאָמער וועט אים זיין אַגענט רופן.

דער פּרינץ האָט זיך אַליין אונטערנומען אָפּריכטן גלות, און ער וויל ניט דערלייזט ווערן.

ליידים ענד דזשענטלמען!

ווי איך האָב אייך געזאָגט אין אָנהויב, דער עפּילאָג דאַרף ערשט געשריבן ווערן.

אַ דאַנק.

ברכה קודלי

## פירות אויף מיין טיש

א קאַלטער אראנדזש
ליגט פאַרבאָרגן אין זיין שווייגן —
ניט אַרויסצוצייגן,
אז ער האָט דאָס געניס
פון דריי נאַאיווע פייגן,
וואָס האָבן זיך אַזוי ליבליך צוגעטוליעט
און פאַרזונקען אין זיין אַראָמאַט.
אין אַ ראָזן מאַט
צוויי שמייכלענדיקע באַרן
האָבן אַזוי דרייסט געשטיפט
מיט די לוסטיקע פלוימן,
וואָס גלאַנצן אַזוי ווייך און זאַט
ביז די פלוימן האָבן זיך פאַרשעמט
און פאַררויטלט געוואָרן.
די שטילקייט ארום האָט אָנגעשטרענקט איר אויער
און הערט זיך צו צום לויער
פון די זאַפטיקע אַפריקאָסן.
צוויי שטיינגלאך טרויבן.
גרין און וויאָלעט
האָבן זיך אַזוי איינגעשפּאַרט פאַרוועט

און ליגן אַזוי צוזאַגנדיק און שטיל.
ווי געהיימע עדות
אויפן סור פון אַלע סודות.
יאָ פאַרזייט צו ניט פאַרזייט —
וואַקסט די ווילדע פּאַפּי דער תושב פון שטאַט
פיר געלאַדענע בלעטעלאַך אין זיידענעם מאַט.
זעסט —
אויף זוניקע וועגן
היט די בלום די פעלדער ברעגן,
פלאַטערט, נייגט זיך צו דער זון
און שמייכלט צו די קאַליפאָרניער געסט.
אונטער דעם בנין געווימל
דרימעלט זי דרימעלט,
אין חלום זעט זי דעם שכן פון מעקסיקאָ,
וואָס קלייבט אין פעלד די קוקורוזן אָן
דערנאָך זיצט ער אָן אָנגעגעסענער מיט שלאָף
אונטער אַ גרויסער סאמברערא
און גליענדער זון.
די פיאַלקעס האָבן פאַרנומען דעם אָנפאַל פון ווינט,
דעם באַריר פון נאַכט,
די סודות פון פויגלען
און דאָס אַלץ אין אַ חלום פאַרשפּינט.
ווען באַגינען האָט די נאַכט צעווייערט
האָט דער חלום אַרויפגעקלעטערט צו אַ פעלז
און זיין האַלדז
אַרומגעוויקעלט מיט אַ ווייסן וויאָלעטן שלייער.

ה. רויזענבלאַט

# זינגעוודיק האַלץ*)

דער קרעאַטיווער קינסטלער האָט ליב צו שאַפן ביחידות. די וועלט אָדער דעם טייל וועלט וואָס ער איז גערייט איבערצושאַפן, — טראָגט ער אוועק מיט זיך וואָס ווייטער פון דעם טומלדיקן, רעשיקן לעבן. ווי האָט זיך אַמאָל יהואש אויסגעדריקט: „בעת איך שרייב, — האָב איך ליב אַז די שטילקייט זאָל זיין אַזוי שטיל, אַז איך זאָל ממש קענען הערן ווי מיינע אייגענע געדאַנקען גייען דורך דורך מיין מוח". אוודאי זיינען פאַראַנען געוויסע קלוגיטשקע, וואָס נעמען דאָס אָן ווי אַ מין אָנשטעל מצד דעם קינסטלער. דאָס איז אַזאַ חנדלען זיך. אַנדערע ווידער, — האַלטן אַז דאָס איז אַ מין גאוה. ווי איינער רעדט: — בשעת איך שאַף — בין איך איבער וועלט און איבער מענטש, וואָס אין דער וועלט. איך בין דאַן אין דער בחינה פון גאָט. דער אמת איז דער: שעפרעשקייט קען ניט פאַרטראָגן קיין זייטיק אויג. ער, דער קינסטלער, איז. ווי די שפין — זאָל מיר סיי דער קינסטלער און סיי דער קונסט-געניסער מוחל זיין פאַר דעם ניט דעלי־קאַטן פאַרגלייך, — וואָס שפינט איר געוועב צום בעסטן אין דער פינצטער־ניש פון דער נאַכט. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט קניפּט זי אירע דינע־דינע פעדעמלעך, שטריקט און שטעפּט איר נעץ צו פאַנגען דאָס וואָס זי זוכט צו פאַנגען . . . אויך די בין, וואָס האָט אפשר ניט קיין בעסערע כוונות ווי די שפין, נאָר באַשענקט אונדז מיט אַ זיסערן געשאַנק, — לייגט איר האָניק אין דער פינצטער. נעמט אַ זשמעניע בינען און לאָזט זיי אַריין אין אַ גלעזערנער כלי, און איר וועט באַמערקן: איידער זיי נעמען פּראָדו־צירן זייער האָניק, שמירן זיי אויס די גלעזערנע כלי מיט דעם האָניק כדי צו פאַרשטעלן פון דעם זייטיקן אויג דעם סוד זייערן. נישט קיין אָנשטעל און ניט קיין גאוה שטעקט אין דעם וואָס דער קינסטלער זוכט צו שאַפן ביחידות. ער נוויטיקט זיך אין דער דינסטער שטילקייט, אין דער סאַמער אָפּגעשלאָסנסטער איינזאַמקייט. אַ מינדסטער שאָרך, אַ ליאַדע גערויש קען איבעררייסן דעם דינעם פאָדעם פון וועלכן ער האַלט אין שפּי־נען זיין געוועב, זיין ווערק.

קינסטלער זענען אָבער פאָרט ניט מער ווי מענטשן. . . . נאָכדעם ווי זיי האָבן זייער ווערק אויסגעוואָרעמט, אויסגעבריט, — ווענדן זיי שוין דאַן אָפּט, אַמאָל צו אָפּט, אָן די מיטלען וואָס סתם דער שטערבלעכער מענטש ווענדט אָן כדי צו ברענגען זיין פּראָדוקט צו דער וועלט. און דאָ

*) אַ קונסט אַלבום ווערט צוגעגרייט און וועט דערשיינען אין לויף פון דעם יאָר. אין קונסט אַלבום פון בערל סאַטט גייען אריין אריבער דרייסיק פון זיינע האָלץ שניצערייען.

זענען שוין די וועגן און די מעטאָדן פֿאַרשיידן. איינער ווענדט אָן די אמתע סוחרישע מעטאָדן: פֿאַראינטריגירט דעם קריטיקער, פֿאַרלאָקט דעם קונד און שטעלט זיך אפֿילו ניט אָפּ פֿון אַרויסרופֿן סענסאַציאָנעלע טומלענישן אַרום זיין קונסט. אין די מערסטע פֿאַלן, — העלפֿט עס אים באַרימט צו ווערן. — צום ווינציגסטנס — ווערן פּאָפּולער. אמת איז, — דער קינסטלער־סוחר איז אונדז ניט צום האַרצן; געפֿעלט אונדז ניט. מיר ווילן זען



דעם קינסטלער, — ווי ער דאַרף זיין: דורכאויס קינסטלער אפֿילו נאָכדעם ווי ער האָט זיין ווערק פֿאַרענדיקט און דאָס געבראַכט צו דער וועלט. וואָרעם דער אמתער קינסטלער באַטראַכט זיין שוין פֿאַרענדיקט ווערק — אַ נאָך אַלץ ניט פֿאָלקאָמע אַרבעט. ער לעבט נאָך מיט דעם אָטעם וואָס ער האָט אין זיין ווערק אַריינגעאָטעמט: — נאָך ניט גענוג אָטעם אַריינגעבלאָזן. מיט איין וואָרט — זיין ווערק איז נאָך אַלץ אַ טייל פֿון אים.

אכצן יאָר וואוינט ער שוין מיט אונדז אין לאָס אַנגעלעס. היפּשע יאָרן נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ תושב אין לאָס אַנגעלעס האָט ער געשניצט זיינע קלעצלעך האָלץ און אַרויסגעצויגן פון זיי זעלטן דינע אידישע ניגונים; בילדער פון אידישן שטייגער־לעבן; אידישן אומעט און אידישן הומאָר. קיינער האָט ניט געוואוסט אַז ערגעץ אין זיין באַשיידענער וואוינונג, אין דער



אידישער געגנט פון באָיל הייטס לעבט אַ שטילער, ערנסטער קינסטלער; פאַדעט אַרום קלעצלעך האָלץ, און רופט אַרויס מיט זיינע פינגער — אידי־שע געשטאַלטן, פיגורן און גרופּן; — אַ אידישע וועלט וואָס האָלט ביים אונטערגייען. אונטערגייען, — אָבער ניט פאַרן קינסטלער, בערל סאַטט. פאַר אים איז די פאַרגייענדיקע וועלט אַן אייביקע. די וועלט, דער מענטש און דאָס לעבן איז אייביק, — דער שטייגער נאָר ענדערט זיך, און אָט־אָ־

דעם שטייגער פאַרצייכנט ער מיט שאַרפע און ווייכע שטריכן אין דעם האַרשן און אָפּט פאַרעקשנטן האַלץ.

בערל סאַטט איז ווייט פון צו זיין אַ גיבור, אָבער וואָס עס שייך אָן עקשן, — איז ער מער עקשן איידער דאָס האַרטע, שטומע האָלץ. דאָס האָלץ מוז זיך אונטערגעבן זיין רצון, — און גיט זיך טאַקע אונטער.

סאַטט, אַליין אַ עכטער פאָלקס מענטש, האָט ליב דעם פשוטן, האַראַ־



פאַשניק: דעם דאָרף־גייער, דעם פאַרזייער אין פעלד, דעם וואַסער־טרעגער, דעם פּראָסטן בעל־מלאכה; האָט גרויס אָפּשיי פאַרן אידן, דעם למדן.

אַ פרעכטיק בילד גיט אונדז בערל סאַטט, אין זיין ווערק, וואָס שטעלט פאָר, ווי אַ פּראָסטער איד, אפשר אַ ישובניק, וואָס ברענגט זיין אינגעלע פאַרהערן צום שטאָטישן למדן. דער פּראָסטער איד זיצט, מיט יראת־הכבוד,



אויפן שפּיץ בענקל קעגן תּלמיד־חכם. אויפן פּנים פון פּראָסטאַק שפּילט אַ געמישט געפיל — דרך ארץ, האָפנונג און שרעק: — טאָמער חלילה . . . אָבער סאטטם פארהערער איז ניט נאָר אַ תּלמיד־חכם, נאָר אויך אַן ערלעכער איד: אַ שמייכל מינעט זיך הינטערן למדנס גרויע וואָנסן. ער וויל מיט גוטן עפּענען דעם אַביסל איבערגעשראָקענעם אינגלס מיילכעל. דער לערנער

האַלט צוויי פינגער — דעם גראָבן און דעם ווייז־פינגער צונויפגעקלעמט ווי אַ מין אָפּצווענג. ער וויל ממש אַרויסציען די גוטע ווערטער פון דעם קינדס ליפּן. סאַטט האָט בטבע ליב גוטע מענטשן . . .

אַן אַנדער רירנדיק בילדל: צוויי ייִנגעלעך גייען צוריק פון חדר שפּעט ביינאַכט. דאָס עלטערע ייִנגעלע האַלט אין דער רעכטער האַנט דאָס לאַנ־טערנדל. די נאַכט איז פינצטער, דער שניי טיף, און די הערצלעך פון די קינדער שרעקן זיך. זיי גייען אָבער פון גאָטס תורה לערנען. זיי שטאַרקן זיך, מאַכן זיך האַרץ. דורך דער אייז־פאַרקאָוועטער שויב קוקט אַרויס אין דער נאַכט אַריין אַ געטריי אויג — דער מאַמעס אויג, וואָס וואַרט און היט . . . אל תירא, עבדי יעקב, זינגט דאָס געוועזענע קלעצל האָלץ.

און נאָך אַ געזאַנג: טאַטע־מאַמע שיקן אַוועק זייער ייִנגעלע אין שטאָט אַריין לערנען אין אַ „לייטישן" חדר. טאַטע־מאַמע שטייען פאַרזאָרגט, קוקן נאָך זייער קינד, וואָס דרייט דאָס קעפּל אַביסל הינטערווײַלעכס: — כאַפּן אַ קוק אויף דער מאַמע און אויפן טאַטן. דער בעל־העגלה אָבער, אַ יאַט וואָס האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן, ווערט ווינציק וואָס נתפּעל פון דעם אַלעם, שמייכלט אונטער און נוקעט דעם אינגל: — קום שוין, קום!

זיצן דריי ווײַבער אין דער ווײַבערשער שול. די, אינדערמיט, איז די פירזאָגערן. זי זיצט דעם פּאָדעליק פאַנאַנדערגעשפּרייט, מיט אַ מין גדלות: זי איז די וואויל־קענעוודיקע. די אַנדערע צוויי — רעכטס און לינקס — זיצן מיט פאַרלעגטע הענט אין שויס און הערן זיך איין מיט אַ טיפן ערנסט. זיי פילן זיך אַביסל געפאַלן אין די אויגן פון גאָט און אין די אויגן פון דער פירזאָגערן. זיי נעמען דאָס אַלץ אָבער אָן פאַר ליב: גאָטס וואָרט, ניט קיין קליינִיקייט.

אינטערעסאַנט. אַלע געשטאַלטן סאַטטס זענען געבער. רק זיי גיבן. און אַזוי איז דער איד וואָס גייט איבער די הייזער צונויפנעמען אויף שבת פאַר די אָרעמע לייט פון שטאָט. ער שטייט אַנטקעגן דער „אידענע", וואָס האַלט אין אונטערטראָגן די נדבה. דער נדבה־קלײַבער, ווי די „אידענע", זענען ביידע ציכטיקע, באַלעבאַטישע, פרומע און עניוותדיקע געשטאַלטן.

בערל סאַטט באַנוגנט זיך ניט דערמיט אַליין, וואָס ביי די פאַרשוינען זיינע רעדן די פּנימער, די אויגן, די ליפּן; די גערונצלטע שטערנס; — די הענט אפילו רעדן ביי זיינע האָלץ פיגורן, און ווי אַזוי זיי רעדן! שטייט זיך דער זקן מיט דער פּלייצע צום פענצטער — אַן אַלט פּנים, אַ טיף געקאַרבטער שטערן און פאַרטראַכטע אומעטיקלעכע אויגן. ער רויכערט אַ ליולקע. און דאָס פּנים, די ליולקע און די האַנט באַהעפטן זיך אין איין שנירל פון מחשבות. איר קוקט אויף דער האַנט וואָס האַלט די ליולקע און אייך דאַכט זיך — איר זעט ממש דעם רויך זיך אַדורכבריזלען דורך די אָדערן פון דער האַנט. איר פאַרקוקט זיך ווידער אויף דער האַנט פון דעם אַלטן, גרייז־גרויען זקן, אין טלית. הינטער אים אַ אַלמערל ספרים, אַ מנורה. דאָס איז די גאַנצע דעקאָראַציע. סאַטט וויל אייער אויג קאָנצענ־

טרירן אויפן אידן — זיין פּנים, זיינע אויגן, און זיינע הענט, וואָס וואַרעמען זיך אין זיין לאַנגער, ברייטער און ליכטיקער באָרד. אַזוי פיל דיטאַלע קנייטשן און קנייטשעלעך. אָבער, — אַריסטאָקראַטיש־עדעלע קנייטשן; ווייכע, וואַרעמע הענט; הענט וואָס האָבן זיך געפּיטערט אויף די בלעטער פון תּלמוד און אַנדערע הייליקע ספרים. און נעמט, זייט מוחל, און פאַר־קוקט זיך אויף די הענט פון דעם אידן, דעם שניידער. גאָר אַנדערע הענט. די אָדערן זיגזאַגן זיך, צווייגן זיך פאַנאַנדער. אָדערן אָנגעלאָפענע מיט פּראַצע און זאָרג, און ווי זיי האַרמאָנירן מיט דעם שניידערס פּנים! גאָר אַנאַנדער איד: די פּאות — גלאַטע, גלייכע, קירצליכע. די באָרד אויך אַ קירצליכע, אַ רונדלעכע: — נישטאָ קיין צייט זיך מיט איר צו ניאַנטשען, זיך צאַצקען מיט איר — אַמך, שער און נאָדל!

אַרומערדן אַלע סאַטטס געשטאַלטן און פיגורן איז גאָר ניט אַזוי גרינג אין אַ קורצן אַרטיקל, אַגב ווילט זיך ניט רעדן וועגן זיי הינטער די אויגן. . . דערצו וואָלט נויטיק זיין צו ברענגען די אַלע ווערק זיינע כאָטש אין פאָ־טאָגראַפישן בילד. און דאָס איז אין דעם מאָמענט ניט מעגלעך. וועט מיר סיי דער קינסטלער און סיי דער לעזער מוזן מוחל זיין פאַר מיין צמצום׳דיקן אַרטיקל. מיר אַליין פאַרדריסט, וואָס איך מוז זיך אָפּרייסן פון די קינסטלערישע געשטאַלטן און פיגורן, וואָס זענען אַזוי אָנציִענדיק פאַר מיר.

בערל סאַטט האָט אייניקע מאָל אויסגעשטעלט זיינע האָלץ שניצן. אייניקע מאָל אין קלענערע אויסשטעל־פּלעצער, און אַ פּאָר מאָל אין גרע־סערע קונסט גאַלערייען: אין דער סטאַנדל גאַלעריי, און אין דעם לאָס אַנגעלעס קאָונטי מוזיי. די קריטיק האָט זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן אויף זיינע ווערק. הונדערטער אויגן האָבן זיך געוואַרעמט קעגן די האָלץ־שני־צערייען. אַ סך, וועמען דער גאַנצער לעבנס־שטייגער איז געווען פרעמד־לעך, האָבן מיט גרויס נייגער געפרעגט, געוואָלט וויסן. דער שטייגער איז זיי אפשר פרעמד געווען, אָבער ניט די קינסטלערישע שטריכן און קנייטשן אין די ווערק. טיף הינטער די שוואַרצאַפּלען איז ביי זיי אָבער פאָרט געבליבן דער שאָטן פון אַ נייער, זיי־פרעמדער קונסט, אָבער פאָרט — קונסט פון אַ הויכן שטייגער.

האָט סאַטט פאַרקויפט זיינע ווערק? — צעוואָס? וויל ער זיך דען שיידן מיט זיי? ניין! „איך וויל זיי, די געשטאַלטן, ניט פאַנאַנדערשיידן. זיי זענען דאָך איין גאַנץ, איין משפּחה. אַלע צוזאַמען — אפשר יאָ. איינציקווייז, — זיי פאַנאַנדערשפּרייטן אין גלות, — דאָס ניט!״

און מענטשן קומען צו די סאַטטס אין הויז אַריין, קוקן אויף די גע־שטאַלטן, טיפן, זעטיקן זיך אָן מיט זיי, און טראָגן מיט זיך אַוועק דאָס געזאַנג פון דעם וואָס עס איז געווען אַמאָל האַרט, רוי און פאַרעקשנט האָלץ — זינגעוודיק האָלץ.

ש. שולמאַן

# נאָטיצן פון אַ געוועזענעם לערער אין דער פאָלק־שול

ווען איך בין אָנגעקומען אין לאָס אַנדזשעלעס אין 1919, איז דאַמאָלסט כמעט געווען דער בראשית פון דער היגער פאָלק־שול באַוועגונג (דאָן, „די נאַציאָנאַלע ראַדיקאַלע שולע").

איך זאָג, כמעט, ווייל אַ פּרואוו איז שוין געמאַכט געוואָרן אין 1913, פאַר'ן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה. אַזוי האָבן מיר דערציילט די עלטערע חברים, די היגע פּועלי ציון.

די מיטינגען פאַר אַ פאָלק־שול גרינדונג פלעגט אָפּגעהאַלטן ווערן אין הויז פון, עד היום טעטיגן חבר, י. נאַומאָוו, קאָרנער בריד און מישיגען סטס., בויל־הייטס געגענט, דאַן דער הויפּט צענטער פון דעם היגן אידישן ישוב.

ס'איז אפילו געלונגען צו קריגן פאַר קלאַס־צימערן, די קאָרנוועל פּאָבליק סקול.

די לערער זיינען געווען פרייוויליגע. חברים פון די פּ."צ., נח מישקאָווסקי, ל. שטיינבערג און דר. ל. בלעסס (דר. ל. בלעסס האָט דאַן באַלאַנגט צו די פּ."צ.); גלייכצייטיג האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ שריפט: „די אידישע פאָלק־שול", אונטער דער רעדאַקציע פון א. טאַנים און פּאַרוואַלטער דר. אַסטראָווסקי. ליידער האָט זי נישט געהאַט קיין אריכת ימים. בלויז 2 נומערן זיינען אַרויס. די שולע האָט אויך ליידער נישט אָנגעהאַלטן לאַנג. נאָכ'ן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה, האָט זי זיך געשלאָסן.

ווי ס'איז אַלעמען באַקאַנט, נאָכ'ן מלחמה אויסברוך האָט זיך אַ כוואַליע פון שנאה צעשפּרייט איבער דער ברייט פון די פאַראייניגטע שטאַטן קעגן ניט הי־געבוירענע, און באַזונדערס קעגן זייערע שפּראַכן. און די פאָלק־שול איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער פּאָבליק סקול בילדינג.

מיט דעם האָט זיך געשלאָסן דער ערשטער קאַפּיטל פון דער היגער שולע.

אָבער אין הארצן פון די חברים האָט געלעבט די אידייע פון דערציען די יוגנט אַלס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיניגע פּראָגרעסיווע אידן. האָבן זיי נישט אויפגעגעבן די האָפנונג ווידער צו דערעפענען די שולע ביי דער ערשטער געלעגנהייט.

און די געלעגנהייט איז געקומען ביים שלום פון דער ערשטער וועלט מלחמה.

אַסך יוגנט האָט געשטראָמט צו די ברעגן פון פּאַסיפיק, און הויפּטזאַכליך צו דרום טייל פון קאַליפאָרניע. לאָס אַנדזשעלעס איז געוואָרן די מעקא

פון אידישע יוגנט און בעלי חלומות. דער קליינער אידישער ישוב איז גראָדע געווען אַ וואַרימער ווינקל פאַר אַזעלכע מענטשן. צווישן זיי האָט זיך געפונען אַ גאַנץ באַדייטענטער צאָל פּועלי ציוניסטן. מיט זייער יוגנט־ליכע ענערגיע האָבן זיי דערמעגליכט צו דערעפענען ווידער די פאָלק־שול. אויף אַ מער געזונטערן באַזיס.

די שולע איז דערעפענט געוואָרן אַלס שבת־זונטיק שול, דאָון־טאָון, 3־טע און ספּרינג סטריט, אין אַ גרויסע בילדינג אויפן פינפטן „פלאָר".

מען האָט געעפנט די שולע דאָון־טאָון כדי צו געבן אַ געלעגנהייט אַלע אידן פון דעם לאָס אַנדזשעלעס צעשפּרייטן אידישן ישוב, ברענגען זייערע קינדער אין שולע, נישט טראַכטענדיק ווי שעדליך אַזאַ פּלאַץ איז פאַר קינדער.

ווען ס'פלעגט געגעבן ווערן הפסקה צו די קינדער, זיינען די לערער געווען תמיד אין שרעק, זאָל חלילה נישט פּאַסירן מיט די קינדער קיין אומ־גליק. קינדער זיינען דאָך קינדער, פלעגן זיי קלעטערן אויפן דאַך און וואו ניט . . . און די לערער פלעגן זיך שרעקן פאַר דער הפסקה מער ווי פאַר זייערע קולטורעלע משגיחים.

דאָס האָט געצוואונגען די לערער צו ווערן די אַגיטאַטאָרן און די איניצי־אַטאָרן פון קויפן אַ היים פאַר דער אידישער פאָלק־שול. גלייכצייטיג זאָל דאָס דינען פאַר אַ קולטור צענטער; און דאָס זאָל זיין אין אַ קאָנצענטרירטן אידישן געגנט.

אמת, „די גרויסע געשעפט מענטשן" האָבן זיי אין אָנפאַנג אויסגעלאַכט, געשמייכלט איבער די פּראַקטישקייט און אויספירבאַרקייט פון קענען קריגן אַזאַ הויז, וואו מען זאָל איר קענען פאַרוואַנדלען פאַר אַ טעגליכע שולע, און גלייכצייטיק אין אַ קולטור צענטער.

אָבער די „מלמדים" האָבן געפונען אַזאַ הויז אין 420 נאָרט סאָטאָ סט.; נאָר די „ביזנעס" חכמים האָבן גע'טענה'ט, עס איז צו טייער. דער פּרייז פון דער הויז איז צו הויך. האָט מען דערוויל אָפּגעלייגט דעם „דיעל", פּרובירן זוכן ביליגערס. דער סוף איז געווען אַז מען האָט זיך אומגעקערט צו דער אויבנדערמאָנטער הויז.

ווען מען האָט באַנייט פאַרהאַנדלונגען מיט די הויז אייגענטימער, איז שוין דער פּרייז געהעכערט געוואָרן. מען האָט אַרויפגעשרויפט נאָך $500.00, אַ באַלוינונג פאַר זייערע געשעפטליכע וויטזיכטיגקייט . . .

מען האָט זיך גענומען צום איבערבויען די הויז. די חברים עמכ'איניקעס האָבן ביינעשטייערט זייערע שבת־זונטיקס פרייע צייט, צו העלפן אויסברעכן געווייסע ווענט און מאַכן פּלאַץ פאַר טעגליכע גרויסע קלאַסן, און אויך פּלאַץ פאַר קולטורעלע פאַרוויילונגען.

מיט דער אַרבעט איז געוואַקסן דער ענטוזיאַזם פון די חברים צום בויען אַ צענטער פאַר אַלע נאַציאָנאַלע טעטיקייטן פון דעם געגנט.

דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אונטער די פירערשאַפט פון דעם זייער עניוות'דיגן מתמיד און למדן, לערער ז. סקאָס. (בדרך אגב, מר. סקאָס איז איצט אינסטראַקטאָר אין דראָפּסיע קאַלעדזש, פילאַדעלפיע, אויף אָריענטאַ־לישע שפּראַכן.) און דער באַשיידענער זייער טעטיקער חבר נתן ריידער.
נ. ריידער איז דאָס געווען דער קויפער און דער פינאַנץ גאון פון לייען ביי חברים, פינפערלאַך, צענערלאַך, די גרעסטע סומע איז געווען אַ פופציקער. מיט די הלואות איז צוזאַמענגעקליבן געוואָרן די ערשטע סומע פאַר דער הויז איינצאָלונג.

די חברים לייערס איז געגעבן געוואָרן דאָס פאַרשפּרעכן:

1) אַז אי"ה וועט עס וועט פאַרקומען די אָפיציעלע דערעפענונג פון דער פאָלק־שול, וועט דאַך שטראָמען מענטשן מיט געלט צום איינקויפן מצוות... און אַ ביסעלע כבוד. און דער אָרימסטער אפילו וועט דאַך וועלן עפּעס אַן עליה איינקויפן, וועט אַריינפליִיצן גענוג געלט צו דעקען די ערשטע אויס־גאַבן, און ס'וועט נאָך עפּעס בלייבן אין קאַסע.

2) וועט יעדער צוריקקריגן זיין געלט בכבוד.

הכלל, ס'האָט טיילווייז געאַרבעט. דער ערשטער טייל — שוואַכער. ס'איז געווען אַסך טומל — ווייניג געלט...

האָט זיך אָנגעהויבן שיטן צרות אויף דעם אָרימן ריידער. אָבער ער האָט דאָס מקבל געווען באהבה. ווי זיין שטייגער איז תמיד געווען ביז זיינע לעצטע טעג פון זיין לעבן.

ענדליך איז דער בנין פאַרטיק געוואָרן, און די פאָלק־שול איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ טעגליכע.

די פרייד פון די חברים איז געווען אין לשיעור. די פאָלק הויז איז גע־וואָרן פּאָפּולאַר ביי דער אידישער אינטעליגענץ. אַלע זיינען געקומען זען און באַוואונדערן די גבורה פון אַן אידייע.

חברים און חברות האָבן זיך איינגעטיילט אין קאָמיטעס, און געפירט אַ קאַמפּיין פון אויפקלערונג צווישן דעם אידישן ישוב, ווי וויכטיק ס'איז אידישע קינדער דערציאונג. זייער אַגיטאַציע און ליטעראַטור פאַרשפּריי־טונג האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטן.

קינדער האָבן געשטראָמט פון פאַרשיידענעם עלטער. דער ערשטער זמן האָט אַריינגעבראַכט 120 קינדער.

ס'איז געווען פרייליך, לעבעדיק אין שולע און אַרום דער שולע, אַלץ האָט געלעבט און געבליט. (מיר זיינען דאָך אַלע, אין יענע טעג, געווען אינגער אויף אַ פערטל יאָר הונדערט.) מיר האָבן זיך ממש אין דער פאָלק־שול אויסגעלעבט. יעדער אויף זיין אופן האָט געפונען דאָרט זיין תיקון.

דער לימודים פּראָגראַם, איז נאָך דאַן ניט געווען אַ פעסט באַשטימטע.

זי האָט דורכגעמאַכט די זעלבע וואַקלונגען, ווי אין די אַנדערע מזרח שטאָטן. כאָטש די היגע שולע איז געבוירן געוואָרן מיט אַ צענדליק יאָר שפּעטער.

דער למודים-פּראָגראַם איז געווען מערסטנטייל אָפּהענגיג פון דעם לערער פּערסאָנאַל, — קאַפּריזן.

אויב די לערער זיינען געווען פּועלי ציון אידישיסטן, איז דער טראָפּ געשטעלט געוואָרן אויף אידיש מיט אַ פּועל ציוניסטישע אויסטייטשונג. זיינען געווען די לערער פּאַלקיסטן, איז שוין די פּועלי ציון אידעאָלאָגיע, אָדער בכלל אידעאָלאָגיע געווען אָסיר להזכיר. למשל, אויב די לערער זיינען געווען געוועזענע תלמוד-תורה לערער, דאַן איז דער טראָפּ געשטעלט געוואָרן אויף העברייאישע לימודים און סתם נאַציאָנאַליזם. דער נאָמען און אינהאַלט פון ראַדיקאַלע שולע איז דאַן ראַדיקאַל פאַרשוואונדן געוואָרן.

די לערער, אפילו, פלעגן אָנגעשטעלט ווערן פון אַ בילדונג קאָמיטעט, מיט געוויסע אינסטרוקציעס פון די פּועלי ציון חברים, אָבער אין מערסטנ־טייל פאַלן, זיינען די „תורה מבינים" (ב"ק) בלע"ז געווען אין זייער קול־טורעלן ניוואָ, נישט געשטאַנען העכער, ווי אין ת"ת'ס, די „עדיוקיישאָנאַל קאָמיטעס", אין יענע יאָרן.

אויב דער לערער קאַנדידאַט האָט געקענט מאַכן אַ גוטן איינדרוק, מיט זיין גלאַטן צונג, אָדער אַ רעקאָמענדאַציע פון אַ גלאַטן צונג — איז אַלץ געוואָרן כשר וישר.

אַזוי איז אָנגעגאַנגען ביז אַ געוויסער צופאַל, האָט אויפגעריסן די אויפ־מערקזאַמקייט פון אייניגע חברים, אַז דאָ, אָדער דאָרט, איז פאַראַן אַן אָפּנויג פון דעם פּ.צ. פּראָגראַם. און אויך אַ שאָטן איז געפאַלן אויף דעם לערערס פּעדאַגאָגישע קענטעניש. האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל, אַ גערודער, און ס'האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף זמן . . . ביים צווייטן זמן האָט כמעט זיך ווי־דערהאָלט דאָס זעלבע . . .

גלייכצייטיק דאַרף מען געבן דעם פאַרדינטן קרעדיט די חברים פּועלי ציון. זיי זיינען תמיד געווען איבערגעגעבן בלב ונפש, אַז די קינדער זאָלן קריגן אַן אידישע דערציאונג.

קיינער האָט נישט געשפּאָרט צייט, געזונט אָדער געלט. מיט דער גאַנ־צער ענערגיע האָבן זיי זיך איבערגעגעבן צו בויען די נאַציאָנאַלע אידישע שול באוועגונג.

איך דערמאָן נישט קיינע נעמען פון חברים, טוערס, ווייל אַלע אָן אויס־נאָם, האָבן געטאָן זייערע אידעאַלע אַרבעטן בשלמות.

מיט זייער ליבע און אייפער פאַר אידישע קינדער דערציאונג, האָבן זיי אָנגערעגט די מער סובטילע פיינפילענדע מיטגלידער פון אַרבעטער רינג, וועלכע האָבן אָן אויער און געפיל פאַר גייסטיגע ענדערונגען און רעגונגען אין אידישן לעבן.

אין ארבעטער רינג האָט אָנגעהויבן יערן דער געדאַנק פון אידישע קינ־דער דערציאונג. אייניגע האָבן געמאַכט א חשבון הנפש פון זייערע אייגענע קינדער דערציאונג: און געצויגן שלוסן: אז ווייטער קען אזוי נישט אָנגיין. ס'מוז קומען צו אַן ענדערונג. ס'האָט געשטורעמט און געברויזט אין זייערע קרייזן; פאַר און — קעגן אידישע דערציאונג. מער זיינען געווען קעגן אין אָנהויב. א קליינינקייט, אריינפירן נאַציאָנאַליזם, ח"ו שאָווניזם אין זייערע דלד אמות . . . זיי האָבן אַ לעבן לאַנג געהאָפּט און געחלומ'ט, אַז פעלקער וועלן פאַרשוואונדן ווערן. די שטאַטנלאָזע פעלקער וועלן פאַרשלונגען ווערן פון זייערע שטאַרקערע מאַסטער פעלקער. ספּעציעל שפּראַכליכע אַסימי־לאַציע איז זייער ווינשנווערט. אַלס פאַרפאַסטן פאַר פולער אסימילאַציע.

טו ווער איז נאָך מער צוגעפאַסט אויף אריינצושפּרינגען, אָדער ריכטי־גער געזאָגט, אריינגעשטויסן ווערן אין שמעלץ־טאָפּ צום ערשטן, מיט זייער שפּראַך און קולטור, אויב נישט די שטאַטנלאָזע אידן? ווי אין פּסוק שטייט: איר זאָלט זיין נס לגויים!

און דאָ פּלוצלונג, האָבן זיך אין זייערע רייען אריינגעריסן „קראַמאָל־ניקעס", ווילן אויפרייסן און צעשטערן זייער קאָסמאָפּאָליטישן חלום . . . . היתכן, ווי קען מען דאָס דערלאָזן? האָט געברויזט און געזאָטן אין זייערע רייען.

סוף כל סוף האָבן די רעבעלן געזיגט . . . מען וועט זיי דערלויבן פירן פאַרהאַנדלונגען מיט די פאַרשטייער פון דער פאָלק־שול.

תנאי אינסטרוקציעס איז געגעבן געוואָרן צו זייער קאָמיטעט:

1) אַז דער לימודים פּראָגראַם פון דער פאָלק־שול, זאָל געענדערט ווערן.

2) די אויפשריפט, פאָלק־שול, פון שילד זאָל אראָפּגענומען ווערן, און פאַרביטן ווערן — ארבעטער רינג שול.

נאָכדעם וועט מען קענען זיך צוזאַמענריידן וועגן געלט שטיצע און אַנ־דערע טעכנישע זאַכן. פאַרשטייט זיך, אַז דער שידוך איז נישט געשלאָסן געוואָרן. די באַדינגונגען זיינען געווען צו האַמענטעגע און שווערע, אַז קיין רייד האָט שוין נישט געקענט זיין, צו פירן ווייטערע פאַרהאַנדלונגען. אין פּשוטע ווערטער, ס'האָט געמיינט, מיר פועלי־ציון זאָלן זיך אויפלייזן.

דאָך, דער צייט־גייסט, טוט זיינס. אין עטליכע יאָרן שפּעטער, איז געבוירן געוואָרן אַן אידישע שולעביים ארבעטער רינג, אמת, אונטער דעם נאָמען ארבעטער רינג, אָבער אַן אידישע שולע. אין אָנהויב מיט א בלאָס אידישן לימודים פּראָגראַם, אָבער מיט דער צייט איז די שולע געוואקסן און געוואָרן רייפער פול בלוטיקער — אידישער.

היינט צו טאָג, האָבן ביידע טיפּן שולן, די פועלי־ציון און די ארבעטער רינג, — געשאַפן אַ שותפות'דיקע — מיטל־שול.

בכלל נענטערט זיך און ס'רייפט זיך אויס דער געדאַנק פאַר אַ פול־שטענדיקע צוזאַמענשמעלצונג פון די ביידע טיפּן שולן אין אַן — **איינס**.

לייזער מעלצער

# פינף און צוואנציק יאר ארבעטער רינג שולן אין לאס אנדזשעלעס

אין אן ארטיקל וואס דער ערשטער לערער פון די לאס אנדזשעלעסער ארבעטער רינג שולן, פריינד י. ברזלי, האט פארעפנטלאכט אין דעם ארבעטער רינג יובל בוך אין 1944, שרייבט ברזלי אז די שולן זיינען געגרינדעט געווארן מיט דריי און צוואנציק יאר צוריק.

איז גאר קיין ספק ניט אז די שולן האבן געשפילט א גוואלדיקע ראלע אין דעם לעבן פון היגן ארבעטער רינג, האבן אין א היבשער מאס געהאלפן געשטאלטיקן זיין גייסטיקע פיזיאנאמיע און האט אין גאר א גרויסער מאס געהאלפן אז דער ארבעטער רינג דא אין שטאט, פונקט ווי די אלע שולן איבערן גאנצן לאנד, זאלן ארויסשלעפן דעם ארבעטער רינג פון זיינע קאסמאפאליטישע און אסימילאטארישע טענדענצן און בּיסלאכוויים פארוואנדלען דעם ארבעטער רינג אין אן אמת פראגרעסיוון אידישן ארדן, וואו אידישקייט און מענשליכקייט זאלן גיין האנט אין האנט.

די וועלכע זיינען געווען ביי יענער היסטארישער קאנווענשאן פון ארבעטער רינג וואו עס איז מיט א מערהייט שטימען באשלאסן געווארן אז דער ארבעטער רינג זאל האבן שולן, געדענקען זיכער די ארגומענטן פון די געגנער, איבערהויפט פון איינעם אן אנפירער, וואס האט גאליק געענטפערט דעם ניט לאנג פארשטארבענעם שול און קולטור טוער נ. פיינערמאן, וועלכער האט ביי יענער קאנווענשאן פלאמיק פארטיידיקט דעם פארשלאג צו עפענען אידישע שולן, האט דער געגנער מיט כמעט טרערן אין די אויגן געשריען: „וואס ווילט איר פון אונדז? איר ווילט אונדז מאכן פאר אידן? מיר זיינען ניט קיין אידן, מיר זיינען מענטשן, מיר זיינען מענטשן!”

האט טאקע דער פארשטארבענער דר. חיים זשיטלאווסקי ארגומענטירט אז עס איז ניטא אזא זאך ווי סתם א מענטש, פונקט ווי עס איז ניטא אזא זאך ווי סתם א פויגל, עס קען זיין א נאכטיגאל, א פאפוגיי, א פאווע, ניטא אזא זאך ווי סתם א פויגל, און עס איז ניטא אזא זאך ווי סתם א מענטש. עס איז דא א פראנצויז, א דייטש, אן ענגלענדער, א איד, א רוס, א נארוועֿ

נער, אַ טערק, אַן אַראַבער. זיכער זיינען זיי אַלע מענטשן, אָבער אַ מענטש אַ טערק, אַ מענטש אַ רוס און אַ מענטש אַ איד.

און ווען עס איז דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס געעפנט געוואָרן די ערשטע שול, איז דער ענין אויך ניט גאַנץ גלאַט אַרונטער, עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ ביטערע מלחמה צווישן די שול מענטשן און די געגנער.

וועגן אָט דעם קאַמף אין לאָס אַנדזשעלעס שרייבט דער לערער ברזילי פאָלגענדעס:

„דער פּראַקציאָנעלער קאַמף בנוגע די אַרבעטער רינג שולן האָט זיך שטאַרק צעפלאַקערט אין לאָס אַנדזשעלעס, וואו די ערשטע אַרבעטער רינג שול איז געגרינדעט געוואָרן מיט 23 יאָר צוריק.

„ביי אונדזערע קאָסמאָפּאָליטישע בעלי־חלומות איז די שול געווען אַ נאַציאָנאַליסטישע נעסט, דורכגעדרונגען מיט דעם אתא בחרתנו גייסט, וואָס שטייט אין דינסט פון שאָוויניסטישן שטן, רחמנא לצלן, וואָס טוט כל מיני שמאַד שטיק מעכב זיין דעם פּראָג—רעס פון דער וועלט. זייער קנאישע קאַמפּס־לוסטיקייט און פאַרביטערטע קעגנערשאַפט צו דער שול האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַז קוים וועט זיך זיי איינגעבן זי צו פאַרניכטן, וועט שוין דורך דעם אַליין קומען די קאָסמאָפּאָליטישע גאולה.

„די שול טוער האָבן נאַטירלאַך אויך ניט געשוויגן, זיי האָבן מיט טאַקט און ווירדע צוריקגעשליידערט אַלע אַטאַקעס, זייענדיק איבערצייגט, אַז דער אמת איז אויף זייער צד. סוף כל סוף האָבן זיי דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס אויסגעקעמפט די עקזיסטענץ רעכט פון דער אַרבעטער רינג שול, וואָס איז היינט צו טאָג דער שטאָלץ פון אונדזער גרויסן אָרדן.”

די גרינדער און טוער פון די אַרבעטער רינג שולן האָבן נאָך מיט אַ פערטל יאָר הונדערט צוריק פאַרשטאַנען, אַז כדי צו שאַפן אַ געזונט אידיש לעבן, מוז די יוגנט, וואָס איז די צוקונפט פון פאָלק, דערצויגן ווערן ווי באַוואוסט־זיניקע אידן, כדי זי זאָל פאַרבינדן איר צוקונפט מיט דעם שיקזאַל פון די אידישע מאַסן אין דער גאַנצער וועלט. די שול האָט באַצוועקט צו זיין דער גייסטיקער בריק, וואָס זאָל פאַראייניקן דאָס אידיש קינד מיט זיינע עלטערן און זאָל אין דער זעלבער צייט זיין דער יסוד וואָס זאָל פאַראייניקן דאָס אידיש קינד מיט דעם גאַנצן אידישן פאָלק.

צוליב דעם האָט זיך די שול געשטעלט אַלס אויפגאַבע איינצופלאַנצן אין קינד דעם באַוואוסטזיין צו זיין געשיכטלאַכן גורל און אַז ער זאָל אין זיך איינזאַפּן יענע וואונדערבאַרע קולטור אוצרות וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געשאַפן אין משך פון זיין געשיכטע און ער זאָל קענען אויף ווייטער קייטלען די גאָלדענע קייט פון אידישער קולטור. זיי זיינען אַרוים מיט

דעם געדאַנק אַז היות ווי דאָס אידישע פאָלק שטעלט מיט זיך פאָר אַן אייגנ־אַרטיקע קאָלעקטיווע גרופע מיט ספּעציפיש קולטור עקאָנאָמישע אינטערעסן, און היות ווי די צוקונפטיקע געזעלשאַפט וועט זיין באַזירט אויף יסודות פון אַ פרידלאַך צוזאַמענלעבן פון פעלקער, וואָס וועלן בילדן אַן האַרמאָנישן כאָר, אַ כאָר וואָס זאָל ניט האָבן קיין דיסאָנאַנץ פון שטימען און וואו יעדע שטימע זאָל ניט פּרובירן איבערשרייען די אַנדערע, טאָר די אידישע שטימע אין דעם וועלט כאָר ניט פאַרשטומט ווערן.

אַז די אַרבעטער רינג שולן זיינען אין לאַנד געגרינדעט געווערן, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף גאָר גרויסע שוועריקייטן פון ביידע עקסטרעמען, סיי פון דעם אַסימילאַטאָריש־ראַדיקאַלן אידן און סיי פון די רעליגיעזע אידן.

די אַזוי גערופענע ראַדיקאַלן האָבן ניט געוואָלט שיקן זייערע קינדער אין די שולן, ווייל זיי זיינען אידיש, סטייטש, האָבן זיי געטענה'ט, אַ לעבן זיינען זיי געוועזן פריידענקער, אַרויסגעוואָרפן אידישקייט דורכן טיר און די טיר גוט פאַרשפּאַרט, קומט איצטער די שול און שפּאַרט אידישקייט דורך די פענסטער.

האָבן טאַקע אָט די אַזוי גערופענע ראַדיקאַלן פאַרלאָרן אַ דור, אַ סאַך פון זיי קענען דאָס איצטער זיך אַליין ניט מוחל זיין, זייערע קינדער זיינען אויסגעוואַקסן טאַקע ניט קיין אידן, אָבער פון די וועגן פון די עלטערן, האָבן זיי אָפּגעווייכט. אָט די מענטשן האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז אויסער לערנען מיט די קינדער אידיש און אידישע געשיכטע האָבן זיך די אַרבעטער רינג שולן געשטעלט אַן אויפגאַבע איינצופלאַנצן אין די קינדער, אַז היות ווי דאָס אידישע פאָלק איז געקניפּט און געבונדן מיט דעם גורל פון אַ פרייער מענטשהייט, וואָס וועט זיין געבויט אויף די פּרינציפּן פון יושר און גערעכטיקייט, דאַרף די שול באַקענען די קינדער מיט די הערלעכע פרייהייטס חלומות וואָס האָבן באַהויכט טרוימער אין אַלע צייטן און ביי אַלע פעלקער אין קאַמף פאַר אַ שענערער און בעסערער וועלט.

די אַרבעטער רינג שול האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו קולטיווירן ביים קינד דעם געפיל פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט און פּראָטעסט קעגן שקלאַפעריי און אונטערדריקונג. די קינדער וואָס אַ דאַנק די שולן, האָבן געקראָגן אַן אָנרעגונג צו אַ העכערער לעבנס מאָראַל, וואָס דינט אַלס וועג־ווייזער פאַר אַ שענערן מאָרגן.

האָבן דאָס אונדזערע אַסימילאַטאָרישע ראַדיקאַלן ניט פאַרשטאַנען און האָבן אַזוי פאַרלאָרן אַ דור פון אונדזער יוגנט, וואָס איז ניט אַהער און ניט אַהין.

פון צווייטן זייט איז גאָר ניט לייכט געוועזן דורצוברעכן זיך אַ וועג צו

דער ברייטער אידישער גאַס, די סתם אידן האָבן געקוקט קרום אויף דער ארבעטער רינג שול, ווייל זיי האָט זיך עפּעס ניט געלעגט אויפן שכל, אַז מען קען געבן אַ אידישע דערציאונג אָן רעליגיעזע צערעמאָניעס, אָן רעלי־גיעזן אונטערריכט.

דאָ, ווי אין אַנדערע שטעט האָבן די רעליגיעזע אידן אָנגעפירט אַ העפּ־טיקן קאַמף געגן די אַרבעטער רינג שולן. עס איז גאָרניט אַזוי לייכט געווען צו צעברעכן אָט די געגנערישע וואַנט, אָבער די איבערגעבנקייט פון די שול טוער און קולטור מענטשן איז די וואַנט טיילווייז געבראָכן געוואָרן. דער בעסטער באַווייז איז אַז היינט צו טאָג, אָנערקענט די ביורא פון אידישער דערציאונג אונדזערע אַרבעטער שולן און שטיצן די שולן אויף אַ באַדייטענדן אופן, פּונקט ווי די אַנדערע שולן און תלמוד תורה דאָ אין שטאָט.

אָבער דער וועג פון דער אַרבעטער רינג שול איז גאָרניט געווען פאַר־שפּרייט מיט בלומען. ווי די שול האָט זיך נאָר אַביסל איינגעפונדעוועט אויף דער אידישער גאַס, ווי ניט איז באַקומען „בירגער רעכט”, איז אַ נייע צרה געקומען וואָס האָט שיער אַ תּל געמאַכט פון דער גאַנצער אָנגעשטרענג־טער אַרבעט מיר מיינען די היסטאָרישע שפּאַלטונג אין אַרבעטער רינג, וואָס האָט אונדזער שטאָט ניט אויסגעלאָזן.

די לינקע עלעמענטן האָבן אין גאַנצן לאַנד פאַרכאַפּט די מערסטע אַר־בעטער רינג שולן. דאָ אין שטאָט האָט מען די שול ניט געקענט פאַרכאַפּן, האָט מען כאָטש פאַרכאַפּט די הויז וואו די שול איז געווען, אויפגעהאַנגען אַ שלאָס אויפן טיר און די קינדער און לערער ניט אריינגעלאָזן, און — פאַרטיק!

מיט דעם האָט מען פּאַקטיש פאַרזיכערט די אַרבעטער רינג שול, ווייל ניט נאָר פריינד פון די שולן נאָר אפילו אַלע פּרינציפּיעלע געגנער פון די שולן אין אַרבעטער רינג, האָבן זיך אריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, און ווען מען האָט פאַרמאַכט די טירן פון שול אויף קאָרנער סאָטאַ און ברוקלין עווענוי, וואו די שול איז דאַן געווען, האָט די פאַרוואַלטונג פון שול צוזאַ־מען מיטן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד געדונגען אַ הויז אויף סינסינעטי גאַס און די שול איז געוואַקסן ווי אויף הויוון.

די אַרבעטער רינג שולן דאָ אין שטאָט האָבן געהאַט מזל צו לערער, כמעט אַלע בעסטע לערער פון לאַנד האָבן געלערנט דאָ אין שטאָט. עס איז גענוג צו דערמאָנען די נעמען פון ברזלי, קלעוועגס (מראַטשני) וואַלד־מאַן, פּיין (פאַניבעריע) און די איצטיקע לערער. דאָס זיינען אַלע גוט באַקאַנטע פּעדאַגאָגן, באַקאַנט איבערן גאַנצן לאַנד.

אַ דאַנק אונדזערע שולן זיינען די קינדער געקומען אין דירעקטן קאָנ־

טאַקט מיט פּולסירנדן אידישן לעבן דאָ און אומעטום. ווער עס האָט ניט געזען מיט די אייגענע אויגן ווי אין אַלע דריי שולן פון אַרבעטער רינג דאָ אין שטאָט, אַרבעטן די קינדער מיט אַ הייליקן געפיל צו זאַמלען הילף לטובת די קרבנות פון נאַציזם, ווי אַזוי זיי ברענגען זייער נאַשעריי געלט צו העלפן צוריק בויען דעם מעדעם סאַניטאַריום, אין שייכות מיט דער אַקציע פון אידישן אַרבעטער קאָמיטעט, יענע קענען ניט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ גרויסע פּעולה עס האָבן אויף אונדזערע קינדער די שמועסן וואָס די לערער פירן מיט זיי אָן וועגן טאָג טעגלאַכע פראַגן.

זיכער זיינען די שול טוער ניט צופרידן מיט די רעזולטאַטן פון דער אַרבעט, זיכער האָבן זיי געוואָלט בעסערע רעזולטאַטן, אָבער די שולד ליגט ניט אין דעם וואָס די שולן זענען ניט ווי זיי וואָלטן געדאַרפט זיין, עס ליגט גיכער אין דעם וואָס ניט האָבנדיק די אידישע היים־סביבה, איז פּשוט ווייניק די עטלאַכע שטונדן אַ וואָך, וואָס מען גיט די קינדער אין די איצ־טיקע צוגאַב שולן; מען מוז זיך פאַרטראַכטן, אַז צוליב די גרויסע ענדע־רונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן, וועט מען אפשר דאַרפן אויך איבערבויען אונדזער שול סיסטעם אַזוי, אַז אנשטאָט צוגאַב שולן, זאָלן מיר האָבן טאָג שולן, וואו זיי זאָלן לערנען אידישע און אַלגעמיינע לימודים דעם גאַנצן טאָג. מיר ווייסן פריער, מען וועט זאָגן, אַז עס איז אַ חלום, אַ פאַנטאַזיע, אָבער ניט איין חלום פון פאַנטאַזיאָרן איז שוין געוואָרן אַ רעאַליטעט. מיר זיינען זיכער, אַז מיט אַ געהעריקער אנשטרענגונג וועט דאָס קיין חלום ניט זיין.

וואָס עס האָט געקענט געטאָן ווערן אין אונדזער שכנישער קענעדע, אין די שטעט מאָנטרעאָל, וויניפּעג און טאָראָנטאָ, וואָס עס איז מעגלאַך געווען אין מעקסיקאָ סיטי, איז אויך מעגלאַך אין לאָס אַנדזשעלעס. מיר האָבן שוין ניט איין מאָל געוויזן, אַז לאָס אַנדזשעלעס קען אין געזעלשאַפט־ליכער אַרבעט ווייזן אַ ביישפּיל פאַר אַמעריקאַ, און עס איז גאָר ניט אויס־געשלאָסן אַז מיר זאָלן איצטער קענען אויך דעם חלום מאַכן פאַר אַ רעאַליטעט.

סימא גאָלדבערג

# צוועלף יאָר לייען קרייזן אין לאָס אַנגעלעס

נאָך ברויט אויפצוהאַלטן דעם גוף
קומט דאָס בוך אויפצוהאַלטן די נשמה.

צוועלף יאָר איז ניט קיין לאַנגע צייט אין דעם לעבן פון א יחיד, און זיכער ניט קיין לאַנגע צייט אין דעם לעבן פון א באַוועגונג.

זיינען אָבער די לייען קרייזן א דערשיינונג אויף דער אידישער גאַס אויף וועלכער עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן.

א באַוועגונג וואָס ווערט געגרינדעט לשמה איז פיל שווערער אָנצו־האַלטן איידער א פילאַנטראָפּישע באַוועגונג. צוועלף יאָר קולטורעלע אַרבעט וואָס דער אָנהויב איז געווען א ווייטער חלום, א וויזיע אפילו פאַר אונדזערע אָפּטימיסטישע חברות, זעענדיק איצט דעם חלום פאַרווירקלאכט שטעלן מיר זיך אָפּ צו וואַרפן א בליק אויף דער פאַרגאַנגענהייט מיט א שטיקל חשבון הנפש.

אין דער סטאַדיע פון אונדזערע ערשטע קולטורעלע טריט האָבן מיר געפילט אַז מיר זיינען גערופן צו זיין די פּיאָנערן פאַר א קולטורעלע פרויען באַוועגונג באַ אונדז אין שטאָט. האָט זיך אָבער געשטעלט די פראַגע צו זיינען מיר אָבער דערצו באַרופן, צו פאַרמאָגן מיר אין זיך יענע פּאָטענצי־עלע כוחות, די גייסטיקע פעהיקייטן צו נעמען אויף זיך אַזא הייליקע מיסיע? די אחריות איז נאָך שאַרפער געוואָרן ביי דעם געדאַנק, אַז אונדזער ערשטער לייען קרייז דאָ אין שטאָט טראָגט דעם נאָמען פון אונדזער באַגאַבטן און חשובן דיכטער, „ה. רויזענבלאַט”. א נאָמען אויף א לעבעדיקן מענטשן, דאָס איז דאָך א וועקסל, א חוב וואָס מען מוז צאָלן מיט ווירדע, א נאָמען וועלכן מיר דאַרפן שאַצן און ערלעך האַלטן.

מיט ערנסטן גלויבן אין זיך, מיט אידישן עקשנות, זיינען מיר צוגע־טראָטן צו דער קולטורעלער אַרבעט, וועלכע האָט נאָך צוועלף יאָר געבראַכט ממשותדיקע רעזולטאַטן.

אָבער, — על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון.

אין דעם יאָר 1931 איז אונטער דער איניציאַטיווע פון מיין וויניקייט

געגרינדעט געוואָרן בײַ מיר אין הויז אַ שטודיר פון געצײלטע פרויען מיטן אײנציקן צוועק צו הויבן די חשיבות פון דער אידישער שפּראַך מיט וועלכע מען האָט זיך אָנגעהויבן אונטערשעמען; אַראָפּווישן דעם שטויב פון אי־דישן בוך, וועלכע האָט זיך געגומען אריינעסן אין די גוטע, אַלטע אידישע אותיות; מיר האָבן זיך דערמאָנט (כאָטש מיר האָבן אינגאַנצן ניט פאַרגעסן) אָן דעם פאַריתומטן בוך, וואָס איז פאַרשעמט געלעגן אויף די פּאָליצעס פון דער שטאָט־ביבליאָטעק.

די זיצונגען זײַנען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פּרײַטיק־צו־נאַכט אין די היימען פון די חברות, וועלכע האָבן צו יעדער זיצונג אײנגעלאַדן געסט, די אָוונטן זײַנען געווען פון אַ היפּש קולטורעלן ווערט און זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אמתן „עונג שבת”. פון צייט צו צייט פלעגן מיר אײנלאַדן חבר אַסמאַן פאַר אַ פאָרלעזונג. אַ גאַר אָפטער גאַסט איז געווען בײַ אונדז חבר חיניץ (איצט אין ארץ ישראל), וועלכער פלעגט באמת באַרײַכערן אונדזערע פאַרזאַמלונגען מיט זײַנע אינהאַלטסרײַכע לעקציעס איבער דער העברעאי־שער ליטעראַטור. די קולטורעלע פרײַטיק־צו־נאַכטן זײַנען געוואָרן אַ שם דבר, די קלײנע גרופּע איז זיך באַלד צעוואַקסן אין אַ גרויסער מיטגלידער־שאַפט. מיט מײַן אָפּפאָרן אין דער „איסט” פאַר אַ לענגערע צייט, זײַנען די קולטורעלע אָוונטן אָפּגעשוואַכט געוואָרן און עס האָט ניט לאַנג גענומען, און צו מײַן גרויס באַדויערן, איז די קולטורעלע גרופּע צעפאַלן געוואָרן.

דער ערשטער לייען קרייז, וואָס האָט זיך געגרינדעט אָננעמענדיק דעם נאָמען „ה. רויזענבלאַט”, אינם יאָר 1933, און האָט זיך געוואַרעמט אונטער דער השפּעה פון חשובן שריפטשטעלער, ש. מיללער, איז אָרגאַניזירט גע־וואָרן פון בתיה גאָלד (זכרונה לברכה). זי האָט אײנגעלאַדן עטלאַכע פרויען פאַר דעם צוועק צו גרינדן דעם שוין דערמאָנטן לייען קרייז. די פרויען זײַנען גלייך באַגייסטערט געוואָרן פאַרן געדאַנק זיך אויסצולעבן אין אַ אידיש־ליטעראַרישער סביבה אויף אַ אידיש קולטורעלן אופן. אַזוי איז יענעם אָוונט געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער לייען־קרייז, „ה. רויזענ־בלאַט”.

די ערשטע זיצונגען זײַנען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַלע מיטוואָך אָוונט אין ברוקלין עווע. אין דעם אָפיס פון דר. רובין. קליין אין צאָל, אָן אַ פּראָגראַם, אָן אַ וועג ווייזער, אָן קוואַלן פון וואַנען צו שעפּן אינפאָרמאַציע וואָס און ווי אַזוי צו לייענען, צו זאָל מען אָנפאַנגען פון די אידישע קלאַ־סיקער אָדער גאָר פון דער סאַמע מאָדערנער ליטעראַטור, צו זאָל מען אײנלאַדן חשובע לעקטאָרס? נאָך פילע דיסקוסיעס האָבן מיר געשטעלט דעם טראָפּ אויף זעלבסט־בילדונג. וואָס ווייניקער מיר וועלן זיך פאַרלאָזן אויף דרויסנדיקע כוחות, אַלץ גרעסער וועלן זײַן אונדזערע דערגרייכונגען, מיר וועלן זיכער מאַכן טעותים, אָבער דורך זיי וועלן מיר לערנען—

אזוי זיינען חברות געצוואונגען געווען אליין צוגרייטן א קורצע לעקציע, אן איבערבליק איבער א בוך, לויפענדע נייס. די אונטן זיינען געוואָרן אלץ מער אינטערעסאַנט דורך די דיסקוסיעס.

די ערשטע איינלייטונג איז געווען „וואָס מיינט אידישע קולטור פאַר אונדז אידישע פרויען". דער ענטפער: דאָס איז דער דראַנג אָפּצוהיטן אונדזער לשון, אונדזער גייסטרייכע אידישע קולטור אוצרות, זיך באַקאַנען מיט אידישער געשיכטע, וואָס איז אויך גלייכצייטיק אידישע ליטעראַטור, ווייטער שפּינען דעם פאָדים פון די נביאישע שטרעבונגען פאַר סאָציאַלע גערעכטע יסודות, וואָס דערמעגלאַכן א בעסערע אָרדענונג, — ועל כולם הויבן די חשיבות פון אידישן בוך. דאָס איז פאַרשטייט זיך אין קורצן — אידישע קולטור, וואָס דאַרף ווערן אונדזער פּראָגראַם, וואָס מוז אלץ מער און מער פאַרשפּרייט ווערן אויף דער אידישער גאַס.

בכדי אריינצוקדיגן מער פרויען פאַר אונדזער לייען קרייז האָבן מיר אָנגעהויבן אָפּצוהאַלטן אונדזערע זיצונגען אין די הייזער פון די חברות. אזוי האָט אָנגעהויבן וואַקסן אונדזער השפּעה דורך די אינהאַלטסרייכע צוזאַמענטרעפן. א חברה, וואָס האָט זיך געפילט קאָמפּעטענט, האָט גע־געבן אַן איבערבליק איבער א געוויסן דיכטער און נאָכער האָט מען גע־לייענט און געשטודירט זיינע ווערק. אָנפאַנגענדיק מיט די קלאַסיקער מענדעלי, פּרץ און שלום עליכם איז מען נאָכער איבערגעגאַנגען צו די ווערק פון די אינגערע דיכטער, אָפּשאַטאָוו, לייוויק, ה. רויזענבלאַט, רדזין, א. א. וו. מען האָט פּלאַנמעסיק שטודירט אידישע געשיכטע. פון צייט צו צייט זיינען געגעבן געוואָרן אָפּהאַנדלונגען איבער אידישע ימים טובים, וועלכע שפּיגלען אָפּ דעם פילפאַרביקן לעבענס־שטייגער פון אונדזער פאָלק פון גאַנצע דורות. אזוי אַרום האָט זיך באַ אונדזערע מיטגלידערינס אַנט־וויקלט א געפיל פון דרך־ארץ פאַר דער אידישער קולטור, פאַרן אידישן פאָלק; פאַר זיין שפּראַך און פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום.

דער צווייטער לייען קרייז אונטערן נאָמען „חיים גאָלדבלום". אַרום דעם לאָס אַנגעלעסער אידישן קולטור קלוב האָבן זיך געפונען א גרופּע פרויען, וואָס האָט עקזיסטירט ווי א לייען קרייז אַרום דעם ל. א. קלוב. מחמת דעם טויט פון חשובן „חיים גאָלדבלום", סעק. פון ל. א. קולטור קלוב, האָבן די פרויען באַשלאָסן אין כבוד פון פאַרשטאָרבענעם, זיך צו רופן „חיים גאָלדבלום לייען קרייז".

די אויבנדערמאָנטע 2 לייען קרייזן האָבן דערפילט, אז זיי זיינען באמת באַרופן פאַר א מיסיע צו פאַרשפּרייטן אלץ מער אונדזער פּראָגראַם צווישן די אידישע פרויען, צו פאַרשפּרייטן אלץ מער די אידישע שפּראַך, דאָס אידישע בוך צווישן די מאַסן, פאַר דעם צוועק איז נויטיק אלץ מער פרויען לייען קרייזן. אזוי ווערט אונטער מיין איניציאַטיווע געגרינדעט דער „דוד

פינסקי לייען קרייז״, וועלכער טראָגט הויך און שטאָלץ דעם נאָמען „דוד פינסקי״. מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז קיין פרעמדע שפּראַך, קיין פרעמדע קולטור קאָן קיינמאָל ניט זעטיקן אונדזער נשמה, פאַרנעמען דאָס אָרט פון אונדזער אייגענע קולטור.

## קנאת סופרים תרבה חכמה.

אונדזערע לייען קרייזן קאָנסטאַטירן מיט שטאָלץ דעם פאַקט: אַז אַ דאַנק אונדזער דערציערישע קולטורעלע אַרבעט האָבן פילע חברות אונדזערע, גובר געווען דעם מינדערווערטיקן קאָמפּלעקס, גובר געווען די מורא פאַר עפנטלאַכע אַרויסטרעטונגען, עס האָבן זיך אַנטפּלעקט די גייסטיקע כוחות, וועלכע האָבן געדרימלט אין זייער אונטער־באַוואוסטזיין, וועלכע זיינען פריער ניט אויסגענוצט געוואָרן. פילע פרויען, וועלכע האָבן קיין אידיש ניט געקענט און אוודאי קיין אידיש ניט געלייענט, — האָבן אַ דאַנק אונדזערע לייען קרייזן זיך אויסגעלערנט רעדן און לייענען אידיש. זיי האָבן פּלוצלים אַנטדעקט, אַז מיר האָבן אַ גייסטרייכע אידישע ליטעראַטור אויף וועלכע מיר קאָנען שטאָלץ זיין. אָט דער באַוואוסטזיין, אַז מיר האָבן זיך ניט מיט וואָס צו שעמען, אַז אונדזער קולטור שטייט ניט נידריקער פון דער פרעמדער, איז געווען דער מאָטיוו, די טרייב־קראַפט וואָס האָט גורם געווען אַז פילע פרויען זאָלן זיך אָנהויבן גרופּירן אין לייען קרייזן כדי ניט צו זיין אינטערשטעליק לגבי אַנדערע. אַזוי ציילן מיר איצט 8 גוט שטייענדיקע לייען קרייזן אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט, מיט אַ באַדייטנדער מיטגלידערשאַפט, וואָס פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט אין היגן געזעלשאַפטלאַכן און קולטורעלן לעבן. די נעמען פון אונדזערע לייען קרייזן: ה. רויזענבלאַט, ח. גאָלדבלום, דוד פּינסקי, חיים גרינבערג, אסתר שומיאַטשער. אַ לייען קרייז ביי די אַרבעטער רינג שולן: „לייוויק״, „משה לייב האַלפּערן״, און אַ 9־טער, וועלכער האַלט זיך איצט אין גרינדן — די אַלע לייען קרייזן זיינען פאַרבונדן דורך אַ קאָונסיל. די חברות פון די אויסגערעכנטע לייען קרייזן אָרדנען אַלע חודש איין אַ לעקציע, אָדער אָראַנזשירן אַן איבערבליק איבער אַ געוויסן בוך אונטערן אויפזיכט פון קאָונסיל. די לעקציעס ווערן גוט באַזוכט, עס איז באמת אַ נחת רוח צו זען אויף וויפיל די חברות פון די לייען קרייזן האָבן זיך פאַר די צוועלף יאָר גייסטיק אַנטוויקלט. מיט חשיבות נעמט אונדזער קאָונסיל אויף די שריפטשטעלערס, וועלכע באַזוכן אונדזער שטאָט. מיר פאַרשפּרייטן זייערע ביכער, מיר שטיצן אויך די נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע אידישע קולטור אינסטיטוציעס, ווי: איוואָ, דעם אידישן סעמינאַר און די אידישע אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע.

## טענות צו די לייען קרייזן.

די לייען קרייזן ווערן לעצטנס אָפט קריטיקירט צוליב זייער אַנטייל

נעמען אין פֿארשידענע געלט קעמפּיינס לטובות אונדזער אומגליקלאך פֿאָלק. איז די קריטיק אַ בארעכטיקטע? „אחד העם" האָט אמאָל געשטעלט די האַרצרייסנדע פראַגע: „הארץ כי תחרב והעם עודנו מלא חיים וכוח, ויקימו לה זרובבל, עזרא ונחמיה וישבו ליבנוה שנית, אבל העם כי יחרב, מי יקום לו ומאין יבוא עזרו?" (אַ לאַנד אויב עס ווערט וויסט, אָבער דאָס פֿאָלק בלייבט געזונט און שטאַרק, וועלן קומען אַזעלכע ליכטיקע גייסטער ווי אַ זרובבל, אַ עזרא און אַ נחמיה און זיי וועלן דאָס לאַנד צוריק אויפבויען, אָבער ווען אַ פֿאָלק ווערט אומגעבראַכט — ווער וועט אים קומען צו הילף?)

עס איז דער גורל פֿון אונדזער דור צו זען דעם אומקום פֿון אונדזער פֿאָלק — ניט דורך ביכער — נאָר מיט אונדזערע אייגענע אויגן, אַ דריטל פֿון אונדזער פֿאָלק אומגעקומען, וועמעס הארץ האָט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק צו דעם אייביקן וויי געשריי, „מאין יבוא עזרי!" פֿון די האַלבטויט לעבן־געבליבענע, דאָס געוויין פֿון די פֿאַריתום'טע קליינע קינדערלאַך האָבן אונדזער רו געשטערט בײַ טאָג און שלאָפֿן ניט געלאָזט בײַ נאַכט. אודאי האָבן די פרויען פֿון די לייען קרייזן אין דער גרויליהאַפטער שעה פֿון אונדזער פֿאָלק'ס קאַטאַסטראָפֿע געמוזט אַביסעלע פֿאַרבויגן אונדזער קולטורעלע פּראָגראַם און בלב ונפש ווידמענען אַ טייל צייט צו רעטונגס אַרבעט און אויף וויפֿיל מעגלאַך טיילווייז בארואיקן דעם אייגענעם געוויסן.

זאָל אונדז דער משפּטן, ווער עס האַלט אונדזער רעטונגס אַרבעט פֿאַר אַ זינד! פֿול מיט בטחון אויף בעסערע צייטן פֿאַר דער מענשהייט בכלל און פֿאַר אונדזער פֿאָלק בפרט, מיט בטחון, אַז דאָס בוך וועט סוף כל סוף גובר זײַן עשו'ס שווערד. עס וועלן ווייטער אַנטשטיין רואיקע צייטן, וועלן די לייען קרייזן מיט מער מוט און באַנייטע כוחות זיך אָפּגעבן בלויז מיט קולטורעלע אַרבעטן; פֿאַרשפּרייטן די אידישע ליטעראַטור, דערהויבן די אידישע שפּראַך, דאָס אידישע בוך, — די גאַנצע אידישע קולטור.

י. לעוויט

# געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע ראָלע פונ'ם אַרבעטער רינג אין לאָס אַנדזשעלעס

אין לאָס אַנדזשעלעס איז דער ערשטער ברענטש פון אַרבעטער רינג געגרינדעט געוואָרן ביים סוף יאָר 1908. די מיטגלידער, אַזוי ווי אין די מערסטע ברענטשעס, זיינען מערסטענס געווען אַרבעטער און פּעדלער וועלכע זיינען געווען ראַדיקאַל געשטימט און זיך ניט געקענט איינלעבן מיט די מנהגים פון דעם אָרדען ברית אברהם, וועלכער האָט אויך אין לאָס אַנדזשעלעס געהאַט אַ לאַדזש; און פון די אָנגעקומענע עמיגראַנטן פון די איסטערן שטעט, וועלכע האָבן שטאָלצירט מיט זייער אָנגעהעריקייט צום אַרבעטער רינג.

דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות איז אָנגעקומען אין לאָס אַנדזשעלעס אין אָנפאַנג פעברואַר, פון יאָר 1910, און איך האָב דאַן געפונען דעם איינציקן ברענטש אַרבעטער רינג, ברענטש 248, פאַרוויקלט אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטליכע פראַגן און פּראָבלעמען, כאָטש דער ברענטש איז דאַן געווען בלויז איין יאָר אַלט.

אין יענע יאָרן האָט אַ געזעלשאַפט אין ניו יאָרק, וואָס האָט זיך גערופן דער „רעמוואוועל אָפיס", וועלכע האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן וואָס מער פון אידישע בעל־מלאכות און אידן וואָס זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין פאַרמעריי, — אין דער וועסט, און אין די סאַוטה. די געזעלשאַפט האָט געזאָרגט אַרויסצופטרן וואָס מער פון די דאָזיגע בעל־מלאכות, פון ניו יאָרק. נאָכדעם אָבער האָבן זיי ווייניק זיך געזאָרגט וועגן איינאָרדנען די אוועקגעשיקטע מענטשן אויף די באַטרעפנדע ערטער. אַזעלכע מענטשן האָט מען אויך געשיקט קיין לאָס אַנגעלעס. דאָס רוב פון די איבערוואַנדערער זיינען געווען „קבצנים אין זיבן פּאָלעס", און זייער הילפלאָזע לאַגע אין לאָס אַנגעלעס איז געווען אַ שרעקלעכע.

לאָס אַנגעלעס, ווי באַוואוסט, איז ביז ניט לאַנג צוריק געווען ניט קיין אינדוסטריעלע שטאָט און אויך ניט קיין אָרגאַניזירטע שטאָט. די ווידזשעס זיינען געווען די קלענסטע און אַרבעט איז געווען ווייניק. זיינען די עלנדע איבערוואַנדערער געקומען צום אַרבעטער רינג באַקלאָגן זיך אויף דער פּי־

רערשאַפט און מיסרעפּרעזענטאַנץ פון רעמואוועל אַפיס און פאַרלאַנגט מיר זאָלן זיך אָננעמען זייער קריוודע. די אַרבעטער רינג מיטגלידער האָבן געשריבן צו זייער נאַציאָנאַלן אָפיס אין ניו יאָרק זיי זאָלן דאָרטן אויפנעמען מיט די הויפט בעאַמטע פון דעם „רעמואוועל אָפיס", און די אינטערווענציע פון אַרבעטער רינג ברענטש האָט געבראַכט הילף צו די עלענדע און פאַרצווייפלטע וואַנדרער.

אין יענע יאָרן פלעגן אויך זייער פיל קראַנקע אַרבעטער געשיקט ווערן קיין לאָס אַנגעלעס פון די שטעט אין די איסט. ספּעציעל פלעגט מען קיין לאָס אַנגעלעס שיקן די יונגע מענער און פרויען וואָס זיינען אָנגעגריפן געוואָרן אויף דער טובערקולאָז קרענק.

די אידישע געמיינדע אין לאָס אַנגעלעס מיט 35 יאָר צוריק איז געווען קליין. אַחוץ דעם איינציקן ברענטש פון אַרבעטער רינג און דעם לאַדזש פון אָרדן ברית אברהם זיינען קיינע אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס ניט געווען. אפילו שולן זיינען געווען ווייניק. די אַליוו סטריט שול אויף אַליוו און טעמפּל סטריט איז געווען די איינציקע אָרטאָדאָקסישע שול. אויך איז די צדקה פעדעראַציע דאַן ערשט אָרגאַניזירט געוואָרן, און אגב אויף זייער אַן ענגהאַרציקן אופן. דער קליינציקער אידישער האָספּיטאַל פון דער „פעדעראַציע" האָט געהאַט „געמופט" פון סאָנסעט בולוואַרד און סענטעניעל סטריט, ווייט, אויף וואַהיטיער בולוואַרד, נאָענט צו דער „האָום אָוו פּיעס סעמעטערי". עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַזוי ווי די יאַהודים זיינען אַנטלאָפן מיט זייער האָספּיטאַל וואָס ווייטער פון אידן און פון מענטשן, ווייל קיין אידן (אויסער מתים) זיינען אויף וואַהיטיער בולוואַרד און אינדיאַנאַ סטריט דאַן ניט געווען.

די אָרימע אָנגעגריפענע אויף טובערקולאָזיס וועלכע זיינען קיין לאָס אַנגעלעס געשיקט געוואָרן זיינען אָנגעקומען עלנד און הילפלאָז, אָנקומענדיק האָבן זיי באַקומען אַ זייער קאַלטע אויפנאַמע. געווענליך גענוג געלט צו גיין אין אַ האָטעל האָבן זיי ניט געהאַט. אין פּריוואַטע היימען האָט מען די קראַנקע ניט אַריינגענומען: זיינען זיי געווען געצוואונגען צו זוכן צימערן אין די אָרימסטע רומינג-הייזער. געקומען זיינען זיי, די קראַנקע, פון די גרויסע שטעט, כדי צו גענעסן וואָס מער פון דער מילדער, ריינער, דרום קאַליפאָרניער לופט.

קיין סאַנאַטאָריום איז נאָך דאַן ניט געווען, די צדקה פעדעראַציע האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען צו האַלטן זייערע טירן פאַרשפּאַרט פון די ניי אָנגעקומענע קבצנים. עס זיינען יע געווען אַ פּאָר האַלב טשאַריטי סאַנאַטאָריומס, (באַסלאָו, לאַ-ווינא), אָבער די צדקה פעדעראַציע האָט געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט זיי, אַז מער ווי פיר אידישע פּאַציענטן זאָל מען אין זיי ניט אַריינגעמען, אפילו דאַן, ווען פּלאַץ איז דאָרט געווען פאַר פיל מער.

דער אידישער צענטער איז יעמאָלט געווען, טעמפּל סטריט, צווישן פיגוראָו און באָודרי. דאָרטן האָבן זיך אויך געפונען די מערסטע טובערקו־לאָזע קראַנקע. די קראַנקע האָט מען אויך געקענט טרעפן ביי די מיטינגען פון איינציקן ברענטש אַרבעטער רינג.

די מיטינגען פון אַרבעטער רינג ברענטש זיינען געווען גוט באַזוכטע: דאָרטן האָט מען געקענט הערן לעקציעס פון דר. לעאָ בלאַס, איינציקער אידישיסטישער דאָקטאָר אין לאָס אַנדזשעלעס און דעקלאַמאַציעס פון חיים שאַפּיראָ.

דער סעקרעטאַר פון אַרבעטער רינג ברענטש איז געווען אהרן שאַפּיראָ, ע״ה. (ער האָט געהאַט אַ קליינע אָרימע „רומינג״ הויז דאָרט, וואו עס שטייט איצט די שיינע סטייט בילדינג. און דאָרטן זיינען איינגעשטאַנען אַ היבש ביסל פון די אָנגעקומענע אָרימע קראַנקע מענטשן).

דער אַרבעטער רינג ברענטש איז געווען דער צוזאַמענגס אָרט פאַר די ניי אָנגעקומענע. דאָרט האָבן זיי זיך געפונען צווישן אייגענע און פריינט, און די קראַנקע האָבן אויך זיך געווענדעט צום אַרבעטער רינג ברענטש מ׳זאָל זיי העלפן.

די טראַגעדיע מיט די טובערקולאָזע קראַנקע איז געווען אַ גרויסע. זייער אַפּיל פאַר הילף האָט צעריסן דאָס האַרץ. עס זיינען אפילו געווען פאַלן, ווען קראַנקע פלעגן אין די גאַסן אויסגיין אין זייער אייגן בלוט, אָדער באַגיין זעלבסטמאָרד ניט קענענדיק מער איבערטראָגן זייער פאַרצווייפלטע לאַגע. איז דער אַרבעטער רינג ברענטש געווען דער ערשטער אָרט, וואו מ׳האָט אָנגעפאַנגען ריידן וועגן שאַפן אַ באַוועגונג צו העלפן די קראַנקע. דער טשערמאַן פון אַרבעטער רינג ברענטש איז געווען באַרנעט קאָהען (איצטיקער מענעדזשער פון סט. לואיס׳ער אָפּיס פון „פאָרווערטס״). ווען דער ערשטער מיטינג איז גערופן געוואָרן פון די פאָלקס מענטשן פאַרן צוועק צו העלפן די עלענדע קראַנקע, איז דאָרט ב. קאָהען ערוויילט געוואָרן אַלס דער ערשטער פּרעזידענט פון דער באַוועגונג וואָס האָט זיך גערופן: „דזשואיש קאָנסאָמפּ־טיוו רעליף אַסאָסיאיישן אָף קאַליפאָרניע״.

דער אָפּרוף פון דער אַלגעמיינער אידישער באַפעלקערונג, צו העלפן די אָנגעקומענע טובערקולאָזע קראַנקע, איז געווען אַ גוטער. די באַוועגונג איז געוואַקסן ווי אויף הייוון. און ווען ב. קאָהען האָט אָנגעפאַנגען צו אַפּעלירן צו די פערזאַמלטע, ביי די מיטינגען פאַר מאַטעריעלע הילף, איז אויך דער אָפּרוף מיט געלט, געווען אַ קאָלאָסאַלער. די מענטשן פלעגן בוכשטעבליך אוועקגעבן אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט. און אויב עס איז ניט געווען קיין געלט, האָט מען צירונג געגעבן.

ארום דער הילפס באוועגונג פאַר די קראַנקע האָבן אַלע פאָלקס מענטשן זיך ווערבירט. אָבער אַנגעפירט די באוועגונג האָבן טוער פון אַרבעטער רינג. און ביים איינציקן ברענטש פון אַרבעטער רינג איז אויך פאַרטראַכט געוואָרן דער געדאַנק צו קויפן לאַנד כדי צו בויען אַן אייגענעם פרייען סאַנאַטאָריום פאַר די אַלע קראַנקע, וועלכע קומען אין לאַס אַנדזשעלעס. אויך דער געדאַנק פאַר אַ סאַנאַטאָריום האָט גיך אַנגעשלאָגן אין אַלעמענס הערצער.

ווען די ערשטע צען אַקער לאַנד פאַרן סאַנאַטאָריום אין דוארטע זיינען שוין געווען געקויפט; ווען די ערשטע פאַר לייוועטנע טענטס זיינען געווען אוועקגעשטעלט און בעטן פאַר קראַנקע זיינען אויך געשטאַנען אויף דעם אָפענעם „פּאָרטש" פון דער אַלטע געביידע, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, האָט מען אָנגעפאַנגען טראַכטן וועגן בויען ספּעציעלע הייזקעס פאַר די קראַנקע. און די ערשטע צוויי מאָדערנע „קאָטעדזשעס", זיינען דאַן געבויט געוואָרן פון די צוויי אַרבעטער רינג ברענטשעס, 248 און 443.

היינט צו טאָג, ווען דער סאַנאַטאָריום אין דוארטע ווערט פאַררעכנט אַלס איינער פון די גרעסטע, און בעסטע אין אַמעריקע, און וואו עס האָבן פאַר דער צייט פון עטלעכע און דרייסיק יאָר געפונען היילונג און רעטונג פילע צענדליקע טויזנטער אַנגעגריפענע יונגע מענטשן, איז דער אַרבעטער רינג לאָקאַל און נאַציאָנאַל, נאָך אַלץ שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער הייל אינסטיטוציע. און אַדאַנק אַט דעם גרויסן אינטערעס וואָס דער אַרבעטער רינג און די אַנדערע פאָלקס מענטשן נעמען, איז אונדזער סאַנאַטאָריום אין דוארטע פאַרבליבן אַלס די פאָלקסטימליכסטע פרייע אינסטיטוציע וואו די קראַנקע ווערן באהאַנדלט אַזוי ווי פון אייגענע, און וואו די קראַנקע פילן אַז זיי ווערן אויסגעהאַלטן אַזוי ווי פון אַן אייגענער פאַמיליע.

* * *

פון רעדנער און לעקטאָרן איז אונזער אונפאַרגעסלאַכער ברוך וולאַדעק געווען דער ערשטער פּיאָנער אונטערצונעמען אַ לעקציע טור איבער דער לענג און ברייט פון אַמעריקע און פאָרן אַזוי ווייט ווי ביז קאַליפאָרניע.

ב. וולאַדעק האָט די רייזע אונטערנומען אויף זיין אייגענער אחריות. ער האָט עס געקענט טאָן מחמת ער האָט געהאַט פילע פּערזענליכע פריינט אין כמעט יעדער גרעסערער שטאָט אין אַמעריקע, און דער אַרבעטער רינג האָט געהאַט ברענטשעס אין די דאָזיקע שטעט. זיין טור איז געווען דערפאָלגרייך, און דאָס האָט געפירט אַז אַ יאָר שפּעטער, (אין 1912) זאָל ער מאַכן אַ צווייטן טור. זיין ערפאָלגרייכע טורס זיינען שנעל באוואוסט געוואָרן. נאָכדעם האָבן שוין פילע אַנדערע רעדנער און שרייבער פון ניו יאָרק

אַנגעפּאַנגען אָפּשלאָגן די טירן פון ארבעטער רינג מ׳זאָל פּאַר זיי אַראַנזשירן רעדנער טורס. דער אַרבעטער רינג אין לאָס אַנדזשעלעס האָט יעדן רעדנער און שרייבער אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, זיי געבראַכט אַהער, גענומען פאַר זיי גרויסע „האָלס" און געבראַכט פילע הונדערטער צוהערער צו זייערע אָוונטן און צו זייערע באַנקעטן (הלואי אויף די איצטיקע צייטן געזאָגט געוואָרן).

אין יענע יאָרן האָט מען נאָך ניט געוואוסט פון קיין באַזונדערן נאַציאָ־נאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און ניט פון קיין אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. דאַן האָט יעדער פּראָגרעסיווער איד געזוכט צו באַלאַנגען צום אַר־בעטער רינג, די איינציקע ראַדיקאַל אומפּאַרטייאישע פראַטערנאַלע אָרגאַני־זאַציע. ציוניסטן, בונדיסטן, אַנאַרכיסטן און אומפּאַרטייאישע, האָבן באַ־לאַנגט צוזאַמען אין די זעלביקע ברענטשעס און אויפגענומען געמיינזאַם וולאַדעק׳ן, יאַנאַווסקין, דר. זשיטלאָווסקי, און דר. סירקין, און די פילע אַנ־דערע רעדנער און לעקטאָרס וואָס האָבן אָנגעפּאַנגען באַזוכן לאָס אַנדזשעלעס. דער אַרבעטער רינג איז געווען זייער לעקטשור ביוראָ, און זייער אַדרעס און זייער מכנית אורח.

* * *

אין אויגוסט פון 1914 יאָר האָט ווי באַוואוסט, אויסגעבראָכן דער ערשטער וועלט קריג. קיין אָ. פּ. עי. איז אין ערשטן וועלט קריג, וואָס זאָל קאָנטראָ־לירן די פּרייזן אויף לעבנסמיטלען, ניט איינגעפירט געוואָרן. זיינען די פּרייזן באַלד ווי דער קריג איז ערקלערט געוואָרן, שנעל אָנגעפאַנגען צו שטייגן. לאָס אַנדזשעלעס איז אין יענער צייט געווען מאַטעריעל, אַן אָרימע שטאָט, און מיט שוואַכע און קליינע יוניאָנס צווישן די אידישע אַרבעטער. די איינציקע שטאַרקע אָרגאַניזאַציע איז געווען דער אַרבעטער רינג. די עט־לעכע אידישע בעקערייען וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין שטאָט, זיינען געווען צווישן זיך אָרגאַניזירט, כאָטש די בעקער אַרבעטער האָבן ניט גע־חלומט אפילו דאַן וועגן זיין אָרגאַניזירט. די בעקערייען האָבן געהעכערט דעם פּרייז אויף געבעקס מער ווי די אָרימע קאָנסומערס האָבן געקענט צאָלן. האָבן די פרויען פּראָטעסטירט קעגן די העכערונג. זיי זיינען באַלד געקומען צום אַרבעטער רינג פאַרלאַנגען מען זאָל ניט דערלאָזן צו אַזאַ ניט מענטש־ליכע האַנדלונג מצד די בעקער בעלי־בתים, וועלכע ווילן שנעל רייך ווערן אויפן חשבון פון קריג.

אין יענע צייטן איז צווישן די פּראָגרעסיווע אידישע מענטשן געווען פּאָ־פּולער דער געדאַנק פון קאָאָפּעראַטיווע בעקערייען. אַזעלכע קאָאָפּעראַטיווע בעקערייען האָבן דאַן עקזיסטירט אין איניקע גרעסערע שטעט אין לאַנד, און

די ערפאָלגרייכסטע זיינען געווען די בעקערייען פון בראָנזוויל, ניו יאָרק; און די פעטערסאָנער קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי, וועלכע עקזיסטירט נאָך עד־היום.

א קאָמיטע פון אַרבעטער מיטגלידער און פון דער פאַרמירטער פרויען קאָנסומערס ליג איז געגאַנגען פאַרהאַנדלען מיט די בעקער בעלי־בתים זיי זאָלן רעדוצירן זייערע פרייזן. די אונטערנעמער האָבן זיך אויסגעלאַכט פון די פרויען און פון די אַרבעטער רינג'ניקעס. אַזוי שנעל ווי עס איז באַוואוסט געוואָרן די חוצפּה'דיקע האַנדלונג פון די בעקער בעלי־בתים, איז געוואָרפן געוואָרן דער לאָזונג: — אַן אייגענע קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי. דער לאָזונג איז שטורמיש אַפּלאָדירט געוואָרן און עס האָט ניט געדויערט לאַנג ווי אַן אַלטע בעקעריי איז אָפּגעקויפט געוואָרן אויף טעמפּעל סטריט, און אַן אייגענע בעקעריי איז פון אַרבעטער רינג און די ניי געשאַפענע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, אויפגעעפנט געוואָרן. די פרייזן אויף ברויט זיינען באַלד געשניטן געוואָרן אויך אין די פּריוואַטע בעקערייען. די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג האָט אָנגענומען אַ פאָלקס כאַראַקטער. ניט געקוקט וואָס קיינער האָט יעמאָלט ניט געוואוסט ווי אָנצופירן מיט אַזאַ געשעפט דאָך, איז די באַגייסטערונג געווען גרויס און די בעקעריי איז געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער. די קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי האָט עקזיסטירט אַ היבשע צאָל יאָרן און געמאַכט גרויס דערפאָלג. פון די פּראָפיטן פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג האָט מען אויף ברוקלין עווענױ אויסגעבויט אַן אייגענע גרויסע געביידע. ליידער האָט אין יענער צייט זיך אָנגעפאַנגען דער אַזוי גערופענער קאַמף צווישן די „לינקע און רעכטע", און די „לינקע" האָבן מיט שטאַרקע מיטלען באַוויזן צו פאַרכאַפּן פאַר זיך די קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי. דער סוף איז געווען אַז די קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי איז נאָכדעם ליקווידירט געוואָרן און געמוזט זיך אויפגעבן אין גאַנצן. צו יענער צייט איז אויך אַדאַנק דעם היגן אַרבעטער רינג געשאַפן געוואָרן אַ קאָאָפּעראַטיווע דרוקעריי, וועלכע האָט געדינט אונזער באַוועגונג, און האָט אויך באַוויזן אַרויסצוגעבן אַ אידישע צייטונג אונטערן נאָמען די „פּאַסיפישע פאָלקס-צייטונג". די צייטונג איז אַרויסגעגאַנגען רעגלמעסיק פאַר 22 וואָכן, און האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן צוליב מאַנגל אין געלט. די קאָאָפּעראַטיווע פירמע איז נאָך אַ צוויי יאָריקן עקזיסטירן אָפּגעקויפט געוואָרן פון אַן אַרבעטער רינג מיטגליד, פר. פרענקל, וועלכער איז אַליין אַ דרוקער, און האָט אויך פריער געאַרבעט אין דעם קאָאָפּעראַטיוו.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן אין די שפּעטערע יאָרן אָפּאָזיציע אָרגאַניזאַציעס צום אַרבעטער רינג. צוערשט דער אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג פון מאַסאַטשוסעטס. נאָכדעם האָבן די פּועלי־ציון, געגרינדעט דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. און אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר, איז דער קאָמוניסטישער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן" געגרינדעט געוואָרן. סאַי דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, און סיי דער קאָמוניסטישער אָרדן

זיינען געגרינדעט געוואָרן אַלס פּאַרטייעשע אָרגאַניזאַציעס.ביידע האָבן געזוכט וואַקסן אויפן חשבון פון זייערע „גלויבנס גענאָסן", וואָס זיינען גע־ווען מיטגלידער אין אַרבעטער רינג. דער אַרבעטער רינג אָבער איז אויף שטענדיק פאַרבליבן אַ דורכאויס אומפּאַרטייאישער אַרבעטער און סאָציאַ־ליסטישער פראַטערנאַלער אָרדן. און כאָטש די געגנער האָבן פון אַרבעטער רינג געריסן פון אַלע זייטן, איז ער פאַרבליבן שטיין אויף זיין אַלטן פּאָסטן, און זעצט פאָר צו אינטערעסירן זיך מיט יעדער זאַך וואָס האָט אַ קולטורעלן, אַ געזעלשאַפטליכן אָדער אַן אַרבעטער כאַראַקטער.

דער אַרבעטער רינג איז אויך פאַרבליבן אַלס אַ לעבעדיקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע אינטערעסירט זיך און נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אין אַלע פראַגן און פּראָבלעמען וועלכע האָבן אַ שייכות מיט דעם אידישן פאָלק און מיט אַלע פראַגן, וועלכע אינטערעסירן די אַרבעטער און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, — ביי אונז אין לאַנד און איבער גאָר דער וועלט.

עס איז זייער גוט באַוואוסט די ריזיגע ראָל, וואָס דער אַרבעטער רינג האָט געשפּילט אין דער אַרבעט פון „פּיפּעלס רעליף" נאָך דעם ערשטן וועלט קריג; און וואָס דער אַרבעטער רינג מיינט, פאַר די לעצטע צוועלף יאָר, פאַר די קאָלאָסאַלע אַרבעטן, וועלכע דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט טוט . . . אויך ביי אונדז אין לאַס אַנגעלעס, איז דער אַרבעטער רינג דער רוקן ביין פון אַט די אַלע טעטיקייטן.

עד היום געפינען מיר אַ גרויסע צאָל מיטגלידער אין דער פאַרוואַלטונג און אין דער אַרבעט פאַרן סאַנאַטאָריום אין דוּאַרטע; און פאַר דער לאָקאַלער אינסטיטוציע, דער מאַונט סיינאַ האָספּיטאַל און קליניק; און לעצטנס, אויך פאַר דעם אינדאַסטריעל צענטער פאַר עלטערע מענטשן. אין שייכות מיט קולטור טעטיקייט, זיינען די ברענטשעס און אַ סך פון די מיטגלידער איבער־געגעבן מיט לייב און לעבן צו די אַרבעטן פון די קינדער שולן, און אויך צו דער ענטוויקלונג און דערהייבונג קולטורעל און גייסטיק פון די דערוואַקסענע. לעקציעס איבער די וויכטיקסטע פראַגן ווערט ניט בלויז אַראַנזשירט מיט געסט רעדנער, נאָר אויך ביי יעדן באַזונדערן ברענטש מיטינג, הערט מען זייער אָפּט רעדנער און לעקטאָרס איבער פראַגן, וועלכע אינטערעסירן יעדן פּראָגרעסיוון מענטשן און יעדן ראַדיקאַלן אידן.

איך האָב געהערט ווי אַ פאָרשטייער פון דעם בני־ברית לאַדזש האָט זיך געווענדעט צו אַ מיטגליד פון אַרבעטער רינג און אים געפרעגט: —

— וואָרום שליסט איר זיך ניט אָן אין בני ברית?

דער א. ר. מיטגליד ענטפערט אים:

— איך באַלאַנג צום אַרבעטער רינג.

דער פאַרשטייער פון בני ברית פאַנגט אָן אויפקלערן וואָס דער בני ברית שטעלט מיט זיך פאָר, און אויך וואָס ער טוט פאַר דער פאַרטיידיגונג פון אידישן פאָלק דאָ ביי אונז אין לאַנד, און ביי אונדז אין שטאָט. אויף די אַלע אַרגומענטן האָט דער אַרבעטער רינג מיטגליד געענטפערט:

— דער אַרבעטער רינג נעמט אין זיך אַריין אַלץ, וואָס דער בני ברית נעמט אַריין, — פּליוס . . .

דער בני־ברית פאַרשטייער האָט געוואָלט וויסן וואָס דער „פּליוס" מיינט. איז דער ענטפער געווען, דער „פּליוס" שטעלט פאָר: געגנזייטליכע הילף, קינדער דערציאונג אין אידישקייט און אין דער אידישער שפּראַך. עס מיינט אויך די אַלע פאַרזיכערונגען, וועלכע יעדער מיטגליד טראָגט אין פאַל פון קראַנקהייט, און חלילה אין פאַל פון טויט.

אין שייכות מיט דער דערעפנונג פון דעם מאָדערנעם בנין פון אידישן קולטור קלוב, איז כאָטש דירעקט האָט דער אַרבעטער רינג אַלס אָרגאַניזאַציע אין דעם קיין אנטייל ניט גענומען, אָבער אינדירעקט, געפינט מען צווישן די גרינדער פון דעם קלוב, די אַקטיווסטע מיטגלידער פון קלוב, און צווישן די בויער פון דער אייגענער געביידע, אַ רייע מיטגלידער פון אַרבעטער רינג.

דער אַרבעטער רינג אין לאָס אַנגעלעס צייט די גרינדונג פון ערשטן בראַנטש, איז זייער פיין געוואַקסן. ער ציילט היינט צו טאָג אין און אַרום לאָס אַנגעלעס, אַ פאַמיליע פון איבער 2,000 מיטגלידער. און מ'קען זאָגן: זיין וואוקס האָט זיך ערשט איצט אָנגעפאַנגען. דער אַרבעטער רינג וואַקסט דאָ סיי מיט אַריבערגעקומענע מיטגלידער פון אַנדערע טיילן פון לאַנד, און סיי מיט נייע און מיט געוועזענע מיטגלידער, וועלכע האָבן באַ־צייטנס איינגעזען זייער טעות פון לאָזן זיך שטרייכן, און זיי קומען צוריק.

צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון די מיטגלידער וואַקסן אויך אַרבעטער רינג אינסטיטוציעס, ווי דער גרויסער קעמפּ פאַר קינדער און פאַר דערוואַקסענע מיטגלידער; די אַרבעטער רינג שולן, און אַ רייע אייגענע צענטערס אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. אין יעדן דערעפנטן צענטר וועלן געוויס אויך זיך געפינען קינדער שולן און אַ פּלאַץ פאַר לעקציעס און אויפקלערונג אויף אידיש און דער פּלאַץ, וואו דאָס אידיש בוך און אידישע שריפטן וועלן פאַרשפּרייט ווערן.

**א. באַבּיטש**

# דער אידיש נאַציאָנאַלער ארבעטער פאַרבאַנד

דער שרייבער פון דעם ארטיקל איז געקומען קיין לאָס אנדזשעלעס אינם יאָר 1927. דערפאַר וועלן מיר זיך מוזן באַשרייגקן אויף דער פעריאָדע פון די דאָזיקע 18 יאָר. כאָטש דער פאַרבאַנד און די פועלי ציון האָבן דאָ אָנגעפירט, ווי אומעטום, פאַרשידענע אַקטיוויטעטן, דער פאַקט אז צו יענער צייט האָבן מיר דאָ געפונען אַ פאַרבאַנד ברענטש, דער באַרוכאָוו בר. 122 מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון אַ 40-50, אַ פועלי ציון פאַראיין מיט אַ 25 מיטגלידער, און אַ פאָלק־שולע, וועלכע איז אין נאָמען געווען אַ פאַרבאַנד שולע.

זינט יענעם יאָר האָט די אידישע אימיגראַציע קיין קאַליפאָרניע פון אַנדערע שטאַטן אָנגענומען אַ אינטענסיווערן כאַראַקטער, און עס האָבן אַהער אָנגעהויבן קומען אידן, ארבעטער און פאָלקס־מענטשן, ניט בלויז צוליב דעם וואָס מען האָט געהאַט אַ שטאַרקע אמונה אין דעם קאַליפאָרניער קלימאַט; געגלויבט אז די לאָס אנדזשעלעסער לופט איז די אמת'ע תרופה צו קראַנקע הערצער אָדער לונגען, נאָר פשוט געקומען כדי זיך דאָ איינצואָרדנען און מאַכן דאָ זייער היים.

מיט דער דאָזיקער אימיגראַציע באַווייזט זיך דאָ אַ גאַנץ באַזונדערע לאָס אנדזשעלעסער דערשיינונג, דער אויפקום פון אַ ספּעציעלן סאָרט לאַנדסמאַנשאַפטן אָרגאַניזאַציעס, ניט די באַקאַנטע לאַנדסמאַנשאַפטן פון דער היים, די וואַרשעווער און מינסקער, נאָר אַמעריקאַנער לאַנדסלייט־פאַריינען, — שיקאַגאָ, דעטראָיטער, און מאָנטרעאָל. און פונקט ווי אַמאָל האָבן זיך געטוליעט לאַנדסלייט פון היימישן שטעטל איינס צו דאָס אַנדערע אין זייער עלענדקייט אין דער נייער היים, פונקט אַזוי האָבן די „דעטראָיטער" און „וויניפּעקער" אין לאָס אנדזשעלעס.

אָט די ניי־אָנגעקומענע זיינען געווען גוטער מאַטעריאַל פאַר די אידישע אָרדענס. פילע פון אָט די ניי־אָנגעקומענע זיינען שוין געווען פאַרטיקע מיטגלידער פון די אידישע אָרדענס — אַרבעטער רינג, און אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. זיי האָבן זיך בלויז געדאַרפט טראַנספערירן אין אַ היגן צווייג, אָדער „ברענטש". צווישן די דאָזיקע טראַנספערירטע מיטגלידער האָט מען אָפט געפונען באַוואוסטזיניקע און אַקטיווע טוערס פון זייערע „ברענטשעס" אין דער איסט, און זיי האָבן זייער אימפּעט און ענערגיע אַריבערגעטראָגן אַהער, און האָבן דאָ זיך גאַנץ גיך איינגעלעבט געזעלשאַפטליך.

אַט פון דער צייט, מען קען טאַקע זאָגן אין אַט די לעצטע 18-20 יאָר, טאַקע זינט דער ל. א. אידישער קולטור קלוב איז צום לעבן געקומען, — וואָס איז אויך אַ ספּעציעלע לאָס אַנדזשעלעסער דערשיינונג — וואו אידישע קולטורעלע מענטשן האָבן געזוכט פאַר זיך אַ ווינקל, וואו צו טרעפן זיך מיט מענטשן פון זעלבע נייגונגען און באַציאונגען צו זאַכן, — אַט פון אַט דער צייט הויבט זיך אָן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער וואוקס און שטייגן פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, בארג אַרויף.

געטראָפן האָבן מיר אין יענער צייט אַ קליין שולכל אויף 420 נאָרט סאָטאָ גאַס. עס איז געווען איינע פון די אַלטע איין פאַמיליע הייזער, וואָס מען האָט פון'ם „פראָנט-רום" מיט דער „ליווינג-רום" געמאַכט אַ זאַל, וואו מען האָט געקענט אַריינשפּאַרן אַ 75 מענטשן — קאָפּ אויף קאָפּ. עס איז געווען אַ געפאַר אַהין אַריינלאָזן אַזאַ עולם, און עס איז געווען ניט קיין קלענערער געפאַר צו האַלטן דאָרט קינדער.

צווישן די ניי-אַריבערגעקומענע, ווי ראַזומאָווסקי און ראָזענפעלד פון דעטראָיט, און די תושבים, ווי דר. זאַלצמאַן, י. פרידלאַנד, פּיט קאַהן, די שאַפּיראָס, ש. מילער, דער שרייבער פון די שורות און אייניקע אַנדערע, האָבן אָנגעהויבן ערנסט רעדן פון איבערבויען די אַלטע הויז און אוועקשטעלן אַ לייטישע געביידע מיט אַ זאַל פאַר 4-5 הונדערט מענטשן; אַן עס צימער פאַר אַ פּאָר הונדערט מענטשן; לייטישערע קלאַס-צימערן, א. א. וו. צוערשט האָט מען אונדז אָנגעקוקט ווי משוגאים, ווי קאָן אַזאַ קרייזל קבצנים אונטערנעמען אַזאַ ריזיקע אונטערנעמונג פון אַ 15-20 טויזנט דאָלאַרן? אָבער וואָס מער מען האָט גערעט פון דעם — אַלץ מער האָט מען אָנגעהויבן צו גלויבן אין דער פאַרווירקלעכונג פון דעם פּראָיעקט. און ווען מען האָט ביי דער ערשטער פּלאַניר-זיצונג אָנגעציילט אַ סומע פון $4000.00 אין מזומן געלט און נדרים, זיינען די הענט פון די טוערס געשטאַרקט געוואָרן, און מען איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז פאַרטיק געוואָרן די פאָלקס הויז אויף 420 נ. סאָטאָ סטריט.

דאָס איז געווען דער ערשטער שטוים צו גרעסערע מעשים. אַרום דער הויז האָבן זיך גרופּירט אַלע אַקטיוויטעטן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, און פון דער שטאָט בכלל. אַלע וויכטיקע אונטערנעמונגען, אַלע געסט לעקטשורערס, טעאַטער פאָרשטעלונגען, באַזאַרן, א. א. וו., האָבן זיך קאָנצענטרירט אין פאָלקס הויז. די טוער אַרום דער פאָלק שול האָבן אפילו געהאַט דעם מוט צו עפענען אַ צווייטע שולע אין סיטי טערעס, וועלכע איז צו יענער צייט געוואָרן גאַנץ ערפאָלגרייך. אַרום יענער צייט איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער צווייטער פאַרבאַנד צווייג אין שטאָט; דער שלום עליכם צווייג. לכתחילה האָט מען אים געפּלאַנט אין סיטי טערעס, אָבער שפּעטער איז ער איבערגעטראָגן געוואָרן קיין וועסט עדעמס, אַ נאָר וואָס אויפגעקומע-

נער אידישער געגנט. דער דאָזיקער ניי־אָרגאַניזירטער שלום עליכם צווייג עפנט אויך אַ דריטע פֿאַרבאַנד שולע, אַרום זייער צווייג אין וועסט עדעמס. די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציע פֿאַרמעסט זיך אויך צו בויען אַ פֿאָלקס הויז פֿאַר וועלכן זי פֿאַרמאָגט נאָך איצט אַן אָפּגעצאָלטן „לאָט", און וואַרטן נאָר פֿאַר מער נאָרמאַלע צייטן צו קאָנען בויען.

און אַזוי, מיטן וואוקס פֿון דער שטאָט און מיטן אויפקומען פֿון נייע אידישע קוואַרטאַלן, האָבן מיר דאָרט געבויט אונדזער אָרגאַניזאַציע און אונדזערע אינסטיטוציעס. אַזוי האָבן מיר עטלאַכע יאָר שפּעטער ווידער גע־עפנט די סיטי טערעס פֿאָלק שול, דאָרט אָרגאַניזירט דעם אַלבערט איינשטיין צווייג פֿון פֿאַרבאַנד, און קירצליך מיט דער הילף פֿון מר. אַפּרייט דאָרט אויך געשאַפֿן די פּראַכטפֿאָלע פֿאָלקס הויז. די לעצטע 5־6 יאָר גייט שוין דער פֿאַרבאַנד דאָ מיט מער רעשיקע שריט. און חוץ די דערמאָנטע 3 ברענטשעס זיינען שוין אָרגאַניזירט געוואָרן גאַנצע 6 נייע ברענטשעס: דער וויצמאַן ברענטש, דער זאַלצמאַן בר., דער הירשביין בר., דר. הערצל בר., ל. ד. בראַנדייס בר., — אַן ענגליש שפּרעכענדער — און דער ברענטש אין די בעי סיטיס (ביים פּאַסיפיק ים־ברעג). די פֿאַרבאַנד מיטגלידערשאַפֿט גרייכט איצט קרוב צו 1500. דאָס איז באמת אַ גוואַלדיקער שפּרונג פֿון די דערמאָנטע 50 מיטגלידער אין 1928 צו 1,500 איצט. און דאָס איז דער־גרייכט געוואָרן אין יאָרן פֿון דעפּרעסיע און מלחמה, האָבנדיק די קאָמפּעטי־ציע געגן זיך פֿון 2 גרויסע אַנדערע אַרבעטער אָרדענס.

דאָס דערנענטערן פֿון די ברייטערע אידישע מאַסן צום אידישן אָרגאַני־זאַציאָנס וועזן איז בכלל אַ געווינס און אַן אויפטו פֿאַרן אידישן געזעלשאַפֿט־לעבן לעבן. באַזונדערס איז עס ריכטיק בנוגע דעם פֿאַרבאַנד, די אָנפירנדע חברים פֿון פֿאַרבאַנד האַלטן עס פֿאַר זייער חוב צו באַקאַנען אָט די אַלע ניי־צוגעקומענע מיט די אידייען און שטרעבונגען פֿון דער אָרגאַניזאַציע, און מען זוכט זיי צו מאַכן פֿאַר באַוואוסטזיניקע אידן, סיי בנוגע אונדזער קהילה לעבן, סיי בנוגע אונדזערע גרעסערע פֿאָלקס אינטערעסן אויפֿן נאַציאָנאַלן געזעלשאַפֿטליכן און קולטורעלן געביט.

לעצטנס האָבן מיר דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס געשאַפֿן אַ באַזונדערן קולטור דעפּאַרטמענט, וועלכער וועט זיך ספּעציעל אָפּגעבן מיט די קולטור אַקטיווי־טעטן אין אונדזערע צווייגן, און עס פֿרייט אונדז דאָ פֿאָרצושטעלן אונדזער ליבן דיכטער און קולטור טוער, ה. רויזענבלאַט, אַלס דעם דירעקטאָר פֿון דעם דעפּאַרטמענט.

מיט באַזונדערער פֿרייד ווילן מיר באַריכטן פֿון דער קניעה וואָס אַ גרופּע פֿון אונדזערע חברים האָבן לעצטנס געמאַכט, — אָפּקויפנדיק די באַקאַנטע קאַמסאַק סקול אויף דער דריטער גאַס, נעבן היילאַנד עוועניו, אין רעכטן מיטן פֿון דער וועסט־סייד, וואו די מערסטע אונדזערע מיטגלידער געפינען

זיך. דאָס איז אַן אונטערנעמונג וואָס גרייכט אין די הונדערטער טויזנטער, און די פּלענער ארום דער דאָזיקער אינסטיטוציע זיינען אַזעלכע גראַנדיעזע, אַז מיר נעמען זיך ניט אונטער דאָ פאַרבייגייענדיק דעם ענין צו באַרירן, עס פאָדערט אַ גאַנץ באַזונדערן אַרטיקל.

אַזוי, אַז אַ קוק טוענדיק אויף צוריק מיט וואָס פאַר אַ מורא מיר זיינען צוגעטראָטן מיט 18 יאָר צוריק איבערצובויען די פאָלקס־הויז, אַן אונטער־נעמונג פון $15,000.00, און מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט אונדזערע חברים זיינען צוגעטראָטן צו אַ פּראָיעקט פון צוויי מאָל הונדערט טויזנט דאָלער איצט, גיט עס אַ בילד פון אונדזער וואוקס און פון אונדזער פאַרנעם, און מיר זיינען זיכער, אַז די מיטגלידער פון לאָס אַנדזשעלעסער אידישן קולטור קלוב וועט אָט דער באַריכט זיכער פאַרשאַפן אַ סך פרייד, ווייל — צווישן אונדז זאָל עס בלייבן — 90 פּראָצענט פון די קלוב מיטגלידער זיינען דאָך אויך מיטגלידער פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

אונדזערע צווייגן אין לאָס אַנדזשעלעס האָבן דעם יאָר געשאַפן איבער $50,000.00 פאַר ארץ ישראל, 7־8 טויזנט דאָלער פאַר הילף אין אייראָפּאַ. די צווייגן באַטייליקן זיך אין „וועלפעיר פאָנד דרייוו”, „וואָר טשעסט”, מלחמה באָנדס; שטיצן לאָקאַלע אינסטיטוציעס, און פירן באַזונדערס אַן פאַרשידענע קולטורעלע אַקטיוויטעטן, נאַציאָנאַל און לאָקאַל.

# דער „איקופ״ אין לאָס אַנגעלעס

## פון וו. קעסנער

דער אַלוועלטלאַכער יידישער קולטור פאַרבאַנד „איקופ״ האָט באַ זיין גרינדונג, מיט אַכט יאָר צוריק אין פּאַריז, צווישן די וויכטיקע רעזאָלוציעס זיך געשטעלט פאָלגענדע אויפגאַבן:

צו פאַראייניקן אַלע קולטור שאַפענדע כחות, אין קאַמף פאַר דעם קיום פונעם אידישן פאָלק און פאַר זיין קולטור, פאַרטיידיקן די אידישע קולטור געגן רעאַקציע און פאַשיזם, מאָביליזירן די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלאַכע כחות, סיי פון אידן, סיי פון ניט אידן, צום שוץ פון דער אידישער שפּראַך און קולטור, וואו זי ווערט געראָדפט און געשטעלט אין געפאַר.

צו קעמפן קעגן אַסימילאַטאָרישע כחות אינעם אידישן לעבן, צו זאָרגן פאַר דער אויסברייטערונג, פאַרטיפונג, פאַרפיינערונג און באַרייכערונג פון דער יידישער וועלטלאַכער קולטור, סטימולירן איר ווייטערדיקן וואוקס, הויבן דעם אָנזען און חשיבות פון דער אידישער קולטור.

איצט נאָך אַכט שטורעמדיקע יאָרן פון מלחמה און פאַרניכטונג, וואָס די וועלט האָט דורכגעמאַכט, נאָך די שוידערליכע אַכט יאָר וואָס אונזער אידיש פאָלק האָט דורכגעלעבט, ווערן די אויפגאַבן און צילן, וואָס דער „איקופ״ האָט זיך געשטעלט באַ זיין גרינדונג, אַ הייליקע פליכט, אַ לעבנס נויט פאַר יעדן אידן, ווען ס׳איז טייער דער קיום פון זיין פאָלק, וועמען ס׳איז ליב און טייער זיין קולטור און שפּראַך.

דער „איקופ״ איז אַן אַלוועלטלאַכע אָרגאַניזאַציע מיט איר צענטער אין ניו יאָרק. (ביז דעם אויסברוך פון דער מלחמה איז איר צענטער געווען אין פּאַריז) פון וועלכער דער לאָס אַנדזשעלעסער איקופ איז אַ וויכטיקער טייל, און באַטייליקט זיך אין אַלע אירע אַרבעטן, הויפּטזעכלאַך אין אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן דעם איקופ זשורנאַל, „די יידישע קולטור״ און אינעם איקופ פאַרלאַג, וועלכער האָט אין צוויי יאָר אַרוים געגעבן העכער דרייסיק וויכטיקע ביכער אָף פאַרשידענע געביטן, פון אַזעלכע באַדייטענדע שריפטשטעלער ווי: חיים גראַדע, איציק פעפער, ז. ווינפער, מלכה לי, דאַראַ טויטלבוים, א. ראַבאַי, שלום אַש, דער נסתר, נ. מייזיל, אברהם ביק, קלמן מרמר, ג. בוכוואַלד, ראובן ברייניג, און גרייטן איצט צו צום דרוק אַלע ווערק פון דר. חיים זשיטלאָווסקי. — אונזער איקופ אַרבעט אין לאָס אַנדזשעלעס איז אַ גאַנץ פאַרצווייגטע:

די דינסטיק אָוונטן, זענען שוין געוואָרן אַן אינסטיטוציע אין שטאָט, אַף וועלכע מיר פאַרנעמען זיך מיט זעלבסט בילדונג צווישן אונזערע מיטגלידער און פריינט, מיר פירן דורך לעקציעס, דיסקוסיעס איבער קולטור פּראָבלעמען, איבער ניי דערשינענע אידישע ביכער און זשורנאַלן.

אויסער די דינסטיק אָוונטן פירן מיר דורך פון ציט צו צייט קינסטלע־רישע קאָנצערטן און אויסשטעלונגען, אַזוי האָבן מיר געהאַט אויסשטעלונגען פון אידישע מאָלער און סקולפּטאָרן, אויסשטעלונגען פון אידישע ביכער, אַ גרעסערע שלום עליכם אויסשטעלונג צוזאַמען מיטן קאָמיוניטי סענטער פון סאָטאָ גאָס — מיר פייערן אידישע קולטור יום טובים, און יאָר צייטן פון אידישע קלאַסיקער.

דעם איקוף אין לאָס אַנדזשעלעס האָט זיך איינגעגעבן דורכצופירן לעק־ציעס איבער אידישע קולטור אין אידיש אין דער הויפּט שטאָט ביבליאָטעק, וועלכע זיינען איבערגעריסן געוואָרן צוליב דער מלחמה, און וועלן ווידער אָנפאַנגען צו פונקציאָנירן אין אָנפאַנג 1946. אגב דאָס באַנוצן זיך מיט שטאָט געביידעס פאַר קולטור אין אידיש, וואָלט געקאָנט, מיט פאַראייניקטע כחות פון אַנדערע קולטור אָרגאַניזאַציעס, פירן אין דער צוקונפט, צו קולטור אַרבעט אין אונזער שטאָט, אין שטאָט שולן און אוניווערסיטעטן אין אידיש.

מיר פירן איין ספּעציעלע ימים טובים, פאַר אידישע קולטור טוער און קינסטלער, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט אַ וויכטיקן בייטראַג צו דער אידישער קולטור. אַזוי האָבן מיר אָנגעפאַנגען אונזער נייעם קולטור סעזאָן קולטור אַרבעט מיט אַ פיינעם באַנקעט, געווידמעט צו חברים נייטן און סיל־וויע סאַמאַראָוו, וועלכע האָבן געשאַפן צוויי וויכטיקע מוזיקאַלישע ווערק, צוויי קאַנטאַטאַס: דער „מגן דוד באַגגריסט דעם רויטן שטערן" צו אַ ליד פון אברהם רעגלסאָן און „לובלין" פון ל. מילער, אַזוי אַרום סטימולירן מיר און מוטיקן אידישע קינסטלער אין זייער שאַפן.

מיר גיבן זיך ערנסט אָפּ מיט אַרויסגעבן און העלפן אַרויסגעבן אידישע ביכער פון אידישע שרייבער. וועלכע וואוינען אין לאָס אַנדזשעלעס.

אַט האָבן מיר אַרויסגעגעבן אַ זייער פיינעם בוך „פאָלקס געזאַנגען", לויטן נוסח פון חיים קאָטיליאַנסקי, אַן אַלבום פון גרויסן פאָרמאַט, מיט נאָטן — מיט פאָלקס לידער אין אידיש און ענגליש.

מיר העלפן איצט אַרויסגעבן אַ בוך זכרונות פון אַ אידישן אַרבעטער, אַברהם גאָרעליק, וועלכער שפּיגלט אָפּ פּערציק יאָר יידישע אַרבעטער באַ־וועגונג אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ.

מיר טרעטן איצט צו אַרויסצוגעבן אַ פּראַכט אַלבום פון קינדער מייסעלאַך פון כאַוועך פאַוער, אילוסטרירט פונעם באַרימטן יידישן קינסטלער ביל גראָפּער, אַ בוך אין וועלכן עס נויטיקן זיך אַזוי שטאַרק די אידישע קינדער

שולן. מיר האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן פון'ם זעלבן מחבר אַ גרעסערע נאָוועלע „צעהן לאַנדסלייט", וועלכע ווערט שטאַרק געלויבט פון דער יידישער ערנסטער קריטיק.

דער לאָס אַנדזשעלעסער איקוף איז שטאָלץ צו זיין די ערשטע אָרגאַניזאַציע צו זאַמלען און אַריבערשיקן אידישע ביכער אין די חרוב געוואָרענע יידישע ישובים, און ס'איז אונזער פרייד, וואָס אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פאָלגן נאָך אונזער ביישפּיל.

צום נייינטן יאָר פאַרמעסטן מיר זיך אינטענסיוו צו העלפן און סטימולירן די אַרבעט פון די היגע קינדער שולן, כאָרן, דראַם קרייזן, מיר זיינען גרייט צו באַדינען קולטורעל אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט.

אונזערע לייען קרייזן זענען פאַרשטייט זיך אונזער פּרייד און שטאָלץ. עס איז גוט צו וויסן אַז איינמאָל אַ וואָך קומען זיי זיך צוזאַמען אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט, לערנען אונזער ליטעראַטור — פאַרשפּרייטן ביכער און זשורנאַלן און באַטייליקן זיך אין אַלע קולטור אַקציעס פון שטאָט. זיי זענען אַ וויכטיקער טייל פונעם איקוף.

אגב, דערלויבט שוין מיר אינעם נאָמען פונעם איקוף צו באַגריסן אַלע מיטגלידער פונעם לאָס אַנדזשעלעסער אידישן קלוב צו אייער צוואַנציקסטן געבורטסטאָג. צוואַנציק יאָר אויסאַהלטן אַ אידישן קלוב, איז אַ וויכטיקער קולטור אויפטו, וועלכער באַווייזט אייער ערנסטע באַציאונג צו אונזער אידישער קולטור.

מיר ווינטשן אייך דערפאָלג אין אייער ווייטערדיקער אַרבעט, אין אייער נייער אייגענער היים, וועלכע וועט זיין מער צוגעפּאַסט פאַר ברייטערער קולטורעלער אַרבעט.

# די בויער פון דער נייער היים

— פונ׳ם —

## לאָס אַנגעלעסער אידישן קולטור קלוב

אייראָף, אַהרן און גאָסי
אַלקאָן, י.
אייווער, ל.
אַלפּערט, ל.
אייזום, ה.
אַפּעלבוים, א. י.
אייבראַמס, מ.
אייבראַמסאָן, ש.
אייגענס, דר. און מרת
אטלסבערג, ס.
אָסמאַן, י.
אייזענבערג, י.
איזגאַר, י.
אייקין, קיים
אַלפּערט, אַרט
בוירג, ב.
באָבאַר, י.
בראַקער, י.
באָבראָוו
באַביטש, א.
באַטשעלים, ב.
בערלינער, י.
בערמאַן, פּ.
באַנק, א.
ברייניו, ס.

בערגמאַן, מ.
באַראַק, ס.
באַרלין, ס.
בערנשטיין, ל.
בוירנס, א.
בלום, ב.
בראַון, ש.
בליו, ס.
באַטשעלים, שמר ראָוז
באַראָן, ד.
בלאַק, פּ.
בערקוט, סעם
בוירטאָן, בלומע
באַלאַט, ראָוז
גלאַסמאַן, ה.
גאָטליב, י.
גינזבערג, ל.
גינזבערג, ס.
גאָלד, ה.
גאָלדראַט, ה.
גאָלדבלום לייען קרייז
גאָלדאָן, ד.
גרינשפּאַן, דר.
גאָרין, י.
גינזבערג, מ.

גאָלדשטיין, ע.
גרעי, יעטא
גינזבערג, ה.
גאָלדבערג, י.
גאָלדמאַן, דזשעק
גאַנז, פּ.
גרינהאָף, ד.
גענדעלמאַן, י.
גאָלדבערג, י.
גאַף, ש.
גרינשפּאַן, י.
גאָרדאָן, בן־ציון
דיינער, מרת
דייוויס, ה.
דויטש, מ.
דאַווידאָוו, ל.
דובין, קלאַראַ
דובין, י.
וועקסלער, מ.
וויזלמאַן, מ.
וואָלאָשין, וו.
ווייסשטיין, י.
וויינשטיין, ב.
הערץ, מ.
האָכבערג, ס.
האָרליק, מרת
הילמאַן, א. מ.
האָפמאַן, י.
העסין, י.
הערמאַן, ה.
הענפאָרד בעג קאָ.
האָרעס, ל. און ג.
וויינטרויב, מ.

ווינער, ב.
וויינבערג, י.
וויינבערג, ב.
ווינאַרסקי, מ.
ווייסבערג, פּ.
ווייסמאַן, איוואַ
ווילקין, י.
זייד, יאָסל
צוקערוויז, מ.
זעלדין, ס.
טרובין, מ.
טענענהאָלץ, אליה
לעוויט, י.
לעין, אָליאַ
ליינגסנער, ד״ר
לעוויצקי, נ.
לערנער, פּ.
יאָנג, מ.
יעלין, ה.
לעווין, וו.
ליפּטאָן, ס.
ליפּמאַן, מ.
לעווין, סעם
ליוויי, י.
ליטאָף, מרס.
לאַסמאַן י.
מעליך, י.
מיילער, י.
מרגלית, מרת
מאַרגאָלין, י.
מעטאַל קרעפּט
פּראָדוקטס
מייזיל, מ.

מייזאָוו, מאַקס
מאַלערשטיין, י.
מילער, י.
מוירוויס, מ.
מאָנסאָן, ה.
מעזניק, מ.
מאָסט, ב.
מאַטוסאָף, ד.
מישקין, מאַקס
נאַאומאָף, א.
נעמצאָוו, ש.
ניומאַרק, י.
ניומאַן, ס.
נאָרמאַן, נ.
סינגער, ש.
סטעטמאַן, י.
סאָלניט, ב.
סאַול, עדי
סעסין, ד.
סינגמאַן, מ.
סאַרטאָ, וו.
עלייעס, ס.
ערנבערג, י.
פישער, ה.
פרימאַן, ס.
פלייער, ס.
פליק, ס.
פילער, א.
פריד, ס.
פרידמאַן (מישיגען)
פליק, ה.
פריינד, י.
פילד, י.

פרידלאַנד, י.
פריקל, א.
פרידמאַן בעג קאָ.
פישמאַן און זאַלצמאַן
פּייעס, י.
פּעסין, נ. ז.
פּען, ד"ר
פּערלמאַן, ה.
פּוירסעל, י.
פּאָוואַר, ס.
פּעסין, נ.
פּאָוואַר, מ.
פּאַמיליען פּלאָמבינג
פּאַלמער, י.
פּאַניק,
יוסף און פייגעלע
פילסאָן, ד"ר און מרת
פּאָגאָרעלסקי, י.
צייטלין, דר. און מאַרטא
צוקערמאַן, ש.
קאָפּילאָף, מ. ל.
קאַץ, ל.
קיפּניס, א.
קאָרנשטיין, י.
קראָל, ה.
קאַופמאַן, נ.
קאַמינסקי, טשאַרלי
קאַסטעל, מ.
קאַפּלאַן, י.
קענקער, י.
קאַהאַן, פּיטער
קוק, י.
קוק, דזש.

קוזניעץ, א.
קענער, אייב
קאָרן, בען
קאָרן, לעאָן
קאַמינגס, י.
קלין וועל קלינערס
קאַלווין, ע.
קאָהן, א. י.
קאָהן, בערנאַרד
קאַפּלאַן, דזש.
קאַרטער, מאַרק
קראַוז, עדי און ראָוז
קאַהאַנסקי, דוד
קליין, י.
קאַונסיל לייען קרייזן
ראָטבלאַט, מ.
ראָזענפעלד, יאָסעל
ראָזין, ל.
ריסקין, פּ.
ראָטבלאַט, א.

רילייעבל מעטרעס קאָ.
רובין, מ.
רודין אָפּהאָלסטערי
ראָטבלאַט, ה.
ראָזענטהאַל, נ.
ראַור, עליקס
ראָזנבלאַט, ה. און מילי
רויזענבלאַט לייען קרייז
שאַפּיראָ, חיים
שטיינבערג, יוסף
שטיינבערג, משה
שטערנפעלד, י.
שפּיגלמאַן, יוסף
שפּיגלמאַן, סאַול
שאָר, וו.
שייפער, י. ב.
שעכטער, ד.
שואוואַרגער, מ.
שוואַרץ, א.

# ביים פרישן קבר פון יוסף שטיינבערג

יוסף שטיינבערג, איינער פון די אָנגעזעענסטע געזעלשאַפט־ליכע טוערס דאָ אין שטאָט, איז געשטאָרבן, זונטיק, יאַנואַר דעם 6־טן, 1946, 10:30 אין אָוונט, נאָך אַן ערנסטער קרענק, וואָס האָט זיך געצויגן פאַר פילע חדשים. ער איז געשטאָרבן אין זיין היים, 1920 נ. אַלעקסאַנדריאַ עווע. אַרומגערינגלט פון זיין משפּחה.

יוסף שטיינבערג איז געבוירן געוואָרן מיט קנאַפּע 62 יאָר צוריק אין אַ קליין שטעטל, לאָמאז, שעדליצער ראַיאָן, אין אַ אָרעמער פאַמיליע. זיינע קינדער און פריע יוגנד יאָרן זענען געווען שווערע און זייער ביטערע. דער קליינער יוסף האָט אָבער פאַרמאָגט אַ גוט קעפּל, און דאָס האָט אים פּריוויליעגירט צו באַזוכן די אָרטיקע תלמוד־תורה, וואו ער האָט געקראָגן אַ נישקאָשידיקע אידישע דערציאונג. פון דער נאַטור באַשאָנקן מיט אַ שטאַרקן ווילן און אַ שאַרפן שכל, — האָט ער אויסגע־נוצט דאָס ביסל מאָגער וויסן צו דערגרייכן, אַליין דורך זיין אייגענער מי, אַ גאַנץ באַדייטנדיקע אינטעליגענץ. ער האָט אַ סך געלייענט, נאָכגעפאָרשט און זיך דערוואָרבן אַ מאָס וויסן, וואָס האָט אים אַרויסגעפירט אין דעם אידישן געזעלשאַפטליכן לעבן ווי אַ פירנדיקן און אַקטיוון טוער אין זייער פילע געזעל־שאַפטליכע און אין קולטורעלע טעטיקייטן. אין די מערסטע אינסטיטוציעס פון שטאָט האָט ער פאַרנומען אַ גאָר אָנזעעוודיק אָרט; מען האָט זיך צוגעהערט צו זיין קלוג און פּראַקטיש וואָרט.

מיט 25 יאָר צוריק האָט ער זיך באַזעצט מיט זיין פאַמיליע אין לאָס אַנגעלעס, וואו ער האָט אַנטוויקלט אַ דערפאָלגרייך געשעפט און איז היפּש רייך געוואָרן. ניט ווי דער שטייגער פון אַ סך אויפגעקומענע גבירים, איז ער, יוסף שטיינבערג, געווען אין דעם פּרט אַן אויסנאַם. ער האָט אין די לעצטע יאָרן געשטיצט געזעלשאַפטליכע, ווי קולטורעלע אינסטיטור־

ציעס; זיך אָפּגערופן אויף די מאָנונגען פון דער ציוניסטישער, איבערהויפּט דער ציוניסטישער ארבעטער באַוועגונג, און גע־ענטפערט מיט דער ברייטער האַנט.

יוסף שטיינבערג האָט געהאַט אַ שאַרפן חוש פאַר דאָס שע־נערע און בעסערע אין לעבן. ער האָט ליב געהאַט די אידישע ליטעראַטור און זי פאַרשטאַנען. ער אַליין האָט זיך אויסגע־צייכנט אַלס פאַרלייענער פון די בעסטע אידישע שריפטשטע־לער, ווי שלום עליכם, פּרץ, רייזען, אַש, הירשביין און אַנדערע. אין די יינגערע יאָרן פלעגט ער אָפט אויפטרעטן אויף דער אידישער בינע, זייענדיק אַ מיטגליד אין די דראַמאַטישע אַמאַ־טאָר קלובען. מיט זיין אומגעאַווירער ענערגיע האָט ער אָנ־געשטעקט די, וואָס אַרום אים און געשאַפן אַרום זיך אַ לעבע־דיקע אַקטיווע סביבה.

מיט דעם טויט פון יוסף שטיינבערג, פאַרלירט די אידישע געזעלשאַפט אין לאָס אַנגעלעס אַ קאַלירפולן מענטשן, אַ גוטן חבר און אַן איבערגעגעבענעם געזעלשאַפטליכן טוער.

אין דעם לאָס אַנגעלעסער אידישן קולטור קלוב איז ער גע־ווען איינער פון די וויכטיקסטע, אָנגעזעענסטע מיטווירקער. פאַר די אַלע יאָרן וואָס דער קלוב עקזיסטירט, איז ער געשטאַ־נען נאָענט צו די טעטיקייטן פון דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט אומצייליקע מאָל באַשיינט מיט זיין פאַרלייענען און מיטשפּילן די אָוונטן, וואָס דער קלוב האָט איינגעאָרדנט. די מיטגלידער פון דעם ל. א. אידישן קולטור קלוב וועלן שטאַרק פילן דעם גרויסן פאַרלוסט וואָס ער האָט דערליטן מיט דעם טויט פון יוסף שטיינבערג. זיין געדיכעניש וועט זיך לאַנג־לאַנג אויפ־האַלטן אין די ווענט פון דער נייער היים פון קלוב.

דער לאָס אַנגעלעסער אידישער קולטור קלוב דריקט דאָ אויס זיין טיפסטן מיטגעפיל צו זיין משפּחה און זיינע נאָענטסטע פריינט: צו זיין פרוי שיינע; זיינע זין: אייב און רובין שטיינבערג.

# חבל על דאבדין ולא משתכחין

| | |
|---|---|
| ש. עפּשטיין | ל. ראָט |
| א. האָרליק | חוה בראַון |
| חיים גאָלדבלום | א. ראדניק |
| חבר און חברה זאלצמאַן | ראבינס |
| חבר וויליאַם גאסין | יוסף שטיינבערג |
| פלארענס יעלין | א. מאגיד |
| מאַקס לאפּין | חברה פּאלמער |
| טילי - לאַפּין - יונג | זלמן ראָם |
| חברה הערמאַן | חיים מאַרגאָלין |
| אהרן שפּירא | אהרן מאַרגאָליס |
| דזשעני שפּירא | וויליאַם שטיינבערג |
| הבר גרינשפּאַן | יעקב לעהן |